# בילגאריי

## יזכור בוך

# בילגאריי
## יזכור בוך

מ. טייטלבוים   בילגאריי — יזכור בוך

אל
מלא
רחמים...



סודר ע״י תלמידי מכון קלרק, בית וגן, ירושלים.

Copyright by the Author

הציור: ב. לינקה, ווארשה.

המדפיס: שמעון הודס, דפוס מוזס, רח׳ פין 7, תל־אביב

ב"ה

# א פּאָר ווערטער וועגן בוך „בילגאָריי"

מיט א פארקלעמערט הארץ און טרערן אין די אויגן האָב איך געלעזן דאָס בוך „בילגאָריי" געשריבן פון חבר משה טייטלבוים.

אלס בילגאָרייער געבוירענער און וועלכער האָט פארבראכט אין דער שטאָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה און אויך א שטיק צייט פון דער דייטשער אָקופּאציע, און אלס איינער פון די וועלכע האָט צוּשטייער געגעבן אין די קרעמאטאָריום־אויבנס.... האָט מיך דאָס בוך דערמאָנט פיל בילדער פון אונדזער געוועזענע היים בילגאָריי. און דאָס הארץ יאָמערט ווען איך ליין א געשריבענע שורה אין דעם דאָזיקן מארטיראָלאָגיע־בוך.

עס איז צו באוואונדערן ווי איין יינגל וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון דער היים און זיין יוגנט אין דורכגעמאכט די גרויזאמע צווייטע וועלט־מלחמה, האָט זיך אונטערגענומען, צוריק קומענדיק פון וויטן סיביר, אָנצושרייבן א יזכור־בוך פון בילגאָריי, וואָס יעדער קאפּיטל אין אים ווארפט א אימה און מורא אויף דעם ליינער.

עס וויל זיך נישט גלייבן — און אפילו נאָכן איבערליינען דעם בוך — אז דאָס אלס האָט ווירקליך פּאסירט.

ליינענדיק די קאפּיטלען פון „בילגאָריי" פילט מען ווי דער מחבר האָט זיך באמיט ארויסצוברענגען פאר דער עפנטלעכקייט דעם אמת — נאָר דעם אמת — פון דער יידישער מארטיראָלאָגיע און באווייזן די מאָרד־טאטן פון דער דייטשע בעסטיעס אין זייערע מיטהעלפער אין אונדזער שטאָט בילגאָריי.

יעדער וואָס וועט ליינען די פרקים פון די „בילגאָרייער יידן אין די פּארטיזאַנישע מחנות", קאָן שטאָלץ זיין מיט אונדזער יוגנט וואָס האָט ארויסגעוויזן העלדישקייט און פארטיידיקט דעם כבוד פון יידישן פאָלק.

אין די 244 זייטן פון דעם בוך, האָט דער מחבר ארומגענומען א 400 יאָריקע תקופה פון בילגאָרייער יידנטום. פּאָרזיכטיק שפּאנט דער מחבר פון תקופה צו תקופה און ברענגט ארויס שוין האלב פארגעסענע בילדלעך פון בילגאָריי און אירע איינוווינער.

פון יעדער בלאט אין בוך שוועבן ארויס: געשטאלטן, שטובן, גאסן און געסלעך און דער ליינער, אין דעם מאָמענט, געפינט זיך ווידער אין דער אלטער היים בילגאָריי — צווישן אָט די געשטאלטן, שטובן, גאסן און געסלעך..

בלעטערנדיק אין דעם בוך וועט נישט איינער א פרעג טאָן: ווי האָט דער מחבר באקומען אזעלכע־שוידערליכע אָרגינאלע בילדער פון די בילגאָרייער קדושים? און פון וואנען האָט דער מחבר גענומען אָט די אלע גענויע דאטעס, נעמען פון מענטשן און מקומות? און דער אמת געזאָגט: זעלטן ווען עס איז גע לונגען אָנצושרייבן א יזכור־בוך מיט אזוי פיל גענויע פאקטן פון לעבן און אומקום.

דער ענטפער: האָבנדיק פאר זיך א הייליקן און אידעאלן ציל האָט דער מחבר, אין זיין צען יאָריקער אָנגעשטרענגטער ארבעט מיט מסירות־נפש און ברען זיך ארײנגעלאָזט און שאפן אָרגינאלן מאטעריאל ביי די בילגאָרייער לעבנגעבליבענע (סיי יידן און סיי קריסטן), געגריבלט זיך אין די פּוילישע און יידישע ארכיוון אין די פילע שטעט און שטעטלעך, ביי וועלכע ער האָט נישט איין מאָל געשטעלט אין געפאר זיין אייגן לעבן.

עס ליגן פאר מיר דריי דאָקומענטן פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין ווארשאַ וועלכע באווייזן אז גלייך נאָך דער באפרייאונג פון פּוילן איז דער מחבר באפולמעכטיקט געוואָרן דורך דעם דערמאָנטן אינסטיטוט צונויפצוזאמלען מאטעריאל וועגן בילגאָריי מיטן ציל ארויסצוגעבן א יזכור־בוך און דעסגלייכן האָט דער היסטאָרישער אינסטיטוט באשטעטיקט דעם ווערט פון דעם דאָזיקן בוך און באצייכנט אלס אינטערעסאנטער, וויכטיקער און אינהאלט־רייכער בוך.

איך גלויב אז מיט גרויס אינטערעס וועט יעדער בילגאָרייער ייד אויפנעמען דאָס דענקמאָל־בוך, און אז עס וועט נישט זיין קיין איין שטוב פון א בילגאָרייער ייד ווי דער בוך זאָל זיך נישט געפינען

איך דערלויב מיר זאָגן דעם מחבר: **יישר־כוחך!**

— — — — — — — — — — — — — —

**דער בוך „בילגאָריי" וועט תמיד דערמאָנען**
**און נישט לאָזן פארגעסן.**

**צבי דב בן חיים אנגר**
מנהל בית־ספר־ממלכתי־דתי בקרית־ים
קרית־ים, ערה"ש תשמ"ז

די בילגארייער קדושים וואס זענען
אומגעקומען אויף קדוש השם און די
געפאלענע בילגארייער יודישע פאר-
טיזאנער — געווידמעט.

דער מחבר



דער מחבר

משה טייטלבוים

# בילגאריי

## יזכור בוך

ירושלים תשט"ו - 1955



דער באוווסטער נדבן פון אמעריקע אלפרעד איליש,
משה אילישס אייניקל פון בילגאָריי, וועלכער האָט
געהאָלפן דערשינען דעמדאָזיקן יזכור־בוך.

The noted American philantropist Alfred Ellish, grandson of Mosea Ellish of Bilgori, who contributed to the publication of this memorial book.

# אינהאלט:


ארײנפיר

בילגאַריי

די בילגאַרייער יידישע באפעלקערונג פאר די לעצטע 50 יאָר

די רבנים דינאסטיע אין בילגאַריי

יידישע יום־טובים אין בילגאַריי

ציוניסטישע באוועגונג אין בילגאַריי

בילגאַרייער יידן אין שטאָט ראט

די זיפערס

דעם שליחס דערציילונג

ר׳ יצחקל הסדו

אינטערסאנטע טיפן פון בילגאַריי

די שריפה

דער ארײנמארש פון דער דייטשער ארמיי

דער ארײנמארש פון דער רויטער ארמיי

דער צווייטער ארײנמארש פון דער דייטשער ארמיי

בילגאַרייער יידן אונטער דער דייטשער הערשאפט

דאס וואר נאָר איין שפאס

חוה פעפער פון טארנאָגראָד דערציילט

בילגאַרייער יידן אין פארטיזאנישע מחנות

בילגאַרייער יידן אין געטאָ

ליקווידאציע פון בילגאַרייער געטאָ

ליקווידאציע פון קליינעם געטאָ

די לעצטע צוויי יידן פארלאָזן דעם בילגאַרייער געטאָ

יזכור

# א ר ײ נ פ י ר

מיט געבויגענע קעפּ און צעבראָכענע הערצער שטייען מיר ביים אויפדעקן דעם דענקמאָל פון אונדזער פארטיליקטער היים — דעם יזכור בוך:

ב י ל ג אָ ר י י!

צו גרויס איז דער ווייטיק און צו אָרעם וועלן זיין מיינע ווערטער, ארויסברענגען דאָס, וואָס איז געווען א מאָל, און וועט קיינמאָל מער נישט זיין!

אין די אומרואיקע טעג פון פיין און געראנגל, אין ווייטן רוסלאנד, ווען עס איז צו אונדז דערגאנגען די ערשטע ידיעות וועגן העלדישן וואַרשעווער אויפשטאנד און די גרויליקע בשורות פון די פארטיליקטע יידישע יישובים אין פוילן — אין יענע אומרואיקע טעג האָט מיר מיין ווייטיק געמאָלן בילדער פון בילגאָריי. אין יענע טעג זענען מיינע פארפייניקטע ברודער און שוועסטער מיר נאָכגעגאנגען, און מיט זייערע בייניקע פינגער געמאָנט א תקון פאר זייער פארשניטן לעבן, אז זייער זכר זאָל נישט פארגעסן ווערן.

דעמלט האָב איך גענומען די פען און אָנגעהויבן צייכענען דעם ערשטן בלאט פון ס פ ר ־ ה ז כ ר ו ן!

קומענדיק קיין פוילן מיט דער רעפּאַטראַציע, האָב איך זיך געטראָפן מיט די ערשטע נצול־געוואָרענע פון בילגאָרייער געטאָ, ביי וועמען איך האָב געבעטן גבית עדות וועגן אומקום פון בילגאָרייער ישוב.

צום באדויער האָב איך אָנגעטראָפן אויף פארשטאָפּטע אויערן. דאָס זענען נישט געווען קיין מענטשן צו וועלכע מ׳קאָן האָבן טענות. דאָס זענען געווען שאָטנס פון מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין שטענדיקן פחד, און נישט געקאָנט — נישט געוואָלט ארויסרופן אין זכרון יענע גרויליקע בילדער פון דער פינצטערער אָקופּאַציע נאַכט.

# אריינפיר

איינציקע האָבן זיך שפּעטער מיט א צייט באַפרייט פון דעמדאָזיקן קאָשמאַר, און האָבן מיר געהאָלפן אין מיין אַרבעט. די ערשטע וואָס זענען מיר צוהילף געקומען, און וועמען איך בין דאַנקבאַר זענען ווי פאָלגט: לייזער (אליעזר) פּרוכלענדער, ישראל גייסט און די טאַרנאָגראַדער פרוי חוה פּעפּער.

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשאַ, איז מיר צוהילף געקומען אין מיין אַרבעט — מיר געגעבן די מעגליכקייט צוצוקומען צו די אַרכיוון און זיך באַנוצן מיט די נויטיקע דאָקומענטן.

ליידער, זענען די גבית־עדות פון די על־פּי נס לעבנגעבליבענע, ווי די דאָקומענטן פון היסטאָרישן אינסטיטוט, געווען, ווי א טראָפּן אין ים.

זיי האָבן מיר גאַנץ ווייניק דערציילט.

איך האָב מיר שוין דעמלט געשטעלט פאַר א ציל אַרויסברענגען צו דער אויפמערקזאַמקייט פון דער ברייטסטער עפנטלעכקייט, נישט נאָר דעם פּאַסיוון ווידערשטאַנד פון בילגאָרייער יידנטום, נאָר ווייזן ווי בילגאָרייער יידן האָבן מיט געווער אין האַנט, געקעמפט קעגן די דייטשע רוצחים, און פאַרטיידיקט זייער כבוד און דעם כבוד פון פאָלק.

דאָ איז מיר צוהילף געקומען דער בילגאָרייער פּאַרטיזאַנער מרדכי שלייכער, וועלכער האָט געקעמפט אין יענע געגנט קנאַפּע דריי יאָר.

אָנגעלאָדן מיט די ערשטע גבית־עדות האָב איך זיך, אין 1946, צום ערשטן מאָל, א לאָז געטאָן קיין בילגאָריי. דאָס איז געווען אין דער צייט פון קעלצער פּאָגראָם, ווען מ׳האָט די יידן געוואָרפן פון לויפנדיקע באַנען.

באַלד ביים אַריינפאָר אין שטאָט האָט אַן אייזנאַמקייט אין טרויער מיך אַרומגענומען. איך בין געבליבן שטיין אינמיטן מאַרק א פאַריתומטער אין א פאַריתומטער שטאָט. א שטאָט וואָס האָט ערשט מיט זעקס יאָר צוריק געשפּראָצט מיט יידיש לעבן.

איך בין געקומען זוכן מיין שטוב און געפינען א גרוב...

דאָס בוך „בילגאָריי״ איז געשריבן געוואָרן אויף די חורבות פון דער שטאָט ממש: אויף די צעפאַלענע ווענט פון דער גרויסער שול, אויפן מאַרק ווו די באַלעגאָלעס זענען געשטאַנען מיט זייער וועגנער, אויפן אָרט פונם געוועזענעם געטאָ, אויפן אָרט פון דעם „שעכט פּלאַץ״ — ביי דעם פּלומפּ פון וואַסער אויף דער דריטער מאַי גאַס, אין אויפן הייליקן אָרט, א ווו עס האָבן איבערגעבליבענע

# אריינפיר

בילגאַרייער יידן צוזאַמענגעבראַכט די צוגערויבטע מצבות.

דער בוך „בילגאַריי״, איז א רעזולטאַט פון קנאַפּע 10 יעריקער אָנגעשטרענגטער ארבעט.

איך האָב זיך באַמיט צו זיין, ווי וויט מעגלעך אָביעקטיוו ביים באַהאַנדלען די יודנראַט־פּראָבלעמאַטיק און ביים מאַכן אויספירן.

איך האָב דעם בוך איינגעטיילט אין דריי טיילן. דער ערשטער טייל נעמט — ארום די באַשרייבונג פון בילגאַריי ביז דער צווייטער וועלט מלחמה 1939. דאָ איז מיר אַנטקעגן געקומען מיין פאָטער לייביש טייטלבוים מיט דעם מאַטעריאַל: זכרונות, דערציילונגען פונם לעבנס־שטייגער און מיט דעם ספּעציפישן בילגאַרייער הומאָר. איך בין זייער דאַנקבאַר מיין פאָטער פאַר דער אומשאַצבאַרער הילף אָן וועלכער דער בוך וואָלט פיל פאַרלאָרן.

דער צווייטער טייל נעמט־ארום די אָקופּאַציע צייט, מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און גבית־עדות פון ניצל געוואָרענע בילגאַרייער יידן.

דער דריטער טייל נעמט־ארום א טרויער־רשימה פון בילגאַרייער יידן, וועלכע זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

גלייכצייטיק וויל איך זייער בעטן, מען זאָל מיר מוחל זיין און נישט נעמען פאַר שלעכט, אויב עס זענען ארויסגעפאַלן אייניקע נעמען פון די קדושים. זאָל אויך געהייליקט ווערן דער זכר פון די, וואָס זייערע נעמען זענען צוליב טעכנישע סיבות, אין דעמדאָזיקן יזכור־בוך נישט דערמאַנט געוואָרן.

דער־דאָזיקער יזכור־בוך פאַראייביקט נישט נאָר די שרעקלעכסטע קאַפּיטלען פון יידישן לעבן אין בילגאַריי — ער פאַראייביקט אויך איינע פון די שענסטע גבורה'דיקע קאַפּיטלען אין די בלוטיקע מלחמה־יאָרן.

די יידישע בילגאַרייער יינגלעך וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנטקע, האָבן בייגעטראָגן א גאָר גרויסן חלק אין קאַמף קעגן דער דייטשער בעסטיע. זיי האָבן געהויבן דעם יידישן כבוד און אריינגעשריבן א הערליך קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון קאַמף מיטן דייטש. דער יזכור־בוך וועט דעם קומענדיקן היסטאָריקער דינען ווי א מקור פון אומצאָליקע פאַקטן און העלפן שאַפן דאָס בילד פון דער יידישער — בילגאַרייער טראַגעדיע.

# אריינפיר

זאָל דערדאָזיקער בוך זיין אן אָנדענק פון אונדזער חרוב־געוואָרענער שטאָט ב י ל ג אָ ר י י, אירע קדושים טהורים פארשניטענע פון דעם דייטשן־עמלק.

ת. נ. צ. ב. ה.

# ערשטע טייל

# בילגאָריי

בילגאָריי...

מיר הייבן־אָן א בלאט פון בילגאָריי אין יידישן יזכור־ספר פארשרייבן. א חשובער גליד איז בילגאָריי געווען אין מדינת פולין און אלס עלטערער ברודער זיך פארעכנט צו די יידישע ישובים ארום. דער לוח פון בילגאָריי ווי אן עיר ואם בישראל גרייכט אזש אין 16־טן יאָרהונדערט אריין.

לײדער זענען פארבליבן זייער ווייניק דאָקומענטן און עס האָט זיך נישט איינגעהיט דער פנקס פון דער בילגאָרייער יידישער קהילה פון די פריערדיקע צייטן. פרווון מיר איצט לויט אָפיציעלע און אומאָפיציעלע דאָקומענטן און אינפאָרמאציעס רעסטאווירן אירע אמאָליקע געשיכטלעכע שפורן און פארצייכענען איר פארגאנגענהייט.

בילגאָריי פון אמאָל

(געשיכטלעכע פארצייכענונגען)

בילגאָריי, לובלינער גובערניע, געפינט זיך דרייסיק קילאָמעטער פון דער עסטרייכישער גרעניץ. געוויסע געשיכטלעכע פאקטאָרן באווייזן אונדז, אז בילגאָריי האָט אונטער זיך געשיכטע פון א פאָר הונדערט יאָר. אין בילגאָריי, ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה זענען געווען געוויסע סימנים פון אן אלטן יידישן ישוב. אין בילגאָריי זענען ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען מצבות וואס האָבן געטראָגן דאטעם פון 16־טן יאָרהונדערט.

די אלע שפורן פון אמאָליקן און פארמלחמדיקן יידישן ישוב אין בילגאָריי זענען אין דעם גרויזאמען פאָלקס־חורבן אפגעמעקט געווארן און א חוץ אומבאקאנטע קברים איז אין בילגאָריי גאר נישט געבליבן. די פאליאקן האבן פלייסיק אויסגעפילט די דייטשע באפעלן: אויסגעריסן די מצבות, פאראקערט דאָס בית־הקברות און אויסברוקירט די בילגאָרייער גאסן און די ארייגענג צו זייערע הייזער מיט דידאָזיקע מצבות.

בילגאָריי האט אויך איבערגעלעבט די קאטאסטראפאלע אויפטרייסלונגען,

# בילגאָריי

וועלכע האָבן פארפולט אונדזער געשיכטע מיט איכות און קינות — מיט־געטיילט דעם גורל פון הונדערטער יידישע ישובים — די יארן פון ת״ח ות״ט, ווען באָגדאן כמיעלניצקי, דער היטלער פון יענער צייט, האט אויסגעשאכטן הונדערטער יידישע ישובים.

נאָך דער אלגעמיינער צעטיילונג פון פולין אין 1795, ספעציעל נאָכן ווינער קאנגרעס פון די גרויסע מלוכות ; רוסלאנד, דייטשלאנד און עסטרייך, ווערט א גרויסער טייל פון פולין באוווסט ווי רוסיש פולין, און אין יאר 1815 — א מין פראווינץ פון רוסלאנד. פון אויפשטאנד פון די פאליאקן אין זייער באפרייאונגס־קאמף אין יאר 1381 זענען נישט פאראנען קיין גינסטיקע פאקטארישע באווייזן, עס זאל האבן פארגעקומען אין בילגאריי וועלכעס ס׳איז אפּראציעס מצד די אופשטענדלער. אגב־אורחא, די געגנט איז געבענטשט מיט געדיכטע וועלדער און ס׳איז באוווסט, אז אזלכע קאמפן זענען פארגעקומען אין אנדערע טיילן פון לאנד אונטער דער פירערשאפט פון פולישן פאלקס־העלד דאמבראווסקי.

עס איז באקאנט אז צוריק מיט 60־יאר בערך איז אויסגעבראכן א שרעקלעכע שריפה אין בילגאריי בעת וועלכער ס׳איז אָפּגעברענט געוואָרן כמעט דאס גאנצע שטעטל. ס׳איז דעמלט פארברענט געוואָרן אויך די איינציקע אין שטעטל האלצערנע שול.

אין תמ״ח איז מיט דער הילף פון דעם לאנגיעריקן ראש־הקהל איציק ר׳ מאטעלעס אויפגעבויט געוואָרן די שול, וועלכע איז געשטאנען ביז היטלערס ימח שמו, צייטן, אין וועלכע די שול איז חרוב געוואָרן. ווען מ׳האט געשטעלט די שול איז אראָפּגעקומען דער לובלינער גובערנאטאר און ער האָט געלייגט דעם ווינקלשטיין פון דער שול. די גאנצע צערעמאניע איז פארשריבן געוואָרן אויף פארמעט און איינגעמויערט געוואָרן אונטערן בעלעמער.

דאס קליינע בית־המדרש אויפן הויף איז געווען אויפגעבויט מיט 125 יאר צוריק בערך. דאס בית־המדרש איז אויפגעשטעלט געוואָרן מיט דער הילף פונם אָנגעזעענעם בילגאָרייער תושב ר׳ שמואל אלי שווערטשאפט. ר׳ שמואל אלי איז געווען א זון פון ר׳ אליעזר דעם מגידס פון לובלין. ר׳ שמואל אלי איז געווען א חשוב ביי דער צארישער מאכט. ער איז געווען אן אפטער איינגייער ביים צארישן מיניסטער פאלאטאוו, וואס האט געהאט זיינע

# בילגאַריי

גיטער ביי בילגאַריי.

צו יענער צייט האט שטארק געבליט דער מסחר אין בילגאַריי, ספּעציעל דער ברייט־פאַרצווייגטער, און פאַרבאַטענער, האנדל מיט דער עסטרייכישער גרעניץ. אין שטאט זענען געווען פיל יידן וואס האבן זיך פאַרנומען מיט „שווארצן" די גרעניץ און ברענגען סחורות פון עסטרייך. פון בילגאַריי פלעגט מען יעדן דאנערשטיק באנאכט „איבערשווארצן" פערד איבער דער גרעניץ קיין עסטרייך. די פערד פלעגן געבריִנגט ווערן קיין טארנאָגראד. דארט האבן שוין אָפּגעווארט ספּעציעלע פאַרבינדלער, וואָס האָבן די סחורות צוגעשטעלט איבער דער גרעניץ. די אזויגערופענע „קאנטראבאנדיסטן" פלעגן פון עסטרייך קיין בילגאַריי ברענגען פאַרשידענע טעקסטיל־סחורות ווי אטלאס אויף קאפּאָטעס זיידענע פאַרטשיילעס, צייג, בהעמישע לייוונט וכדומה. פיל יידן אין שטאט זענען רייך געווארן פון דעם פאַרבאָטענעם האנדל וועלכער איז אָנגעגאנגען יאָרן לאנג.

בילגאַריי אין פאַרגלייך מיט די פּראווינציעלע שטעטלעך פון אַט־דעם פאַרנעם, האָט געהאט אנטוויקלט א שטארק געזעלשאפטלעך־פּאָליטיש לעבן. די רעוואלוציאנערע שטימונג פון אנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָט געפונען א שטארקן אָפּקלאנג ביי דער בילגאַרייער יוגנט.

די ערשטע פּרוּוון אָרגאַניזירן די בילגאַרייער יוגנטלעכע ארבעטער אין געזעלשאפטלעכן לעבן זענען געמאכט געוואָרן אין 1902. בראש פון דער באוועגונג זענען געשטאנען: יאנקעלע בוכטיס, לייבא פוקסמאן ווי אויך דער פאָטאָגראַפיסט אפרת, וואָס איז פון זיין זייט געקומען קיין בילגאַריי פון דער פרעמד אין געארבעט ביי ווערנערן אין דער טיפּאָגראַפיע.

צו יענער צייט איז שוין אין פיל שטעט און שטעטלעך אָרגאַניזירט געווען א שטארקע סאָציאַליסטישע באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער. דידאָזיקע באוועגונג איז געווען אומלעגאַל. א פּאָר יחידים פלעגן קריגן פון זאמאָשטש און ווארשע אומלעגאַלע ליטעראַטור און זיי פלעגן פאַרשפּרייטן עס צווישן די בעלי־מלאכות אין יוגנט און א קליינער קרייז פון „לינקע" פלעגן אפּהאַלטן פאַרזאמלונגען אין וואלד, נישט ווייט פון דער קליינער וואַליע. צו אזעלכע פאַרזאמלונגען פלעגן די ארבעטער אראָפּברענגען ספּעציעלע רעפערענטן פון קולטור־צענטער, פון זאמאָשטש. די ארבעטער זענען געווען אין שטענדיקן

## בילגאַריי

קאָנטאַקט מיט די ארומיקע שטעטלעך.

אָן ענדערונג איז פאָרגעקומען אין די יאָרן 1904 — 1905 בעת דער יאַפּאַניש־רוסישער מלחמה. דעמלט האָט זיך א רעוואָלוציאָנערע כוואַליע פונדאַרגעגאָסן איבער גאַנץ רוסלאַנד. אויך אין בילגאָריי האָט זיך אָנגעהויבן מערקען אַן ענדערונג אין דער שטימונג. די אַרבעטער זענען אַריבער אין האַלב־אָפענע דעמאָסטראַציעס און שטרייקן און געפאָדערט די מינימאַלע פאַרזיכערונג פאַר זייער עגזיסטענץ.

אין בילגאָריי, נאָך דער ערשטער וועלט־ מלחמה האָט פונקציאָנירט א אומלעגאַלע קאָמוניסטישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. צו דערדאָזיקער אָרגאַניזאַציע האָט געהערט א היבש ביסל אינטעליגענץ און אַרבעטער. די טעטיקייט צווישן די פאָלקס־מענטשן איז אָנגעפירט געוואָרן דורך דער יידישער פּאַרטיי־אָפּטיילונג און אויך געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּוילישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

די בילגאָרייער בעלי־מלאכות האָבן זיך אין יאָר 1925 אָרגאַניזירט אין א פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. דערדאָזיקער פאַריין איז ספּעציעל וויכטיק געווען פאַר די צעכן. א בילגאָרייער יידיש יינגל, לויטן געזעץ, האָט זיך נישט געקאָנט אויסלערנען א פאַך, אויב ער האָט נישט געפונען קיין בעל־מלאכה, וואָס איז געווען א מיטגליד פון א צעך. ביי דעם האַנטווערקער־פאַראיין איז געשאַפן געוואָרן די איינציקע אין שטאָט „גמילות חסדים" קאַסע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן לאַנגטערמינעקע (אָן פּראָצענט) הלוואות די אַרבעטער וואָס האָבן זיך אין הילף גענויטיקט.

# די בילגאַרייער יידישע באַפעלקערונג
# פאַר די לעצטע פופציק יאָר

די יידישע באַפעלקערונג אין בילגאַריי האָט געציילט 5 טויזנט נפשות. ווי אין אַלע פוילישע שטעט, איז אויך צווישן די יידן אין בילגאַריי, געווען פיל בעלי־מלאכות, קלענערע און גרעסערע סוחרים, אינטעליגענץ און כלי־קודש.

דער גאַנצער אינערליכער האַנדל איז געלעגן כמעט אין יידישע הענט. פון דער גרויסער צאָל קראָמען, וואָס האָבן אויסגעפילט די טאַרנאַגראַדער גאַס, אין מאַרק און נאָך אַנדערע גאַסן זענען סך־הכל געווען עטלעכע נישט־יידישע. עס זענען געווען פיל קראָמען פאַרן באַדאַרף פון דער אַרומיקער דאָרפישער באַפעלקערונג.

יעדן דאָנערשטיק איז אין בילגאָריי געווען אַ יאַריד. יידן טאַנדייטניקעס אין יידישע תבואה־סוחרים, פערד־הענדלער, זענען זיך, אויף די דאָזיקע יאַרידים צוזאַמענגעפאָרן און געהאַנדלט געשמאַק מיט די פויערים וועלכע זענען פון זייער זייט געקומען אויפן יאַריד מיט זייערע לאַנד פּראָדוקטן.

אין תבואה האַנדל האָבן יידן פאַרנומען דעם אויבנאָן. געווען גרויסע תבואה סוחרים, וואָס האָבן געקויפט — פאַרקויפט תבואה אויף אַ גרויסן פאַרנעם.

די תבואה סוחרים זענען געווען: אליעזר גאָלדברענער. שבח ווערמוט. יוקעוו לוסטרין. לייבע גאָלדברענער, מרדכי שולמאַן. די פויערים פלעגן אַ חוץ קאַרטאָפל, עופות, תבואה, האָלץ, ברענגען אין שטאָט אַריין בהמות און פערד.

די אָנגעזעענע פערד־הענדלער אין בילגאָריי זענען געווען: לייביש קאַליקשטיין, לייביש גרייצער, לייביש בענדלער־און יהודה בענדלער.

פאַר די אָפּגעלייזטע געלטער פלעגן די פויערים איינקויפן ביי די יידן אַלץ, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט פאַר באַלעבאַטישקייט. די מאַרק האָבן זיך געבראָכן מיט די באַרימטע גאַרייער אויבסטן, וועלכע פלעגן פאַרשמעקן דעם מאַרק מיט

## בילגאָריי

זייערע ריחות. ווייבער מארק־זיצערנס (די לאי[illegible] פייגע, בריינע די יונעווערן, בריינע איצה, טאבע מאנדל, מלכה די קאקלערנס, ביילע האלץ אין די שווארצע לאה) האבן פארקויפט צו די פויערים זוסע קיכלעך, גאזאָטענעס באָב און פון דעם געצויגן חיונה.

יידישע ווייבער אין בילגאריי פלעגן צעטראגן פראדוקטן אין די הייזער פון קריסטן: ביילע פרוימס. ביילע שמערלס. חיה ייטע. עלקע הערשעלע מאלערס פרוי).

געווען זענען אין בילגאָריי דאָרפגייער, הענדלער וועלכע גייען ארום איבער די דערפער און פארקויפן פארשידענע סחורות. די דאָרפגייער זענען געווען: בלימה קראפ, הערש לייב שפאק, דויד צלוועס, זיין ברודער משה צלוועס, קסיל קישעל, דער קליינער וועלוועלע.

געווען זענען אויך אגענטן (שפיליטערעס) וועלכע האָבן געהאט סחורות פון ווארשע און אנדערע גרעסערע אינדוסטריע־צענטערן, און זיי פארקויפט צו די דעטאל־סוחרים פון בילגאָריי. אזעלכע זענען געווען: לייבא פייפער, פייוויש ווייסמאן און א זאמאָשטשער שפיליטערער מענדל שאץ. עס זענען געווען באוווסטע פלאקס־סוחרים און סוחרים וואָס האָבן עקספּאָרטירט אייער. זיי זענען געווען: שלמה ישראל שטול, דניאל לייטער, שמואל קליימינץ און קסיל הירשמאן פון זאמד.

די יידן האָבן געשפילט אין בילגאָריי די וויכטיקסטע ראָלע איןווירטשאפטלעכן לעבן. בילגאָריי האָט געהאט א גרויסן אומגעגנט צו באדינען. טאנדעטערס און קליינע סוחרים פלעגן אויך פאָרן אויף יארידים. יעדן מאָנטיק קיין פראַמפּאָל אין יעדן דינסטיק קיין טארנאָגראד. די טאנדעטערס זענען געווען: לאזער קלאץ, לייביש קלאץ, מתית קלאץ, ברוך קלאץ אברהמעלע קופע־מאן, יהושע שניידער, לייבא שניידערבעג און נאָך אנדערע.

אויך מלאכה איז געלעגן כמעט אין יידישע הענט. קודם־כל שוסטעריי און שניידעריי, היטל־מאכערס, סטאָליערס, בלעכער, מאלערס, מוליארעס (די מלאכה האָט געקאָנט איין ייד אין שטאָט—טעוול מולער).

גרויס איז געווען די צאָל טרעגערס און בעלי־עגלות. די טרעגערס זענען געווען אויסשליסלעך יידן.

אין בילגאריי זענען געווען גרויסע אָפּטיילונגען פון גרויסע אויסלענדישע

## די בילגאָרייער יידישע באַפעלקערונג פאַר די לעצטע 50 יאָר

פירמעס, וועלכע פלעגן קויפן האָלץ ביי דעם כראַביע זאַמאיסקי: „פרענקל" „שליט" און נאָך אַנדערע. אין דידאָזיקע פירמעס זענען געווען באַשעפטיקט פאַלגנדיקע בילגאָרייער יידן:

יענקעלע גאָטליב מיט זיינע קינדער, אַלטער שאַפּירא, יצחק איטשע באַשעס (ר׳ יצחק פלאַמענבלום פלעגט שיקן מיטן וואַסער האָלץ קיין גדאַנסק) לייביש פלאַמענבוים, הערש סטעמפּל אברהם שמואל פלאַמענבוים, אלי האָכמאַן, נתן טענענהאָלץ און נאָך אַנדערע.

יידל שאַרף איז געווען אַן אייגנטימער פון אַ טאַרטיק און אַ מיל.

אַרום בילגאָריי זענען געווען פיל וועלדער וועלכע האָבן געהערט צו די אויבנדערמאָנטע כראַביעס די גרעסערע קאָנטאַרן פון דעם כראַביע זענען געווען אין זוואַרזשינעץ. יידישע האָלץ־סוחרים פון בילגאָריי האָבן פיל געהאַנדלט מיט דעם כראַביע אין דערביי געמאַכט גוטע געשעפטן. די סוחרים זענען געווען: די ברידער הארמאַן, ר׳ שמואל האָניגבוים, ר׳ יחזקאל אַרביספעלד, ר׳ אַברהמעלע גרינאַפּל. געווען גרויסע האָלץ־סוחרים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט רעגירונג־וועלדער: הערש יוסף צימרינג, פּינע צימרינג און די משפחה ראָזנבוים, העשל האָניגבוים, שמואל יוסף שפּער, חיים מרדכי הערשנהאָרן, און זיין ברודער נתן, יעקב שטערן און נאָך אַנדערע.

אין בילגאָריי איז געווען אַ סאָדע־וואַסער־פאַבריק וואָס האָט געהערט צו יונה ראַפּער. זיין פאָטער שלום און הלל יאָניוועך האָבן בשותפות עקספּאָרטירט אין אַלע טיילן פון לאַנד רויע פעל, וואָס די קצבים אין היצעלס פלעגן זיי צושטעלן. די יאַטקעס זענען געשטאַנען אין מאַרק, נעבן אַפּטייק. אויך די קצבים האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גאַנצע „דינאַסטיע". טאַטעס, זיידעס, אייניקלעך: די הופעס, די פלאַטשעס, די בראָמבערגס, די גליקלעכס און שמעון מרדכי קצב מיט זיינע בני־בית.

באַדייטנדיק האָט זיך זומער־צייט אַנטוויקלט דער עקספּאָרט פון יאַגדיס און באַרעוקעס. דעמדאָזיקן פּראָדוקט האָט מען מאַסינווייס עקספּאָרטירט אין אַלע טיילן פון פּוילן.

דאָס געזעלשאַפטלעכע און רעליגעזע לעבן אין בילגאָריי.

בילגאָריי איז געווען אַזוי ווי ס׳רוב יידישע שטעטלעך אין אָנהייב פון 20־טן יאָרהונדערט: אַ שטאָט פון פרומע גאָטספאָרכטיקע יידן. די שול אין בית המדרש

# בילגאָריי

און די פּאָר חסידים־שטיבלעך זענען געווען דער צענטער פונם רעליגיעזן לעבן.

אין בילגאָריי זענען געווען אינסטיטוציעס, פון דעם מין, וואָס יידן האָבן אויפגעהאַלטן אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן, דער מדינה.

ס׳איז געווען א „לינת הצדק״ און א „בקור־חולים״. דער פּרעזעס פון בקור חולים איז געווען ר׳ לוי שטערן. די אויפגאַבע פון „לינת־הצדק״ איז געווען צו־העלפן די קראַנקע מיט מעדיצינישער הילף. עס האָט עקסיסטירט אַן הכנסת אורחים, א חברה־קדישא, און נאָך אינסטיטוציעס. די הכנסת־אורחים איז געווען אַלע יאָרן ביי מעכל סטאָליער, ביי דער בריק.

אין בילגאָריי איז געווען א בית־לחם, וועלכער האָט באַזאָרגט מיט חלה אויף שבת די אָרעמעלייט פון דער שטאָט. דאָס בית־לחם האָט זיך געפונען אין אַ אָפּגעזונדערטן צימער ביי ירמיהו דעם שניידער, אין הויז. דער גרינדער און דער הויפּט־פאַרזאָרגער פון דעם בית־לחם איז געווען דער אַמאָליקער זיפער משה שמאַטשיאַש. ביי אים איז געווען א רשימה פון פרייוויליקע בילגאָרייער יידן, וועלכע פלעגן יעדן פרייטיק זיך אַרויסלאָזן איבער דער שטאָט און צוזאַמענעמען ביי די שטאָט־בעלי־בתים חלה אויף שבת פאַר די נויטבאַדערפטיקע.

געווען זענען אין בילגאָריי חדרים מיט מלמדים און אויך א ישיבה וואָס בחורים האָבן „געגעסן טעג״ און געזעסן על תורה ועל עבודה. ר״ משה פּראָסט, דער גביר, געקומען פון אַמעריקע, האָט אויסגעבויט פאַר זיין אייגן געלט די ישיבה אויפן שול־פּלאַץ. ס׳האָבן געלערנט תורה די בחורים פון בילגאָריי און פון די אַרומיקע שטעטלעך. ביז דער שריפה, אין וועלכער עס איז אויך פאַרברענט געוואָרן די שול, האָט פון דעם שול־פּאַסאַד אַראָפּגעשיינט די אָנשריפט פון איר נדבן און מוסד: ר׳ משה פּראָסט און די נעמען פון זיין משפחה.

בילגאָרייער יידן זענען געווען פרום. יידישע קינדער, וועלכע האָבן געמוזט באַזוכן די פּוילישע שול, האָבן זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, ווייל דאָרט אויף די ווענט זענען געהאַנגען די בילדער פון דער נוצרי... האָט מען די פּוילישע לערער געדונגען, פאַר גוט באַצאָלט, צו קומען לערנען מיט די קינדער „אַביסל גויאיש״ טאַקע אין דער ישיבה...

דער מנהל פון דער דאָזיקער ישיבה איז געווען ר׳ יעקב לאַזער גאָלדברענער.

און א יום־טוב, א שמחה איז געווען אין בילגאָריי, בעת מען האָט די ישיבה געעפנט: א גרויסע סעודה איז געגרייט געוואָרן. פאַרשידענע רבנים און ראשי־

## די בילגאַרייער יידישע באַפעלקערונג פאַר די לעצטע 50 יאָר

ישיבות זענען זיך צו דערדאַזיקער שמחה צינויפגעפאָרן. ס׳איז אפילו געקומען א דעלעגאט פון דעם בארימטן גאון, דעם ראש הישיבה פון „ישיבת חכמי לובלין" הרב שפירא ז״ל.

די אמעריקאנער יידן האָבן די ישיבה־בחורים געשיקט א מתנה צו דער דערעפונג: מלבושים, נייע און אָפּגענוצטע, און געלט. די אמעריקאנער יידן פלעגן נישט פארגעסן זייערע אייגענע פין זייער היים־שטאָט בילגאַריי. אויף יעדן יום־טוב ספעציעל אויף פסח, פלעגט אָנקומען געלט פאר נויטבאדערפיקע וואָס פלעגט דורך א שטאָטישן קאָמיטעט צעטיילט ווערן צו דער צייט און מיט כבוד. דער וועד איז געווען: ר׳ מאטעלע ז״ל, יונה אקערמאַן, אהרון וויינבערג, שיינוואלד הערשעלע. עס איז געווען נאָך א וועד וואָס האָט צעטיילט געלט אויף יום־טובים. דער וועד איז געווען: מרדכי לאבערבלאט, חיים אלי אנגער, בערל בערגעפריינד, סענדער קעניגסבערג.

אויך א תלמוד־תורה איז געווען אין בילגאַריי, אויסגעהאלטן פון דער קהלה.

ס׳איז געגען א חברת תהילים, וועלכע פלעגן מיט טאָג צוגלייך אופשטיין צו דינען גאָט מיט די געזאנגען פון דויד המלך: אייזיק רענער, חיים איליש, משה הערש קובעס (איליש) נפתלי צילערמאַן, יוסף טייטלבוים, אבא לייב שלערטערמאַן, משה איליש, אליעזר טייער, לייביש קלאָץ, מאטיס קלאָץ, חנינה קלאָץ, ברוך קלאָץ, לייביש שניידערבערג, יהושע שניידער, בינעם בערגערפריינד, שמחה בין — להבדיל לחיים. וואָלף געדאליעס, מאיר סטאָליער, נתן פרילינג, הערש קניאזש, זשישע שמאלץ, יוקל בערגערפריינד, לייביש יוסף פלאטש, יחיאל פלאטש, שמשון האָף, משה פעסט, הלל גליקלעך, פראַים שלעכטערמאַן, שלמה בענדלער, חנינה טויטמאַן, דויד זאקמאַן, זעליק טריבער, פייוול טינטענפיש און שמחה לייב גליקלעך — להבדיל לחיים.

עס זענען געווען אין בילגאַריי נשים צדקניות, וועלכע פלעגן געבן הילף צו קראנקע און פארזאָרגן זיי מיט דעם נויטיקן. איינע פון די אנגעזעענע כלל־טוערנס איז געווען געענעדלע שווארטשאפט. די פרוי שווארטשאפט איז געווען זייער געבילדעטע, גאנץ באשטימט די איינציקע אין בילגאַריי און אומגעגנט, וואָס האָט אין יענע יאָרן געקאנט לייענען א צייטונג. אזוי ארום האט זי אריינגעבראכט א ביסל „מאָדערנע" קולטור אין בילגאַריי. זי איז געווען שטארק באליבט ביי די בילגאַרייער איינוווינער. הרב מיכאלזאָן פון ווארשעווער ראבינאט,

## ב י ל ג אָ ר י י

װעלכער איז געװען איר אײדעם, האָט אָפּגעדרוקט אײניקע אירע שריפטן אין קודשי־ספרים. װי דערמאָנט, איז זי געװען זײער באַליבט בײ די בילגאָרײער אײנװױנער, באַזונדערס בײ די אָרימע אַרבעטער פאַמיליעס.

זי איז געװען אַ גרױסע בעל תכליתניצע און פאַרזאָרגערן. תמיד געגומען אױף זיך דאגות און געהאַלטן אין אײן טראַכטן װעגן העלפן נױטבאַדערפטיקע. זי האָט געהאַט אַ מנהג אַז יעדן יאָר, חמשה עשר בשבט, פלעגט זי אַלײן צעטראָגן פאַר די אַרבעטער און אַרבעטאָרנס אײנגעפּאַקטע טײטלען, פײגן אין באַקסער.

זי איז אַלט געװאָרן זיבעציק יאָר, האָט זי גערופן די חברה קדישא (זי האָט שױן פריער געהאַט געקױפט הקרקע און תכריכים) און אָנגעזאָגט אַז זי איז גרײט. װען זי איז געשטאָרבן האָט מען איר אין קבר מיטגעגעבן (דאָס איז געװען איר צװאה) אַ ברעטל פון דעם טיש, בײ װעלכען אורחים פלעגן עסן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען אין בילגאָרײ געװען כּלל־טוערנס, װאָס פלעגן העלפן יתומים, חתונה מאַכן אָרימע חתן־כּלה. די כּלל־טוערנס זענען געװען: ברײנדעלע פלאַמענבױם, (פון דער הײם סוקעניק) גיטל גראָסמאַן און אַנדערע. גיטל גראָסמאַן פלעגט צוזאַמענעמען געלט און אַלײן באַשטימען װיפל אײנער דאַרף געבן. עס איז נישט געװען דער פאַל מען זאָל פּרוּװן פאַרקלענערן די סומע װאָס גיטל גראָסמאַן האָט באַשטימט.

ברײנדעלע פלאַמענבױם איז געװען אַ גרױסע צדיקת און האָט אַװעקגעגעבן אירע בעסטע יאָרן פאַרן טובת הכּלל, זײענדיק שױן מטופל מיט קינדער. זי האָט באַזוכט קראַנקע באַטאָג און באַנאַכט. זי פלעגט אָפט שאַפן געלט פאַר אָרימעלײט, װאָס האָבן נישט געהאַט אױף שבת. ס־פלעגט אָפט טרעפן, אַז ברײנדעלע פלעגט שפּעט, פרײטיק פאַרינאַכט, זיך דערװיסן, אַז אַ ײדן פעלט אױף שבת, האָט זי נישט לאַנג געקלערט, און דאָס עסן װאָס זי האָט אָנגעגרײט פאַר אירע קינדער, אַװעקגעטראָגן. פאַר אירע קינדער פלעגט זי קױפן אַ פּאָר הערינג און ברױט און זאָגן: „עסט קינדער מײנע"...

װען ברײנדעלע איז געשטאָרבן, זענען זיך אױף איר לויה צוזאַמענגעפאָרן פיל רבנים פון בילגאָרײ און אומגעגנט און געהאַלטן הספדים. אין דעמדאָזיקן טאָג זענען אין בילגאָרײ, לאות אבל, פאַרמאַכט געװאָרן אַלע געװעלבן.

עס זענען געװען אױך חברא קדישא־װײבער: מאַכלע הערקלס אין לאה שטײנקאַלער. (לאה שטײנקאָלער מיט איר מאַן האָבן פאַר זײער געלט געלאָזט

## די בילגאַרייער יידישע באַפעלקערונג פאַר די לעצטע 50 יאָר

שרייבן א ספר.)

שראל וויינבערג איז געווען א פרומער ייד און א גרויסער תלמיד חכם. ביי זיין טיש זענען תמיד געזעסן צוויי אורחים.

ביי דער געלעגנהייט לאָמיר דערמאנען צוויי פאקטן וועגן ר׳ ישראל משה איטשעס, דער ראש פון חברה קדישא אין בילגאָריי. וועגן זיין איבערגעגבנקייט צו דער בילגאָרייער באַפעלקערונג בעת די אקופאציע, ווערט דערמאנט אין די קאפיטלען פון יענע צייטן.

ר׳ ישראל משה איטשעס, איז א שבת ארויס אויף דער גאס און ער האָט באַמערקט א פערד און וואָגן וואָס איז פארפאָרן אין מארק, אויפן וואָגן איז געלעגן א קראנקע פרוי, וואָס האָט צוריק מיט א פאָר שעה געבוירן. דער געבורט איז ביי איר נישט געווען פארענדיקט.

ווען ר׳ ישראלן איז קלאָר געוואָרן די סיבה פון איר קומען אין שבת אין שטאָט, האָט ער די קראנקע פרוי גענומען אויף די פלייצעס, זי אריינגעברענגט אין שטוב. ווען ער האָט אראָפגעברענגט א דאָקטאָר, אין יענער האָט געהייסן אָנווארעמען וואסער, האָט ר׳ ישראל אליין אָנגעהאקט האָלץ אין אנגעצונדן דעם אויבן.

דער צווייטער פאקט אין וועלכן ר׳ ישראל האָט ארויסגעוויזן גרויס מוטיקייט האָט אמאָל אויפגערודערט גאנץ בילגאָריי.

אין א דאָרף נעבן בילגאָריי, האָט זיך א יידישער בחור געשמדט. מיט א צייט שפעטער האָט דער־דאָזיקער בחור חרטה געהאט. ער איז געקומען צולויפן צו ר׳ ישראל משה איטשעס, און זיך פאר אים מתוודה געווען, און געבעטן ער זאָל אים אויסבאהאלטן, פאר די צעיושטע גויים, וואָס יאָגן אים נאָך און ווילן אים הרגענען.

ביי ר׳ ישראל איטשעס איז געווען א גרויסער קעלער וואָס האָט זיך געצויגן פון איין גאס אין דער אנדערער. דאָרט האָט ער אים אויסבאהאלטן. אין א שעה שפעטער זענען געקומען א 30 גויים בערך, מיט דרענגער אין די הענט און אָנגעהויבן זוכן פון הויז צו הויז.

מ׳האָט געזוכט אויך ביי ישראלן אין הויז. זיי האָבן אים נישט געפינען און זיך אָפגעטראָגן פון אָרט.

ר׳ ישראל משה איטשעס האָט געשטעלט אין געפאר זיין לעבן אין אנצוקערן

# בילגאַריי



אויף דער בילד: קאָמיטעט פון יבנה שול אין בילגאַריי. בילגאַרייער
קינדער וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער שול. 1937.

## די בילגאָרייער יידישע באפעלקערונג פאר די לעצטע 50 יאָר

א יידיש קינד צום שטאם.

קיין בילגאריי האט התונה געהאט מיט לאנגע יארן צוריק א געוועזענער לענינגראדער סטודענט, א ליטוואק. שפעטער איז ער געוואָרן א פרומער ייד, א גרויסער תלמיד חכם: ר׳ זלמן שניירער. ער איז געווען א מחבר פון א סך כתבים, קודשי תורה. זיי זענען אבער צוליב נישט פעסטגעשטעלטע סיבות נישט דערשינען.

חוץ דער גמילות-חסדים-קאסע זענען אין בילגאריי געווען טעטיק דריי יידישע בענק. איינע אונטערן נאָמען: „באנק ספולדזשעלשטשי״ די צווייטע „באנק אודזשאלאווי״ וועלכע איז געווען פארוואלטערט פון מזרחי. די דריטע האט געהייסן. „באנק קופיעצקי״.

אין דער ערשטער באנק האָבן געארבעט; הערשל שיינוואלד— פרעזעס; אינזש. ה. רייך — סעקרעטאר; הערש וויסמאן — בוכהאלטער אין הערש בריקס; דער שומר אין דער באנק איז געווען חיים היטער.

אין דער „מזרחיסטישער״ באנק געארבעט; הלל יאנאָווער — פרעזעס: חיים גדליה הערשנהאָרן: יצחקווירצער, שמואל יוסף שפער, שלמה זילבערמינץ — בוכאלטער. שומר פון דער באנק איז געווען, דער געוועזענער סארווער פון די בילגאָרייער חתונות משה זיסמאן.

אין דער דריטער באנק: מאָטל הראמאן-פרעזעס; לייביש טייטלבוים-וויצע פרעזעס, משה ארביספעלד בוכאלטער, איטשע מאיר שטאטפעלד פון טארנאָגראָד, אברהם יעקב בערגשטיין, יאנקעלע שטערן, מאיר זילבער, פייוול לערנער פון יונעוו, אברהמעלע קופערמאן און דער וואזשנער יצחק אלטערמאן (דער בדחן).

אויפן געביט פון בילדונג איז, אויסער חרדים, אויך געווען א יבנה-שול וואָס האָט געהערט צו דער מזרחי. די לערער פון דערדאָזיקער שול זענען געווען: ר׳ יצחק וירצער, ז״ל — יו״ר וועד החנוך. לערער: ר׳ קומערמאן, ר׳ גאָלדענברג און ר׳ משה קאָרנוואָרצל.

מלמדים פון חדרים זענען אין בילגאָריי געווען: א גמרא-מלמד ר׳ גרשון שטאטפעלד ווי מ-האָט אים גערופן, דער „געלער גרשון״ — געוועזענער גבאי ביים בילגאָרייער בעלזער רב, ר׳ מאָטעלע, ז״ל.

א גמרא-מלמד, משה מעכאליס, ביי אים האָבן געלערנט תלמידים, וואָס האָבן שוין געקאָנט א ביסל לערנען.

# ב י ל ג אָ ר י י

אין בילגאָריי איז געווען דער מלמד מענדעלע סורקעס, וועלכער פלעגט מיט א לייכטער שלאָגן די תלמידים, אויב זיי האבן זיך נישט אויסגעלערנט די תורה אין פארלויף פון א וואָך...

ס־איז געווען דער באוווסטער למדן אין שטאָט, ר׳ טאדי, וועלכער פלעגט פארקויפן ווייַן אויף שבת און יום־טוב אויך דער מלמד ר׳ איטשעלע, „דער געקוילעטער", וואָס פלעגט ביי זיך אין דער היים לערנען בילגארייער בחורים א בלאט גמרא.

שבת פארן דאווענען פלעגט אין קליינעם בית־מדרש דער מלמד, ר׳ שנור לערנען מיט אן עולם יידן „חיי אדם".

מיר דערמאָנען דאָ אויך דעם מלמד שמואל פּיוולס, א שדכן. ער פלעגט צונויפפירן א וואנט מיט א וואנט.

אין בילגאָריי האָט געוווינט דער גרויסער תלמיד־חכם ר׳ בעריש הענטשעס. ער איז יומם־ולילה געזעסן און געלערנט אין זיינע ווייסע זאָקן און ווייסע הויזן: זיין שיינע, ווייסע הדרת־פּנמדיקע באָרד האט געלויכטן מיטן גלאַנץ פון דער שכינה. אין טיפן זאטן עלטער, און אין כבוד איז ער אוועק אין זיין אייביקער רו;

ס׳איז כדאי צו דערמאנענען דעם גרויסן למדן ר׳ מרדכי־יוסף שאָץ. מען פלעגט אים רופן, דער לאמער מרדכי־יוסף. אויך ער איז ימים־ולילה געזעסן און געלערנט תורה, נישט באשעפטיקט זיך מיט קיין שום האנדל אָדער מלאכה.

אין בילגאריי איז געווען א ספּעציעלער לערער, וואָס האָט געלערנט בילגאָרייער יוגנט די רוסישע שפּראך. מ־האָט אים גערופן ר׳ יוסף „פּיפּיק".

געווען איז אויך א לערער ר׳ יחיאל, א חסיד און זייער א פרומער מענטש. ער פלעגט לערענען מיט יינגלעך און מיידלעך א „שו״ה גריזל" און רעכענען. מיידלעך, וועלכע האָבן באדארפט ווערן כלה׳ס, האָט ער געלערנט נאָר אונטערשרייבן זיך...

צו ר׳ יחיאלן, דערציילט מען, האָט שמחה גלאנצס א ברודער געברענגט א מאָל זיין טאָכטער און געזאָגט: ר׳ יחיאל, כ־וויל נישט פון אייך. ווי אויך פון מיין טאָכטער, קיין גרויסע זאכן. איך וויל נאָר זי זאָל קאָנען אופשרייבן: ב י ל ג אָ ר י י, ל ו ב ל י ן, װ א ר ש ע, א מ ע ר י ק ע, ש י ק א פּ ע ק ל און א נ ד ן פאר דער טאָכטער...

ביי חנינה שניידער אין הויף האָט געוווינט אמאָל א מאָדערנער לערער,

# די בילגאָרייער יידישע באפעלקערונג פאר די לעצטע 50 יאָר

ר׳ אייזיקל קופערמאַן. ער פלעגט לערענען יידישע יוגנט לייענען א צייטונג, א ביכל.

אויך א בית־יעקב־שול איז געווען ביי אונדז, ווו מ׳האָט געלערנט מיט יידישע מיידלעך אלע יידישע דינים, וואָס געהערן, צו א פרומער, יידישער טאָכטער. די מנהלת פון דעם בית־יעקב איז געווען די שנור פון ר׳ לוי שטערן. פרעזעס איז געווען נטע פינק, דער אייגנטימער פון א מאנופאקטור־געשעפט. אין קאמיטעט האָבן געהערט פאלגנדיקע מענטשן: ר׳ יחזקאל טייכער ר׳ דוד בריקס, די טאָכטער פון ר׳ נחום וואגנער און ר׳ דוד שלאָפארק.

אין דער קליינער וואליע אין בילגאָריי האָט געוווינט דער אייגנטימער פון א גרויסן טארטאק, ר׳ אברהמ׳עלע גרינאפל. ער איז געווען באוווסט אין שטאָט אלס גרויסער נדבן. ער פלעגט אָפט קומען אין שטאָט אריין מיט זיין פרוי און קינדער אין א שיינער בריטשקע געשפאנט מיט צווי פערד. ער פלעגט איינשטיין ביי משה גאָלדברענער. נעבן משה יוקל פלעגן אָפווארטן ברייטשען, אברהמ׳עלעס פרוי, אָרימעלייט, וועמען זי פלעגט טיילן שיינע נדבות.

מיר דערמאָנען דאָ דעם אמאָליקן רייכן סוחר, ר׳ סאנע שיער אין א שבת צונאכטס. די גאס, ווו ער האָט געוווינט איז שוין באלעגערט מיט פויערשע פירלעך. די גויים פון די ארומיקע דערפער פלעגן אים ברענגען ליבעס צו עקספאָרטירן קיין אויסלאנד. די גויים פלעגן אריינקוקן אין די פענסטער צו דער גביר האלט שוין נאָך הבדלה. זיינע אייניקלעך האָבן אים געהאָלפן באדינען די גויים: אָפנעמען די סחורה און אויסצאָלן געלט. ר׳ סאנע שיער איז געווען א גרויסער נדבן.

אויף דער ראזשנוווקע נעבן בילגאָריי, איז געווען אמאָל א גרויסע וואסער־מיל וואָס האָט געהערט צום אלטן גרינאפל, אברהמעלע׳ס פאָטער. די מיל איז שפעטער פאַרקויפט געוואָרן צו דער משפחה וורמאן. מיט א צייט שפעטער איז א שותף געוואָרן צו דער מיל הערשעלע שיינוואלד. ער האָט דאָרט געהאט חיונה ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה — די פינסטערע ימי המן, ימח שמו.

אין בילגאָריי איז געווען א יידישע דרוקעריי, ווו מען פלעגט דרוקן פארשידענע ספרים. דער אייגנטימער איז געווען א זייער חשובער און אָנגעזעענער ייד, ר׳ נאָטע קראָנענבערג, צו אים, ר׳ נאָטע קראָנענבערג, וואס איז אליין געווען א גרויסער למדן, איז אפילו געקומען דרוקן ספרים דער „חפץ־חיים״.

בילגאָרײַ



אויף דער בילד: קאָמיטעט פון יבנה שול אין בילגאָריי. בילגאָרייער
קינדער וואָס האָבן זיך געלערנט אין דער שול. 1937.

## די בילגאַרייער יידישע באפעלקערונג פאר די לעצטע 50 יאָר

א צווייטע דרוקעריי האָט געהאט ר׳ יצחק קאמינער.

אין בילגאַרייער ראזשנוווקע האָט אמאָל געווױנט א יידישער גוטבאזיצער פאליק פאבריקאנט. אז ר׳ פאליק פלעגט אמאָל קומען אין שטאָט איז ער איינגעשטאנען ביי מאכלע הערקלס, די צווייטע פרוי פון בעריש הענטשעס-סוקעניק פון יונעוו, פון וואנען דער גוטבאזיצער שטאמט. ר׳ פאליק איז געווען באוווסט אין שטאָט אלס נדבן. ער האָט זיך געפירט יידיש. אין שטאָט אריין פלעגט ער קומען צו פאָרן מיט זיין בריטשקע, געשפאנט מיט צוויי שיינע פערד. ער פלעגט טראָגן א פאָלערינע מיט א ביבער-קאָלנער, ווי עס האָבן צו יענער צייט געטראָגן נאר רייכע לייט. דער יידישער גוטבאזיצער האָט געקאָנט גוט לערנען. ימים-טובים פלעגט ער דאווענען אין א ווייסן קיטל ווי אלע פרומע יידן. קינדער האָט ער געהאט געלערנטע, אָבער שוין נישט קיין פרומע ווי דער פאָטער.

א סך יאָרן פאר דער מלחמה האָט ר׳ פאליק פאבריקאנט געקויפט אין די סענדלעקעס וואלד און אין יענער געגנט האָבן זיך באזעצט זיינע קינדער.

נאָך א בילגאַרייער גוטבאזיצער האָט געווױנט אין פאטעק. דאָס איז געווען שמואל וועלטשער. ער פלעגט קומען קיין בילגאַריי נאָר געשעפטליך. פאטעק איז געלעגן ווייט פון בילגאַריי, פלעגט ער קומען נאר אויף די ישיבות מיט פריצים ווו מען פלעגט באשטימען פרייזן אויף תבואה. זיינע באקאנטע פלעגן דערציילן, אז דער גוטבאזיצער, ר׳ שמואל, פלעגט פאר זיי אויסגיסן זיין ביטער הארץ: אז איך געפין זיך צווישן גויים, זאָגן זיי, אז כ׳בין א ייד... אז איך געפין זיך צווישן יידן זאָגן זיי, אז איך בין א גוי ... יעדנפאל איז ער געווען א ייד מיט אן אָפענער האנט פאר נויטבאדערפטיקע.

געווען דער גרויסער מאנופאקטור-סוחר ר׳ אהרון גראָסמאן, א גרויסער בעל-צדקה. פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה ווען ר׳ אהרון האָט התונה געמאכט זיין עלטערע טאָכטער שיפרע, האט ער געמאכט א גרויסע סעודה פאר אָרעמעלייט און געטיילט יעדן באזונדער כאלאטלעך און העמדער, א חוץ נדבות אין געלט.

אין בילגאַריי איז געווען א לעדער-סוחר ר׳ נפתלי בריקס. א גרויסער למדן און ירא-שמים. ווען ר׳ נפתלי בריקס איז געשטארבן, האָט דער בילגאַרייער רב, ז״ל געהאלטן א הספד איבער אים. א גרויסע זכיה.

זעקס שוחטים האָט בילגאַריי פארמאָגט. אין די פריערדיקע יארן זענען די שוחטים געווען: ר׳ ליפע שוחט און זיין זון בינעם און אברהמעלע שוחט. אין די

# ב י ל ג אָ ר י י

שפּעטערדיקע יאָרן, פאַרמלחהמדיקע, זענען די שוחטים אין בילגאָריי געווען: ר׳ אליעזר שוחט, ר׳ וועלוויש פון יונעוו און ר׳ יאַנטשע קאַנטאָר.

אויך זענען געווען ביי אונדז פּראָפעסיאָנעלע בוררים, וואָס מען פלעגט זיי פאַרבעטן צו א דין־תורה: ר׳ איטשע־דוד ארביספעלד, ר׳ יצחק באַך און ר׳ כאָנע־חיים יונעס.

אויך דאַרף מען נישט פאַרגעסן די בילגאָרייער אינטעליגענטע פּראָפעסיעס. די דאָקטוירים: דר׳ אהרן קאַמינער, די פרוי דר׳ פאַטאַקער, דר׳ רודאָרף, און אינזשיניער רייך. די פעלדשער: מאיר רופא, שלמה פּיוולס, שפּעטער מיט יאָרן איז געווען שמעון עטנבערג, שלמה, פּיוולס איידעם און יודאַשקע פון וואַרשע. ער איז געווען פעלדשער ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און איז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אומגעקומען.

* * *

אין 1914, ווען ס׳זענען ארום בילגאָריי פאָרגעקומען קאַמפן צווישן די רוסן און עסטרייכער האָט זיך אין שטאָט ארגאַניזירט א קאָמיטעט פון דער שטאָט יוגנט.

דער ציל פון דעם קאָמיטעט איז געווען צו העלפן די פאַרוואונדעטע זעלנער וואָס מ׳האָט גליך פון פראָנט געברענגט אין שטאָט אריין.

מ׳האָט ארגאַניזירט פאַר די פאַרוואונדעטע זעלנער וווינונגען, בעטן און ערשטע מעדיצינישע הילף. די יידישע יוגנט האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן אין דעם קאָמיטעט. אַממיינסטן זענען געווען אין דעם קאָמיטעט מיידלעך, וועלכע האָבן אויסגעפילט די ארבעט פון קראַנקן שוועסטער: פייגעלע זילבערבערג, טובה גראָסמאַן, חנה גראָסמאַן, סוטשע רובינשטיין, לאה ווייסמאַן, סערקע טייטלבוים, אליעזר מינקעס טאָכטער, רוכטשע, פערעלע האָניקבוים א.נ.א.

# די רבנים דינאסטיע אין בילגאריי

די יידישע קהילה אין בילגאריי האט געהאט א שם אין פולין מיט אירע בארימטע רבנים. די באדייטנסיקסטע פון זיי דארפן דאָ דערמאנט ווערן: ר׳ אביגדור ז״ל, ר׳ נאָטע בערלינער, א זון פון ר׳ הערשעלע בערלינער, ז״ל. ר׳ נאָטע איז געווען רב אין בילגאָריי 50 יאָר בערך. נאָך דער פטירה פון ר׳ נאָטען, האָט איבערגענומען דעם כסא־הרבנות זיין איידעם ר׳ נחום פאלאסט, ז״ל.

די אויבנדערמאנטע רבנים האבן פארנומען דעם כסא הרבנות אין בילגאָריי ביז 1884.

נאָך דער פטירה פונעם רב ר׳ נחום, ז״ל, האָט זיך די בילגאָרייער קהילה געווענדט צו ר׳ יעקב מרדכי זילבערמאן, ז״ל, דעם פוריצקער רב, און אים פאַרגעלייגט איבערצונעמען דעם כסא הרבנות אין בילגאָריי.

דער פוריצקער רב האט צוליב אומבאקאנטע סיבות זיך איינגעשפארט און נישט געוואלט פארן קיין בילגאָריי. ווען ס׳איז אין בילגאָריי דערהאלטן געוואָרן זיין תשובה, האָט זיך די שטאָט קהילה געווענדט צום טרסיקער מגיד, ווענענס אנהענגער ער, ר׳ יעקב־מרדכי, איז געווען, און אים געבעטן, אז ער זאָל אויף אים משפיע זיין.

אין 1884 איז הרב ר׳ יעקב מרדכי זילבערמאן אָנגעקומען קיין בילגאָריי און איבערגענומען דעם כסא הרבנות.

ר׳ יעקב מרדכי איז געבוירן אין 1847 אין דער שטאָט פוריצק (וואָלינער גובערניע.) דארט איז ער געווען רב. שפעטער געווען רב אין מאציעיו. אלס יונג בחורל איז ער שוין געווען בארימט ווי דער מאציווער עלוי, מיט וועמען גרויסע רבנים האָבן געפירט ויכוחים אין לומדות.

ר׳ יעקב מרדכי איז געווען א הויכער ייד מיט טונקעלע טיפע פארחלומטע אויגן. געהאט אן איידל, אבער שטרענג פנים מיט לאנגע בארד־און־פאות — אן הדרת־פנים. זיך געהאלטן ווירדיק און בכלל געווען א שווייגער.

א תלמיד פונם גרויסן טריסקער מגיד, איז ער געווען א מלא וגדוש אין תורה און א גרויסער ירא־שמים. צוליב זיינע מעשים־טובים איז ער געווען שטארק

# בילגאָריי

**באַליבט ביי די בילגאָרייער איינוווינער ער האָט באַוויזן צו געווינען די הערצער פון אַלע אָן אויסנאַם יידן אין בילגאָריי.** די מורא און דרך־ארץ פאַרן רב איז געווען אין לשער, ווען ער פלעגט זיך באַווייזן. ס׳פלעגט ווערן שטיל בעת ר׳ יעקב־מרדכי האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל פון דער שול. ער פלעגט אייניקע מאָל אויספּאַטשן בחורים, ווען זיי פלעגן רעדן בעתן דאַווענען. מ־האָט פּשוט געציטערט פאַר זיין הויך.

וועגן ר׳ יעקב־מרדכי ווערט דערציילט אַ מעשה שהיה, וואָס זאָגט וועגן אים עדות, אַז ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין נושא פּנים פאַר אַ גביר:

ס־איז געשטאָרבן אין בילגאָריי דער ראש־הקהל דודל לובלינער, אַ רייכער און חשובער ייד, דער שווער פון יצחק קאַמינער. דער פאַרשטאַרבענער איז געווען שטאַרק אָנגעזען ביי דער נאַטשאַלסטווע. זיין משפּחה איז געקומען צו ר׳ יעקב־מרדכי און געבעטן, ער זאָל מספּיד זיין דעם נפטר. דער רב האָט אָפּגעזאָגט, ווייל דודל לובלינער איז, לויט זיין מיינונג, נישט געווען קיין גרויסער ירא־שמים, כאָטש ער איז געווען אַ פרומער. די משפּחה האָט אים פאַרגעלייגט אַ פּאָר הונדערט רובל ווי אויך אַ גרויסע תמיכה פאַר דער יידישער קהילה. מען האָט אָבער גאָר נישט געפּועלט. טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט ער געמאַכט אַ הספּד איבער אַ צווייטן יידן, וואָס איז גראָד געשטאָרבן אין דעמזעלבן טאָג. דער צווייטער איז געווען אָן אָרימאַן, אַ ירא־שמים און אַ גרויסער למדן...

אַ צווייטער פאַל מיט אַ מת.

ס־איז אין בילגאָריי געשטאָרבן אַ ראַזינער חסיד, דעם פאַרשטאָרבענעמס קרובים האָבן געוואָלט מקבר זיין דעם מת אין זיין טלית, וואָס האָט געהאַט בלויע ציצית פון תכלת. די חברה־קדישא, וואָס זענען געווען חסידים פון אַנדערע רבנים, האָבן נישט געוואָלט ברענגען דעם נפטר צו קבר־ישראל. ס־איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקה. אין שטאָט האָט זיך געטאָן חושך, דער מת איז אַלץ געלעגן. דעמלט האָט ר׳ יעקב מרדכי באַפוילן אויף זיין אחריות מקבר זיין דעם מת אין זיין טלית מיט די בלויע ציצית, נישט געקוקט דערויף וואָס די קעגנער האָבן געוואָלדעוועט אין געפּרוווט אויפוויזן, אַז דאָס איז אַ חלול־השם.

אין 1914 ווען דאָס רוסישע מיליטער, וואָס האָט באַלעגערט פּשעמישל, האָט צוריגעשטויסן די עסטרייכישע אַרמיי און די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן, האָט דער נייער שטאָט־נאַטשאַלניק אַרויס־געגעבן אַ באַפעל צו דער בילגאָרייער



דער אלטער בעלזער רב זצ״ל, שפּאַצירט מיט זיינע חסידים אין מאַרינבאַד,
דער קוראָרט וואוהין ער איז געקומען ערהאַלטן זיך. דער דריטער פון
רעכטס אויף לינקס איז דעם בעלזער צדיקס זון, ר׳ מאָטעלע, זצ״ל דער
שפּעטערדיקער רב אין בילגאָריי.

# ב י ל ג אָ ר י י

באפעלקערונג, מען זאל מאכן א יום טוב לכבוד דעם גרויסן נצחון.

דער בילגאָרייער רב ר׳ יעקב־מרדכי און באטיילונג פון בילגאָרייער איינוווינער און קלעזמער, אין זיין האנט א ספר תורה, פאראדירט איבער די בילגאָרייער גאסן מיט געזאנג און טענץ צום נצחון פון קייסער ניקאָליי...

די שמחה האָט געדויערט סך־הכל א פּאָר חדשים... די עסטרייכישע ארמיי האָט באקומען פארשטארקונג מצד די דייטשן און פאריאָגט די רוסן פון פשעמישל און אויך פון בילגאָריי. דער רב האָט שטארק מורא באקומען פאר זיין צו פיל פרייען זיך מיטן קייסער ניקאָלייס נצחון און באשלאָסן צו אנטלויפן פון דער שטאָט. ער איז דעמלט פאר צרות קראנק געוואָרן אין לובלין, זייענדיק א בן־שבעים. אין 1917 איז ער נפטר געווארן.

ר׳ יעקב מרדכי האָט איבערגעלאָזט צוויי זון: דער שפּעטערדיקער מורה הוראה אין בילגאָריי ר׳ יוסף, און דער צווייטער מורה הוראה ר׳ איטשעלע. (דער לעצטער איז נפטר געוואָרן אין בילגאָריי נאָך א לאנגע קרענק אידער די דייטשן האָבן באוויזן דורכצופירן די ליקווידאציע פון דער יידישער באפעלקערונג.)

אויך זיין ברודער ר׳ יוסף איז געווען א תלמיד־חכם און איז געווען שטארק באליבט ביי דער בילגאָרייער באפעלקערונג. אין 1925, אין פורים איז נפטר געוואָרן ר׳ יוסף.

אין 1912 איז צווישן ר׳ איטשעלען און מאָטל קאמינער, געוועזענער סטודענט, אויסגעבראָכן א מחלוקה ביים איבערנעמען דעם אמט פון „קאזיאָנע ראבינער" אין בילגאָריי.

די צארישע מאכט האָט דעמלט ארויסגעלאָזט א דעקרעט, אז עס דארף זיין א ספּעציעלער טשינאָווניק פאר דער עווידענץ פון דער יידישער באפעלקערונג. ביידע, די אויבנדערמאָנטע, האָבן ארויסגעשטעלט זייערע קאנדידאטורן אויף איבערצונעמען דעם דאָזיקן אמט. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צווישן זיי א מחלוקה.

דער פּאָוויאטאָווע נאטשאלניק איז געווען דערפאר אז מען זאָל דעם אמט צוטיילן מאָטל קאמינער. ר׳ איטשעלע האָט זיך פון זיין זייט, געסטארעט אין לובלין, מ׳זאל אים באשטימען אויף דעם אמט. צוליב זייערע מחלוקות האָט לובלין באשלאָסן, אז מ׳זאָל צווישן די בילגאָרייער יידישער באפעלקערונג דורכפירן וואלן. די מערהייט האָט געשטימט פאר איטשעלען. דעמלט האָט

# די רבנים דינאַסטיע אין בילגאָריי

מאַטל קאַמינער אַוועקגעשיקט א פּראָטעסט קיין לובלין און מאָטיווירט זיין דורכפאַל מיט דעם, וואָס דער פאָטער פון ר׳ איטשעלע, ר׳ יעקב מרדכי, איז געשטאַנען ביים אריינגאַנג אין מאַגיסטראַט צו די וואַלן מיט א ספר תורה אין דער האַנט, און דאָס האָט געווירקט אויף דער יידישער באַפעלקערונג, זיי זאָלן שטימען פאַר איטשעלען.

לובלין האָט אויף מאָטל קאַמינערס פּראָטעסט אַנולירט די ערשטע וואַלן און באַשלאָסן דורכצופירן, שפּעטער מיט א פּאָר חדשים, נייע וואַלן. אויך ביי די צווייטע וואַלן האָט ר׳ איטשעלע מנצח געווען און איז געוואָרן „קאַזיאָנע ראַבינער״ אין בילגאָריי.

אין 1914 ווען קרעשיוו איז אָפּגעברענט געוואָרן, זענען יידישע משפּחות פון דאָרט געקומען זיך באַזעצן אין בילגאָריי. מיט זיי איז געקומען זייער רב ר׳ חיים האַכמאַן. נאָך דער פּטירה פון ר׳ יוסף ז״ל האָט צייטווייליק פאַרנומען זיין כסא הרבנות הרב האַכמאַן. שפּעטער מיט א צייט האָט די בילגאָרייער קהילה באַשלאָסן אראָפּצוברענגען א שטענדיקן רב. די רידניקער חסידים האָבן פאַרגעלייגט דעם קרעשיווער. די מערהייט אָבער האָט געהאַלטן אין אויג דעם אַלטן בעלזער צדיקס זון ר׳ מאָטעלע, ז״ל, וועלכער איז טאַקע אין 1929 אראָפּגעקומען קיין בילגאָריי און איבערגענומען דעם כסא הרבנות. געווען איז ער רב אין בילגאָריי ביז דער אויסברוך פון דער צווייטער־וועלט מלחמה.

דער קרעשיווער רב איז נפטר געוואָרן אין 1932 אין בילגאָריי.

מען דערציילט אַז ביים באַגעגענין ר׳ מאָטעלען איז פאַרגעקומען א גרויסער פּאַראַד אין שטעטל. קינד־און קייט האָבן זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק און מען איז געגאַנגען מקבל פּנים זיין דעם רב. אַלע פרויען זענען דעם ערשטן שבת געגאַנגען צו דער רביצן אין לויטן אַלטן בעלזער מנהג, איר געקושט אין דער האַנט. דער 5־טן סעפּטעמבער 1939 מוצאי־שבת פאַר דער שרעקליכער שריפה, וואָס האָט הרוב געמאַכט ניינציק פּראָצענט פונם יידישן קוואַרטאַל, איז ר׳ מאָטעלע אַנטלאָפן פון בילגאָריי, ווו ער איז געווען רב 10־יאָר נאָכענאַנד. ער איז אַוועק צו זיין ברודער, דעם בעלזער רבי.ביידע זענען אַוועק קיין גאַליציע און דאָרט אָפּגעווען א־יאָר צייט. די ביידע ברודער זענען געווען א שטיק צייט אין באַכנער לאַגער, נעבן קראָקע, ווי אויך אין קראָקעווער געטאָס. ווי דער בעלזער רבי דערציילט, האָבן זיינע חסידים איבערגעקויפט צוויי

# בילגאָריי



ר׳ מאָטעלע רוקח, זצ״ל דער שפּעטערדיקער בילגאָרייער רב, אלס גאָר יונגער בחור:

## די רבנים דינאַסטיע אין בילגאַריי

אונגארישע אָפיצירן און מיט זייער הילף די רבנים ארויסגעפירט פון קראָקעווער געטאָ, און זיי געבראַכט (פארשטעלע אלס אוגארישע פארווונדעטע אָפיצירן אויפן רוסישן פראָנט) קיין בודאפעסט.

די דייטשן האָבן זיך דערוווסט פון דעם און אויפגעפאָדערט דעם בירגערמייסטער פון בודאפעסט ער זאָל זיי צוריקשיקן קיין פולין. דער בירגערמייסטער האָט דעמלט איינגעלאַדן צו זיך די רבנים־ברידער, זיי אריינגעפירט אין א באזונדערן צימער און זיי שריפטלעך דערלאנגט דעם באפעל. דער בירגערמייסטער האָט אָבער דעם באפעל פון די דייטשן נישט אויסגעפירט. ער האט אויסדריקלעך פארשפראכן זיי צו העלפן אנטלויפן און געהאלטן ווארט. ער האָט געמאכט אלע צוגרייטונגען פאר דער בריחה. אין א געוויסן טאָג זענען די צוויי רבנים אוועק קיין בוקארעסט (רומניה.) אין בוקארעסט האָבן די צוויי רבנים אָפגעווארט צוויי אנדערע באוווסטע רבנים: הרב טווערסקי און דער זון פון הרב באטיונער, זילבערפארב. פון דאָרט זענען זיי געפאָרן דורך קונסטאנטינאפּאָל קיין ישראל.

דער בילגאָרייער רב ר׳ מאָטעלע רוקח זצ״ל איז קראנק געוואָרן אין ישראל און איז נסתלק געוואָרן כ״ה בחשון תש״י.

# יידישע יום-טובים אין בילגאריי.

ימים נוראים האָט די שטאָט, ווי אין יעדן יידישן יישוב, באקומען אן אנדער אויסזען, א נשמה יתרה...

אלע געשעפטן געשלאָסן און פון אלע פענצטער האָבן ארויסגעשטראַלט ליכט פון די זילבערנע אָדער מעשענע לייכטער. יידן אָנגעטאָן אין שווארצע זיידענע זשיפיצעס אָדער אטלאסענע בעקעשעס, פלעגן לויפן אין בית-המדרש און שול. זייערע קינדעלעך, וואָס זענען מיטגעגאנגען מיט זייערע עלטערן, זענען געווען אָנגעטאָן אין שבתדיקע בגדים, אויסגעצוואָגענע און ציכטיקע.

אויך די דאָרפס-יידן פלעגן אויף די ימים-נוראים קומען אין שטאָט אריין מיט זייערע משפחות. די דאָרפס יידן פלעגן זיך אויסזעצן ביי דער טיר פון שול, ביי די טישלעך מיט קעסטעלעך זאמד און אָנגעצונדן ווייסע און וואקסענע ליכט. זיי פלעגן זיך צום דאווענען אָנטאָן און ווייסע קיטלען מיט גארטלען. דער דרך ארץ פארן אלטן רב ר׳ יעקב מרדכי זצ״ל, איז געווען גרויס, ווי אויך פארן חזן און פאר די שטעטישע יידן. שחרית פלעגט דאווענען דער אלטער חזן משה אפרים און מוסף האָט געדאווענט דער אלטער בעל תפילה ר׳ אברהמעלע שוחט. געווען א צייט ווען עס האָט געדאווענט שחרית אין דער אלטער שול דער אלטער חזן קאָפל שטריקנדרייער, וואָס איז געווען באוווסט מיט שיינער נגינה. און ביי מוסף דער בעל תפילה ר׳ ליפעלע שוחט. די מתפללים האבן אויסגעזען מאיעסטעטיש אין זייער ווייסן אָנטאָן.

ביי ונתנה תוקף, ווי דער שטייגער פון אונזערע פרויען פלעגן זיך די בילגאָרייער ווייבער שטארק צעוויינען און בעטן דעם רבונו של עולם ער זאָל זיי פארגעבן זייערע זינד. מען דערציילט א מעשה שהיה מיט א יידענע, פון דאָרף דילעס, שרה, ווי זי האָט זיך ביים „ונתנה תוקף״ צעוויינט און געבעטן ביים רבשע״ם. דאווענען האָט די יידענע נישט געקאָנט, האָט זי געוואָלט פוילן ביים רבש״ע. אויף איר לשון: גאטעניו פאטער,—האט זי זיך הויך צעכליפעט, אזוי ווי איך בין א דאָרפס-יידענע און דאווענען קאָן איך נישט, בעט איך דיך, זלאָסט אויסהערן מיין געוויין: שרייב מיך נישט צו, און מעק מיך נישט אויס, נאָר

# יידישע יום־טובים אין בילגאָריי

זע, שיק מיך צוריק צו מיין שוועסטער אין דאָרף אריין...

נאָך איינע, א הארצרייסנדיקע שטים, האָט זיך געהערט פון עזרת־נשים און דער עולם האָט באלד דערקאָנט דאָס קול פון חיה לאה ליפעלעס, די גבירטע, און דער עולם האָט באלד פארשטאנען אז זי בעט, דער אויבערשטער זאָל ביי איר אין שטוב גאָרנישט פארענדערן, עס זאָל זיין ווי פאראיאָרן...

צו תשליך פלעגן די יידן גיין פון דער שול צו דער בריק אויף דער פראמפאָלער גאס. יעדער עדה פלעגט זיך גיין באזונדער מיט געזאנג. אמשענסטן האָבן געזונגען די רידניקער חסידים: לוי שטערנס קינדער, און יהושע הארמאנס קינדער. דער עולם האָט באגלייט דעם רב ביז צו דער בריק, ווו עס זענען געזעסן אויסגע־זעצט די „בריק פרויען" אויף די שוועלן פון זייערע הייזער. ביים טייך זענען די פרויען געשטאנען פון איין זייט און די מענער פון דער צווייטער, יעדער מיט זיין סידור אין האנט און תפילה געטאָן.

ערב יום כפור, צו מנחה צייט, פלעגן זיך אין שול אויסזעצן די פאָרשטייער פון פארשידענע אינסטיטוציעס, מיט קערות און וועלכע יידן האָבן געוואָרפן געלט און זיך דערמיט אויסגעחשבנט מיטן רבונו של עולם פאר א גאנץ יאָר...

די גבאים אין דער שול זענען געווען: לייב יוסף קצב, לייביש קאשעמאכער, לייב יאָסקע מיטלער, הערשעלע טייטלבוים, חיים איליש, אברהם בראָמבערג קצב און נאָך אנדערע. די שול איז געווען אויסגעשפרייט מיט בינטלעך היי אויף וועלכע די פרומע יידן האָבן זיך אויסגעצויגן מיטן פנים אראָפּ און זיך געלאָזט שלאָגן (פון ישראל באָרד) מלקות. צו באקומען אזעלכע מלקות האט געהאט די זכיה נאָר דער וואָס האָט גוט באצאָלט.

צו כל נדרי איז די שול און בית המדרש געווען געפאקט מיט יידן. אלע אין ווייסע קיטלען, איינגעהילט אין טליתים, אין זייערע פנימער באלויכטן פון הונדערטער ליכט. ווען דער אלטער רב ר' יעקב מרדכי אָנגעטאָן אינגאנצן און ווייסן און אין טלית מיט דער ברייטער זילבערנער עטרה, האָט מיט א ציטערדיקע שטימע אויסגערופן: אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה — איז אדורך א ציטער איבערן עולם. די ווייבער האָבן אנגעהויבן צו כליפען. אפילו די קריסטן וואָס פלעגן קומען הערן כל נדרי האָט אָנגענומען א פחד.

יידן האָבן געבעטן דעם רבונו של עולם, ער זאל זיך מרחם זיין און זיי געבן א חיים טובים און גוטע פרנסה. אור זרוע לצדיק — ליכט פון דער תורה, ליכט

# בילגאָריי

פון חכמה זאל אראפשטראלן אויף זייערע קינדער; ולישרי לב שמחה — זיי זאָלן האָבן פרייד, התונה מאכן מיט הצלחה זייערע קינדער און השי״ת זאָל מרחם זיין אין שיקן דעם גואל הצדק.

אויפצומאָרגנס האָט געדאוונט שחרית דער אלטער חזן משה אפרים מיט זיינע מיטהעלפערס: יאנקל אין יאָסל לייביש באלעגאָלעס און אנטשל שמש.

מוצאי יום־כפור פלעגן זיך די חסידים צונויפקלייבן ביים אלטן רב, מען פלעגט טרונקען לחיים אין די קלעזמער, די גימפלס, פלעגן שפילן יידישע נגונים. עס פלעגט טרעפן, אז אין מיטן אזא שמחה פלעגן ארייגפאלן די „פריזיוניקעס" מיט שטעקנס אין די הענט און זוכן צווישן עולם יינגלעך, וועלכע דארפן זיך שטעלן צום פריזיוו. האָט מען געפינען צווישן עולם אזעלכן, פלעגט מען אים ארייגפירן אין טריסקער שטיבל „זיך פארשרייבן" און אים הייסן געבן א קאָנטא, א רובל. האָט זיך ווער אָפגעזאָגט צו געבן, האָט ער באקומען זיינס...

ס׳איז געווען א מנהג ארייגצוגיין צו רייכע יידן, וועמענס זון, אָדער איידעמס האָבן געדארפט גיין אין מיליטער. די חברה האָט געטענהט: איר, רייכע זינדלעך וועט דאָך אלץ טאָן כדי נישט צו גיין אין מיליטער, איר וועט נישט עסן, נישט שלאָפן, צערן זיך, אבי איר זאָלט נישט דארפן גיין דינען דעם צאר. אָבער מיר „געמיינע יונגען". — האָבן זיי געטענהט, — מוזן דינען אונדזער קייסער ניקאָליי דערפאר מוזט איר אונדז באצאָלן! עמיצער מוז דאָך דינען. עס קאָן דאָך אזוי נישט זיין! זענען מיר די כפרה־הינדלעך?.. ווער עס האָט נישט געוואָלט צאָלן, האט מען אים געטאָן צו דער זאך. אָבער מיינסטנס האָט מען זיך אויסגעקויפט און פארשפארט צו באקומען קלעפ. ווען די חברה האָט געהאט צונויפגעקליבן א אָפּר רובל, איז מען באלד אריין צו גיטעלע שעפסעלעס און געהייסן אפבראטן עטלעכע גענדז און געטרונקען לחיים.

אז עס קומט שוין צורייד וועגן פריזיוניקעס, דארפן מיר שוין דערמאָנען דעם פריזיוו מיט 50 יאָר צוריק אין בילגאָריי. עס פלעגן דאן קומען פריזיוניקעס פון גאנצן בילגאָרייער פאָוויאט: טארנאָגראד, קנעשפול, בישטש ראזשיניעץ, פּליס, פראמפאל, גאריי, קארטשוו קאָצוזע, יוזעפאָוו, קרעשעוו, פאטעק און פון נאך אנדערע דערפער. פאר די פריזיוניקעס פלעגן די יידן שטארק מורא האָבן. די גויאישע פריזיוניקעס פלעגן שטארק שלאָגן א יידן ווען זיי פלעגן אים טרעפן הינטער דער שטאָט. די ערגסטע שלעגער זענען געווען די פריזיוניקעס

# ב י ל ג אָ ר י י



אויף דער בילד: דריי שפאַצירנדיקע (שבת) מיידלעך,
נעבן מענדל בוים. פון רעכטס אויף לינקס: אסתר
טייטלבוים, רבקה אַבערהאַנט — להבדיל לחיים —
און אסתר בענדלער.

# ב י ל ג אָ ר י י

פון דער קאָצוזער גמינע. זיי פלעגן איינשטיין ביי דער „זינגערן" אנטקעגן דעם בית המדרש הגדול.

לויטן צארישן געזעץ פלעגט מען מוזן קומען זיך שטעלן צום פריזיוו אין דער אייגענער געבורטס שטאָט. עס פלעגן קומען יונגע מענטשן אפילו פון אויסלאנד: אויב עמיצער האָט זיך נישט צוגעשטעלט צום טערמין, האָט די צארישע מאכט רעקווירירט די עלטערנס הייזער אָדער צוגענומען אנדערע ווערט־זאכן.

צו יענער צייט איז אין בילגאָריי געשטאנען דאָס 13 פאָלק דאָנער קאָזאקן. די קאָזאקן מיט נאהייקעס אין די הענט, האָבן געטריבן יעדן אָפגעגעבענעם סאָלאט פון דער פריסוטסטווע צו די קאזארמעס, צו חיים ארבעספעלד (שאָשעס), אויף דעם אָרט ווי נאטע קראָנענבערג האט געהאט די דרוקעריי. די צוגענומענע יידן, זענען געלעגן אויף דער פאָדלאָגע, אויסגעבעט מיט היי. ווען עס האט זיך צנויפגעזאמלט א 15 20־יידן, האָט מען זיי אונטער א וואך געפירט אין שול צום אלטן רב ר׳ יעקב מרדכי זצ"ל צו שווערן, זיי זאָלן דינען טריי דעם קייסער. מיט צווי טעג שפעטער האט מען זיי אוועקגעפירט אויף פירלעך קיין זאמאָשטש. דאָס געזעגענען זיך מיט די משפחות איז געווען זייער טרויעריק.

אין בילגאריי איז אמאל פארגעקומען א גרויסע שמחה ביים קרוינען דעם קייסער ניקאָליי דעם צווייטן, אלץ אימפעראטאָר פון רוסלאנד און קעניג פון פוילן. עס איז פאָרגעקומען א גרויסער פאראד פון מיליטער. אין שול ווו ס׳איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע איז אָנגעקומען א גרויסער טשינאָווניק פון דער מאכט מיטן אלטן וואכמייסטער קאָזלאָוו. דער חזן ר׳ משה אפרים האָט געמאכט איין מי־שברך דעם קייסער און זיין משפחה און געזונגען „באזשיצא". דער אלטער וואכמייסטער קאָזלאָוו איז געשטאנען ביי דער צערמאָניע און סאלוטירט. זיין ברוסט איז געווען באדעקט מיט מעדאלן. ביים פארענדיקן דעם מי־שברך האָבן די צוויי צארישע נציגים אָפגעדאנקט דעם רב, דעם חזן און גבאי, און מיט א „דאָסווידאניע" פארלאָזט די שול.

חול־המועד סוכות פלעגן פראמפאָלער און גאָרייער יונגעלייט קומען קיין בילגאָריי. זיי אלע האבן געטראגן לאנגע און ברייטע פאָמפע־הויזן און קורצע רעקלעך מיט שטייפע קעלנער, פאָליטורטע שטעקעלעך אין די הענט און די סיגארעטן פארקלעמט צווישן די ציין, האָבן זיי מיט גאווה שפאצירט איבער די

# יידישע יום־טובים אין בילגאַריי

בילגאַרייער גאַסן. א גאַנץ יאָר זענען די חול־המועדניקעס געזעסן, אָפּגעריסן פון דער וועלט, אין זייערע קליינע ישובים, האָבן זיי מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן חול־המועד.

אין חול־המועד ווערן אָנגעבאַטן שידוכים. זיי זוכען אויך ארבעט. איינער פאַרדינגט זיך ביי א שיסטער, דער צווייטער ביי א סטאָלער וכדומה. די פראָמפאָליער און גאָריער יונגען שפּאַצירן אויף דער טאַרנאָגראַדער גאַס. אָט קומט צופאָרן דער באַלעגאָלע אביש טינטענפיש און ברענגט מיט א כאַליאַסטרע יונגען פון טאַרנאָגראַד, און פון יענער קומט דער באַלעגאָלע מענדל משה פּרויעמס מיט זיינע געסט אויף תנאים. עס פלעגט זיך קאָכן דעמלט אין שטעטל. עס פלעגט ווערן פריילעך אין בילגאָריי. א קליייניקייט — בילגאָריי איז דאָך פאָרט א פּאָוויאַטאָווע שטאָט...

שמיני־עצרת פלעגן בילגאָרייער יידן זיך פאַרזאַמלען ביים שול־גבאי לייב יוסף פלאַטש און זינגען און טאַנצן לכבוד שמחת תורה. מען האָט געטרונקען גוטע וויינען מיט צובייסעכץ, ווי גאָט האָט געבאָטן. ביי לייב יוספן, דעם גבאי איז געווען אין שטוב א פעסעלע גאָרייער פלוימען פאַר די קינדער. מען האָט געטיילט רויטע גרויסע עפּל... מען האָט זיך משמח געווען און געטאַנצט ארום דעם טיש. די יידן האָבן זיך געדרוקט די הענט אין געוואונטשן איינער דעם צווייטן א גוט יאָר פון פרנסה אין געזונט.

נאָכדעם פלעגט דער שטאָט־חזן משה אפרים זונגען לכבוד שמחת תורה. ר׳ משה אפרים פלעגט אַרויסנעמען זיין רויטע פאַרטשיילע פון דער זיידענער זשופּיצע, וואָס ער פלעגט טראָגן נאָר און די יום־טובים, זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פונם פּנים און באָרד און אָנגעהויבן זונגען מיט דעם אמאָליקן נגון:

משה פרוים זינגט אזוי ... אוי אוי אוי
מאיר גרינער מאַכט אזוי ... אוי אוי אוי
הלל שיסטער קלאַפּט אזוי ... אוי אוי אוי
קאָפּל חזן דאַוונט אזוי ... אוי אוי אוי
און איציק מאָטעלעס דעריגירט אזוי ... אוי אוי אוי

ווי נאָר דער חזן ר׳ משה אפרים האָט זיין קאָנצערט געענדיקט, האָט זיך אויפגעשטעלט דער גבאי לייב יוסף מיט די ווערטער: „רבותי“, עס איז שוין שפּעט, לאָמיר גיין אין שול אריין צו די הקפות. דער גבאי האָט פאַרטיילט

# בילגאָריי



אויף דער בילד: שמעון הודעס אין דעם קליינעם
גאָרטן א קעגן דער פּאָסט

# יידישע יום־טובים אין בילגאָריי

ליכטלעך דעם עולם און מיט געזאַנג און טענץ זענען זיי אַרויס אויף דער גאַס. מ'האָט געטאַנצט אויפן וועג ביז אין דער שול.

בילגאָרייער יידן געדענקען זיכער דעם שמש אַנטשל סוכּאַס (יששכר) יעדן שמחת־תּורה פלעגט ער זיך מתנהג זיין צו נעמען אַ זעקל עפּל, אַרומגיין און די גאַסן און פלעגט זונגען: „גוט שבת, גוט יום־טוב יידעלעך!" די קינדער פלעגן אויפכאַפּן זיינע ווערטער און באַגלייטן אים מיט דעם געזאַנג: צאן קדשים פאַר אַנטשל סוכאַס וועגען מע ... מע ... מע ...

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן יידן זיך משמח געווען, געטרונקען מער ווי תּמיד, און טועם געווען פון די געשמאַקע מאכלים. אַ קלייניקייט, אַזוי פיל מצוות מקיים געווען: מצות שופר, תענית און מחילת עוונות און יום הקדוש, מצות סוכּה, מצות לולב און איצט געענדיקט די תּורה הקדושה האָבן יידן געטאַנצט אין די גאַסן.

# ציוניסטישע באַוועגונג אין בילגאַריי.

אין דער תקופה וואס הייבט זיך אָן מיטן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל און יאָר 1897 איז נאָר א טייל פון בילגאַרייער יוגנט פארכאפט געוואָרן פונם ציוניסטישן געדאנק. בילגאַרייער ציוניסטן זענען געווען: שלמה רובינשטיין, טאדרעס לאנג, אהרון גראָסמאן, יונה אקערמאן, יצחק גראסמאן, לייביש טייטלבוים, העשל האָניגבוים אין נאָך אייניקע. די אובנדערמאָנטע זענען געווען אנגשלאָסן אין זאמאָשטשער ציוניסטישן קרייז. ערשט שפעטער מיט דער עסטרייכישער אקופאציע איז קיין בילגאַריי אראפגעקומען פון עסטרייכישע גאליציע אויזאקי מיט זיין זון ווי אויך דער אינזשיניער יחזקאל רייך און זיי האבן געלייגט דעם יסוד פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין בילגאַריי. פון דעמלט אָן האָט זיך שטארק אנטוויקלט די ציוניסטישע באוועגונג, וואָס האָט זיך שוין געצלייט אין די הונדערטער.

דאס איז פארגעקומען אין יאר 1916.

אין יאר 1921 האט די ערשטע גרופע בילגאַרייער ציוניסטן פארלזט די היים אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. זיי זענען געווען: אלי גראָסמאן, טוביה טענענהאָלץ, שלמה טייטלבוים, נאָטע שווערטשאפט, אברהם בראָמבערג, אביגדור לייטער א.ג.ד.

די ציוניסטישער טוער האבן ארגאניזירט טעאטער־פארשטעלונגן, רעציטאציע און דעקלאַמאציע־אָוונטן און פייערונגען. די איניציאטאָרן פון די טעאטער־פאָרשטעלונגן זענען געווען: אלי גראָסמאן און נאָטע שווערטשאפט. די ערשטע זענען באשטאנען פון יידישער געשיכטע און העבראישער שפראך. די ערשטע לעקציעס זענען פאָרגעקומען אין דעם ציוניסטישן לאָקאל, אין דער זאמאָשטשער גאס, נעבן אלטן אָבערהאנט. דורך די טעאטער־פאָרשטעלונגן און די אָוונט־קורסן איז דערגרייכט געוואָרן א וויכטיקער ציל: אויפקלערונג פון ציוניזם. ביי דער בילגאַרייער יוגנט אנטוויקלט זיך א באדערפעניש צו געניסן פון יידישע קולטור־אוצרות. עס קומען אויף נייע יונגע כוחות, וואָס ווארפן זיך אריין און דער ארבעט מיט אנטוזיאסטישע טעטיקייט און ציען אריין אין דער ציוניסטישער באוועגונג דעם גרעסטן טייל פון די יוגנטלעכע פון אלע שיכטן.

## בילגאָריי



ביי דער שטאָטישער אלעקטראָווניע. פון רעכטס אויף לינקס: רייזעלע באָך, רבקה אבערהאַנט — להבדיל לחיים — אסתר טייטלבוים, חייה׳לע גרינבוים.

# בילגאַרייער יידן אין שטאַט־ראַט

נאָך דער באפרייאונג פון פוילן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זענען אין דער רעגירונג אריינגעטראָטן די ענדעקישע רעאקציאָנערע פאַרטייען, פון וועלכע די בילגאָרייער יידן, ווי די יידן אין פוילן בכלל, האָבן שפּעטער געהאַט אויסצושטיין פיל צרות. פאַר־שידענע יידישע גרופּעס האָבן אריינגעטראָגן אין דער וואַלן־קאָמיסיע רשימות מיט זייערע קאַנדידאַטן. צו די וואַלן פונם שטאַט־ראַט זענען אַזוי אַרום געווען 24־יידישע קאַנדידאַטן: ד״ר גראָספעלד, אינזשינער רייך, קאַמינער, דער סטודענט, שלמה רובינשטיין, צוויי ווינקל־שרייבער: יונה אקערמאַן און שלמה רובינשטיין, יצחקווירצער, הערש ווייסמאַן, לייביש טייטלבוים און נאָך א.נ.ד. די גויים האָבן געזוכט א וועג ווי אַזוי צו שיקאַנירן די יידישע קאַנדידאַטן כדי צו באַקומען א מערהייט אין שטאָטראַט.

ווען די רשימות זענען שוין געווען איבערגעגעבן דער הויפּט־קאָמיסיע וואָס איז באַשטאַנען פון ענדעקעס, שונא־ישראל, האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן, אַז אַלע יידישע קאַנדידאַטן, צווישן זיי דאָקטורים און אינזשינערן, מוזן דורכגיין אַן עקזאַמען צו זיי קאָנען לעזן און שרייבן פּויליש... דאָס איז געווען א באַליידיקונג פאַר די יידישע קאַנדידאַטן. צו דעם עקזאַמען האָט מען גערופן אויסשליסלעך יידן.

אין דער שקאָלע (שולע) אונטער דעם אָנפירונג פון דירעקטאָר סקולסקע און נאָך א לערער איז אין א געוויסן דאָנערשטיק פאָרגעקומען דער עקזאַמען. דער ערשטער עקזאַמינירטער, וואָס איז דורך „בשלום״, איז געווען דער דר׳ מעדיצין פון לעמבערג גראָספעלד, דער צווייטער עקזאַמינירטער איז געווען דער אינזשיניער רייך... קורץ, פון די אַלע 24־קאַנדידאַטן זענען 22 אדורך בשלום. בלויז צוויי קאַנדידאַטן: הערש איידלשטיין און שמחה גלאַנץ האָט מען קוועסטיאָנירט.

צוויי פון די בשלום־אדורכגעגאַנגענע קאַנדידאַטן יונה אקערמאַן און לייביש טייטלבוים זענען דערנאָך אַוועק צום דירעקטאָר סקולסקע און געפאָדערט אין

# בילגאַרייער יידן אין שטאָט ראַט

נאָמען פון די איבעריקע צוואנציק, אז ער זאָל ארויסגעבן א קאָפּיע פון די עקזאמענס. דער דירעקטאָר האָט געבעטן די דעלעגאטן צו קומען אויף צומארגנס, ווייל ער איז שטארק מיד: פרייטיק א זייגער 11 זענען נאכמאָל די צוויי קאנדידאטן געקומען צו סקולסקען און אויפגעפּאָדערט די קאָפּיעס.

— פאנאָוויע (רבותי), — האָט ער זיי געענטפערט, — איך קאָן אייך קיין קאָפּיע פון די עקזאמענעס נישט געבן!

— פארוואָס? — האָבן ביידע דעלעגאטן מיטאמאָל אויסגערופן.

דער דירעקטאָר האָט זיי געענטפערט ציניש: — באקוקנדיקט באטאָג די עקזאמענס, שטעלט אייך פאָר, אז דאָס וואָס איז באנאכט א קו, זייט אויס באטאג א פערד... און פארקערט... דערפאר קאָן איך אייך קיין קאָפּיע נישט געבן...

— אויב אזוי, — זאגט יונה אקערמאן — זאָל דער פאן דירעקטאָר אונדז ארויסגעבן א פּראָטאָקאָל און בפרוש באשטעטיקן, אז פון די 24 קאנדידאטן האבן 22 אויסגעהאלטן די עקזאמענס און אז דאָס וואָס זעט אויס באנאכט א קו, זעט־אויס באטאג א פערד...

דער דירעקטאָר האָט זיך הויך צעלאכט און דאָך צוגעגעבן, אז לײדער קאָן ער אזא פּראָטאָקאָל נישט געבן... דער סוף איז געווען: מען איז געפארן צום סיים דערפוטאט ד"ר שיפּער, וועלכער האט דעם ענין דערלעדיקט אין בעסטער אָרדנונג.

די בילגאָרייער יידן האָבן אויסגעפירט. באקומען דרייצן מאן אויף צעפיקעניש די גוים בשעה די לעצטע האָבן באקומען בלויז עלף.

# די זיפּערס

בילגאָרייער יידן האָבן זיך יאָרן לאנג באשעפטיקט מיט אויסארבעטן זיפּן (האָר־פּאָדוקציע). דידאָיקע מלאכה איז געווען באוווסט אין גאנץ פּוילן און אפילו אין אויסלאנד, ווו מען פלעגט די אויסגעארבעטע זיפּן עקספּאָרטירן. א פּאָר הונדערט יידישע משפחות אין בילגאָריי האָבן זיך באשעפטיקט ביי דערדאָזיקער ארבעט. די ווייבער פון די זיפּן־ארבעטער האָבן געקליבן די פערדישע האָר, וואָס דאָס האט געדינט פאר זייערע מענער ווי רוי־שטאף פאר זייער זיפּן־פּראָדוקציע. (די שעבזשעשינער בעלי־עגלהס וועלכע פלעגן זיך טרעפן מיט זייערע בילגאָרייער חברים אויפן וועג ביי שווארגאָשעס הויז, פלעגן צוליב דעם רופן די בילגאָרייער: שאבישינער גנבים און בילגאָרייער פערד־ווײדלען).

די מלאכה פון מאכן זיפּן איז געווען זייער א שווערע. די זיפּערס פלעגן זיצן אין זייערע וועב־שטולן, אזעלכע מיני שטייגן און פון די פערדישע האָר, פאדים צו פאדים, געוועבט זיפּן. דאס איז געווען זייער א שווערע און פארן געזונט שעדלעכע ארבעט, ביי וועלכע מען פלעגט, נאך א געוויסער צייט, קריגן שווינזוכט. יעדער זיפּער האָט געהאט צו זיך א צוהעלפערן, א מיידל, א „מיטאקע", וועלכע פלעגט דארפן מיטען, דאָ הייסט, רייניקן די האלב אויסגעפארטיקטע פּראדוקציע. אזא זיפּער פלעגט טעג־לעך אויסארבעטן ביי א 10־„פישלעך" דאס הייסט, זיפלעך אויפן בילגאָרייער זיפּערישן לשון...

עקאנאמיש איז זיפּן־מאכעריי געווען א פאך, וואָס האט ליידער נישט געגעבן דעם פּראדוצירער קיין פרנסה. דעריבער זענען מערסטנטייל פון די זיפּערס געווען בלוטיקע ארימעלייט. אזא זיפּער, וואס האָט געהאט א פרוי מיט א קינד האט געמוזט צייטנווייז אנקומען צו קצבה, ארויסלאָזן זיך אין א פרייטיק צוניפבעטלען ברויט און חלה אויף צו מאכן שבת.

אויך א טייל ארבערסטגעבער זענען געווען קנאפּע גבירים און האבן נישט איינמאל געדארפט פארזעצן זייער סחורה כדי צו קאנען שבת מאכן. די פאבריקאנטן פון דער־האָר פּראדוקציע זענען געווען: יצחק בערגערפריינד

# די זיפּערס

(אממיינסטן ארבעטער האבן געארבעט ביי אים) לייבא כאדאק, שמחה גלאנץ לייביש שניצער, מענדל הוף. זישע שמאלץ און אנדערע. דאקעגן די גרויסע סוחרים זענען געווען ידן גבירים, געהאט זייערע אייגענע קאמעניציעס.

געקליידט האבן זיך די זיפּערס, דער עקר די יונגוואַרג, אין לאנגע חאלאטלעך מיט טוכענע און סאמעטענע היטלען אויף די קעפּ. שניי ווייסע העמדער מיט שווארצע שנירלעך אויף די העלדזער. שבת האבן זיי זיך אנגעטאן אין לאנגע זשיפּעצעס און קאלירטע סאמעטענע וועסטן, מיט גרויסע "גאלדענע" רינגען פון דער סאמע ריינסטער אימיטאציע. שפּאצירט האבן זיי איבער דער גאס שטארק צעקנעפּלט כדי מען זאל וואָס בולטער זעען זייערע „גאָלדערנע קייטן אויף דער ברוסט :: .

געווינלעך פלעגן זיך די זיפּער ארבעטער פאַרדונגען צו זייערע בעלי־בתים אויף א האלב יאר, אויף א זמן הייסט עס. דידאזיקע טראנזאקציע פלעגט פאַרקומען הול־המועד. נאכן דורכקומען פלעגט דער באלעבאס שטעלן בראנפן און מען האט זיך פארוויילט מיט טענץ און געזאנג. אנפירער פון אזעלכע פארוויילונגען זענען געווען: לייזער זכריה, משה זשישעס, דודל מאטעסעס און יחזקאל ברעזל.

די זיפּערס זענען געווען שטארק פרום, אפגעהיט און געדאוונט א גאנצע וואך. שבת געזעסן ביים טיש מיט די עלטערן און געזונגען זמירות און נאכן טשאָלנט זיך געגאנגען פארוויילן אויף דעם „אפגעשטאָכענעם" בארג.

איינמאל, דאָס איז געווען אין דעם פינפטן יאר, זענען פון ווארשע אראָפּגעקומען עטלעכע „סאָציאליסטן" ווי: ליבאָ פוקסמאן, יאנקעלע בוכטיס מיטן „אייגל", וועלכע האָבן די זיפּערס געגומען אויפקלערן זייער געפאלענע לאגע.

אין דעם אייגענעם יאָר איז טאקע אויסגעבראָכן א סטרייק קעגן די רייכע סוחרים. די זיפּערס האָבן אלע מאָנטיק און דאָנערשטיק גענומען שלעפּן צום רב דעם רייכן סוחר ר' יהושע מיימאן. ס־איז געגעגן געווען אז דער רב זאָל א זאָג טאָן זיין שמש: ר' שמואל, גיי ברענג מיר ר' שיעלען —, אז מען זאָל שוין וויסן וועמען מען מיינט און צוליב וואָס מען הייסט אים ברענגען. די זיפּערס פלעגן זיך שטארק אננעמען די קריוודע פון זייערע בעלי־בתים געגן די רייכע סוחרים. איינמאָל האָבן זיי אויסגעהאקט די שויבן ביים סוחר מאָטעלע מיימאן, יהושע מיימאנס א זון. אין שטאָט איז געוואָרן א בהלה. מענטשן האָבן זיך



די בילגאָרייער שול נאָך דער שריפה

# די זיפערס

געפרעגט: וואס איז געשען?

עס זענען פארמאכט געווארן די געוועלבער און אין שטאָט האָט זיך געטאָן חושך. מען דארף אויך דערמאָנען, אז די בילגארייער זיפערס זענען שוין דעמלט שטארק ברויגז געווען אויף ניקאָלייען...

ס'האט לאנג נישט געדויערט און באלד זענען אראפגעקומען דער נאטשעלניק סטראזשמסקע לעוויצקי און דער וואכמייסטער מאיר בראדע מיט פיל סטראזשניקעס און פארפירט אן אויספאָרשונג. די זיפערס-סטרייקערס זענען זיך צעלאָפן און בהאלטן זיך הינטער די יאטקעס. צווישן די קצבים האט זיך געפינען איינער וואָס האָט איבערגענטפערט די זיפערס, נחמיה באטש און נאך צוויי מאן, אין די הענט פון די סטראזשניקעס. היות ווי די זיפערס האבן נישט פארשטאנען קיין ווארט רוסיש, האט דער נאטשאלניק לעוויצקי אויסגעקליבן דעם קצב פנחס האף,וועלכער איז געווען אן אויסגעדינטער רוסישע סאלדאט און אים באפולין ער זאל זיין דער דאלמעטשער.

נחמיה, דער זיפער, האט זיך פארענטפערט פארן נאטשאלניק, אז ער איז חס ושלום נישט קיין בונטאָוושיק,: מיר ווילן נאר, האט ער געזאגט, אז מען זאל אונדז דערלייגן עטלעכע גראשן אויפן „פישל". צום הייליק קייסער ניקאליי האבן מיר גארנישט, מיר מישן זיך נישט אריין צום קייסער ניקאליי"...

זאג די בונטאווטשיקעס אין מיין נאמען — האָט דער נאטשאלניק זיך געווענדט צום קצב פנחס האף — אז אויב זיי וועלן נאכאמאל אנמאכן אין שטאט א וועלכן ס'איז שאָדן אדער א וועלכע ס'איז מהומה, וועל איך זיי שליסן די הענט און פיס אין קייטן און פארשיקן קיין יונעוו אין קרימינאל. דערוויל גייט א היים און קומט צווישן זיך דורך".

א לענגערע צייט איז אין בילגאריי געווען שטיל, ביז איינמאל, ווען דער רייכער סוחר יהושע מיימאן האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, איז ווידער געקומען צו א סקאנדאל. עטלעכע זיפערס האבן זיך אריינבעקומען צווישן חתונה-עולם און מיט וויטריאל אפגעגאסן די קליידער פון חתן-כלה. מען האט תיכף אלארמירט נאך די סטראזשניקעס, אבער יענע האבן קיינעם נישט באוויזן צו כאפן...

# בילגאָריי

(א חתונה אין בילגאָריי מיט 60 יאָר צוריק)

אין מיטן יאָר ווען עס איז אין בילגאָריי פאָרגעקומען א תנאים, א חתונה, א ברית, א שלום זכר, האָבן בילגאָרייער יידן זיך משמח געווען. די חתן־כלה האָט מען געפירט צו דער חופה מיט געזאנג. כדי צו באלייכטן דעם וועג פון חתן כלה, האָט מען אין אלע גאסן ווי חתן כלה איז דורכגעגאנגען, געשטעלט ליכט אין לאָמפן אין די פענצטער. די באוווסטע אין שטאָט כלי־זמר, די גימפלס, האָבן באגלייט דעם בדחן ר׳ טעוועלע וואָס האָט אויסגעפירט פאסיקע לידער צו דער געלעגנהייט.

די בילגאָרייער אויפגעקלערטע בחורים האָבן געזונגען פאָלקס לידער. די בחורים פלעגן אָפקויפן ביים חתן דעם לעקאך אין דאָס געלט פון לעקאך פלעגט צונעמען, דער בעלפער, לייביש מלמד׳ס זון, דער געלער משה׳לע. די בחורים זענען געזעסן ארום אין טיש שטייף אין ערנסט. נעבן דעם חתן איז געלעגן א גאנצע מאה פאפירעאָסן פאר זיי. א סך טעלער זענען געשטאנען אויפן טיש פון פיל צדקה אינסטיטוציעס. יעדער איינער פון דידאָזיקע בחורים פלעגט אריינוואָרפן אין די טעלער געלט. די בחורים זענען געווען געקליידט אין לאנגע מלבושים, א טייל מיט געהאקטע זשאקעטן אין שווארצע נידריקע טוכענע היטלעך און שטייפע קעלנער און שטייפע מאנקעטן געקנעפלט מיט גאָלדענע ספינקעס.

ווען מען איז געקומען אוועקנעמען דעם חתן פון טיש, ווי ער איז געווען ארומ־גערינגלט מיט בחורים, האָבן די לעצטע נישט געוואָלט אים ארויסגעבן אויב מ־האָט זיי נישט באצאָלט „אויסלייז געלט״ ... פאר דעם געלט האָבן זיי געקויפט ביר אין בראָנפן און מ־האָט ממשיך געווען דעם „לחיים״ ...

יונגוואַרג, מיידלעך און ייִנגלעך, אויסגעפוצטע זענען געשטאנען אין דרויסן און זיך געוויצלט אויפן חשבון פון חתן כלה ... פלוצלינג, הערט מען א קול: שטיל.

ס־האָט זיך דערהערט דאָס שפילן פון ר׳ גימפלען. ער האָט געשפילט אויף זיין פידל, וואָס ער האָט געהאלטן צוגעדריקט שטייף צום אקסל, זיין הדרת־פנימדיקער באָרד האָט באדעקט א האלב פידל, אזוי אז דער סמיטשעק האָט אָפט אָנגעטראָטן אויף דער באָרד ... זיין שפילן איז געווען אָט זיס נאָגנדיק און האָט פריילעך.

דער אלטער בדחן ר׳ טעוועלע, ווי מ־האָט אים גערופן, טעוועלע מארשאלעק, איז געשטאנען און א יארמולקע מיט א גרויסער רויטער פארטשיילע אין זיין האנט, האָט ער משמח געווען חתן כלה מיט פאָלקס־לידער און מיט גראמען וואָס ער אליין

# ב י ל ג אָ ר י י

האָט צו געשאפט:

„הארציקע כלה
שער דיר אָפּ די האָר
דיין מזל זאָל דיר לייכטן
ווי די לבנה איז קלאָר
חן זאָלסטו האָבן
ביי גאָט און ביי לייט
צו טבילה זאָלסטו גיין
צו דער רעכטער צייט...

ווי ער האָט געענדיקט דאָס לידל, האָט דער בדחן גענומען אויסרופן די דרשה־געשאנק פון ביידע צדדים: מצד דער כלה גיט דער מחותן, ר׳ יאנקעלע מיט זיין ווייב שרה׳לע, זאָלן זיי לעבן ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, א פּאָר זילבערנע לייכטער — זאָל דער כלה־ס מזל שטענדיק לייכטן... דער כלה׳ס שוועסטער חיה׳לע גיט א גרויסע שיסל — אם ירצה השם — אין 9 חדשים זאָל מען דאָס קינד אין דער שיסל באָדן... די כלה לאָזט אראָפּ דערביי די אויגן פון אונטערן וועלאָן.

ווען דער בדחן האָט שוין געהאט אויסגערעכנט אלע דרשה־געשאנק, דערלאנגט ער דער כלה אלע מתנות און ווינטשט אלדאָס גוטס און זי זאָל זיי באנוצן געזונטערהייט. דער עולם רופט אויס דערביי אָמן!

די געזאנגען און טענץ ווערן פאַרגעזעצט. דער אלטער חזן משה אפרים מאכט יעדן מחותן א מי־שברך. א סך מחותנים פלעגן זיך פארשטעלן און טאנצן פאַר־שידענע חסידישע טענץ.

„שפּילט, שפּילט כלי־זמר שטייט נישט אָפּ — שרייען זיי — מיר צאָלן געלט פאר אלעמען, שפּילט שטארקער, לעבעדיקער, לוסטיקער — אזוי פלעגט מען אָפּטאנצן ביז־שפּעט באנאכט.

לבסוף זענען אלע ארויס אויף דער גאס, דער בדחן מיט דער באגלייטונג פון כליזמר הייבן אָן זינגען דאָס ליד:

בלייבט געזונט
בלייבט געזונט
מחותנים אלע
בלייבט געזונט

## בילגאָריי

בלייבט געזונט
חתן מיט דער כלה
האָט מיר א גוטע נאכט
האָט מיר א גוטע נאכט
אוי אוי אוי אוי...
דער עולם צעגייט זיך א היים.

* * *

מיט 60 יאָר צוריק בערך, פלעגן די ארבעטער אנדינגען זיך ביי די מייסטערס אויפן זמן ד.ה., מיט עסן אין שלאָפן. זיי פלעגן ארבעטן א גאנצן טאָג מיט קורצע איבערייסן פאר דאווענען און עסן. אזאוי די ווינטערדיקע פרייטיקס זענען דאָך געווען קורצע, פלעגן די ארבעטער אריינארבעטן דאָנערשטיק אין דער נאכט אריין.

פרייטיקצונאכט זענען די אלע ארבעטער געזעסן מיט מייסטער אין זיין פאמיליע, צוזאמען געזונגען זמירות אין געבענטשט.

שבת האָט יעדער ארבעטער געמוזט זיך באווייזן ביים דאווענען אין דער זעלבן שטיבל אָדער שול ווי זייערע מייסטערס האָבן געדאוונט. ווייל די מייסטערס פלעגן זיי זוכן צווישן דעם עולם. וואס מער ארבעטער דער מייסטער האָט געהאט, אלץ מער איז ער חשובער געווען ביים עולם. דערפאר טאקי, האָט דער מייסטער געהיטן אז קיינער פון זיינע ארבעטער זאָל נישט אוועק דרייען זיך פון דעם דאווענען. אין אויב אן ארבעטער האָט געפעלט ביים דאווענען האָט דער לעצטער שוין באקומען זיין חלק.

מוצאי־שבת, באלד נאָך הבדלה האָבן די ארבעטער ווידער זיך געשטעלט צו דער ארבעט ביז א זייגער 12 באנאכט, די ווייבער פון די מייסטערס פלעגן קאָכן די מלוה־מלכה... — א רויטן באָרשט מיט קארטאָפל, מיט געבראטעטע קישקע.

מיט 50 יאָר צוריק איז אין בילגאָריי קיין פארווילונגען נישט געווען, ווי למשל: קינאָ, טעאטער. אין דער צייט האָט זיך אין דער שטאָט באוויזן א פונק פון אויפלעבונג אין דער ריכטונג. דער פונק איז געווען אין געשטאלט פון דעם מלמד הערש צינג, וועלכע האָט באנקראָטירט אין דעם גאָלדענעם

## בילגאָריי

לאַנד אַמעריקע, און איז אַראָפּגעקומען אין זיין היימשטאָט בילגאָריי זוכן אַ נייע פּרנסה.

די נייע פּרנסה האָט ער נישט באַדאַרפט זוכן — ער האָט זי גלייך מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער פאָרם פון צוויי קליינע קעסטעלעך. איין קעסטעלע איז געמאַכט געווען מיט גומע־שנירלעך און אויסגעזען ווי אַ טעלעפאָן: אַז מ׳האָט צוגעלייגט די גומע שנירלעך צו די אויערן, האָט מען געהערט אַמעריקאַנער מוזיק.

אין דעם צווייטן קעסטעלע האָט מען אַריינגעקוקט דורך אַ פאַרגרעסער־גלאָז, און מ׳האָט געזען די גרויסע פּופּציק־שטאָקיקע הייזער אין אַמעריקע, די שיינע ברייטע גאַסן, און די קליינע צוויי־רעדער־דיקע װעגעלעך פון די נעגערס און נאָך פיל וואונדער זאַכן.

אַ גאַנצע וואָך האָט ער די קעסטעלעך געהאַלטן אין שטוב. מוצאי־שבת זענען די קעסטעלעך געבראַכט געוואָרן, אין דער באַגלייטונג פון בילגאָרייער קינדער צו ר׳ הערש איידלשטיין. און נישט נאָר קינדער האָבן געהאָלפן טראָגן די קעסטעלעך. פיל עלטערע האָבן דאָס געטאָן. ווייל דער מלמד הערש צינג האָט צוגעזאָגט אַ מ־זיסטן „קוק" און אַ מ־זיסטן „הער" אין די קעסטעלעך, ס׳איז אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן דער יונגוואַרג ביים טראָגן די קעסטעלעך. לכבוד די צוויי אַמעריקאַנער קעסטעלעך האָט מען ביי הערש איידלשטיינען אָנגעצינדן צוויי גרויסע בליץ לאָמפּן. דער מלמד איז געזעסן ביים אַריינגאַנג אין געמומען געלד פאַר אַריינקוקן אין די קעסטעלעך.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן אַ גרויסע ריי פון נייגעריקע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטיפעריי פון יינגוואַרג און עלטערע. יעדער איינער האָט געוואָלט וואָס פריער זען די וואונדערע זאַכן וואָס הערש צינג האָט געבראַכט פון אַמעריקע. כדי איינשטילן דעם נייגערן עולם האָט דער מלמד געזידלט אין געשאָלטן, באַנוצט זיך מיט ווייניק באַטאַמטע ווערטער פון אַמעריקאַנער לעקסיקאָן...

אין איינעם אַ שבת־צונאַכטס, ווען די קעסטעלעך האָבן שוין געהאַט אָפּגעשפּילט אַ צייט, האָבן זיך עטלעכע שניידער געזעלן געווענדעט צו זייער מייסטער, צו חנינה טויטמאַן, ער זאָל זיי ערלאָבן גיין הערן די אַמריקאַנער מוזיק. דער מייסטער האָט באַלד נישט מסכים געווען, ווייל ס׳איז איז אַ שאָד געווען צו פאַלירן עטלעכע שעהן אַרבעט. אָבער זיין ווייב האָט זיך אַריינגעמישט

# בילגאָריי

לטובת די ארבעטער אין חנינה טויטמאן איז בלית ברירה באשטאנען, אז צוויי פון די 8 ארבעטער זאָלן גיין יעדער שבת צונאכט זען די קעסטעלעך. ער האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע צוויי טאשן טיכלעך, געמאכט צוויי קניפלעך. די וואָס האָבן זוכה געווען זענען געגאנגען זען די קעסטעלעך.

פיל ארבעטער אין אנדערע ווארשטאטן האָבן פון דעמלט אָן געצויגן קניפלעך צו זען די וווּנדער קעסטלעך פון מלמד הערש ציגג.

די שמחות וואָס די אמעריקאנער קעסטלעך האָבן פארשאפט די בילגאָרייער יידן, האָט געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון דער בילגאָרייער אונטערוועלט וועלכע האָבן זיך דעמלט ארגאניזירט אין געפאדערט פּרעטענסיע געלטער. ס׳איז געווען א פאקט מיט יאנקל ק. וועלכער איז איינמאָל א שבת ארויס שפאצירן נעבן יאנשינסקעס אפטייק, האָבן אים פלוצים אפגעשטעלט צוויי חברים פון די דערמאנטע אינטערוועלט.

געקליידעט זענען זיי געגאנגען אין שווארצע לאנגע סאמברינע מאנטל, מיט שווארצע טוכענע קליינע היטלען, פון אונטער וועלכע האָבן א פערגעקוקט גרויסע טשופּרינעס. אָנשטאט קראוואטן פלעגן זיי טראָגן שווארצע שנירלעך.

דער קרבן איז דאס מאל געווען יענקל ק.

„דו פאצעט — האָט אים איינער א זאג געטאָן — יאג דיך נאר נישט, איך האָב מיט א ענין צוערלעדיקן״!

יאנקל איז א דערשראָקענער שטיין געבליבן און מיט א ציטעריקע שטימע א פרעג געטאָן: וואָס ווילט איר פון מיר?

— וואָס ?, דו ווייסט פון גאר נישט? — האָט זיך איינער פון די צוויי חברה־לייט אנגערופן, די יאָלדישע נשמה, מאכסט זיך געפגרט... די ווילסט מיט מיר שפילן די ראָלע פון „טויבן מאיר״, אבער נישט ביי „מוטקין״ אין איין צי האָט ער אראָפגעריסן זיין קראוואט און געזאגט: באהאלט דיר דעם „פאצעט״ אין קעשענע און הער מיין טענה.

„פארוואס האסטו נעכטן באנאכט שפאצירט מיט מיין כלה פעסעלע... אויף דעם אפגעשטאכענעם בארג... צי ווייסטו נישט אז פעסעלע איז מיין געשווירענע כלה. הייבט אויף די האנט און וויל אים א פאטש דערלאנגען.

דער צווייטער חבר האט אים אנגעכאפט פארן האנט און געזאגט: שלאג אים נישט. מיר אלע זענען יידן, מיר אלע זענען בני יעקב׳ס קינדער און פרווט

## ב י ל ג אָ ר י י

פארטיידיקן דעם קרבן...

— אפשר האט ער נישט געוווסט אז פעסעלע איז דיין כלה... מיר זענען דאָך יידן. מיר קענען א דורך קומען צווישן זיך. ער וועט דיר זיכער באצאלן פאר דיין גרויסע בושה... עס איז דאָך א געשעענער פאקט און מער וועט ער מיט דיין פעסעלע אונטער אסגעשטאָכענעם בארג נישט גיין — פארענדיק שלמה דער סאניגור פונם ארבעטער.

דער ארבעטער האָט זיך אָנגעהויבן פארטיידיקן — איך קאָן בעהויפט קיין אזא מיידל נישט. גראָד אין דער נאכט בין איך אין דרויסן נישט געוועז ווייל איך ארבעט אין דער נאכט אריין.

אזאווי דער ארבעטער האט געזען א זיינע ווערטער טרעפן ווי ארבעס און דער וואנט, האט ער געזאָגט אז ער איז גרייט אויפצווייזן זיין אומשולד.

— אלע דיינע „באבע מעשיות" וועלן דיר העלפן פינקט ווי א טויטן באנקעס — האט אים דער שלעגער געזאגט, דו ביסט געגאנגען מיט פעסעלען דארפסטו באצאָלן פאר פעסעלען...

ס'האָט זיך אנגעהויבן א דינגעניש וועגן דער סומע פאר דער אנגעטאָנער חרפה. לסוף, נאך לאנג דינגענישן האָט דער ארבעטער מסכים געווען צו באצאָלן 5 רובל, פראטענסיע געלט. אזעלכע דערשיינונגען זענען אין בילגאָריי אפטמאָל פארגעקומען, ביז עס איז אמאל פון ווארשע א היים געקומען יאנקעלע בוכטיס מיט לייבע פוקסמאן אין זיי האבן ארגאניזירט די ארבעטער זיי זאלן ארויסטרעטן אין קאמף קעגן די פראטענסיע געלטנעמער.

איינמאָל א נאכט איז פארגעקומען א גרויס געשלעג צווישן די ארבעטער און דער אונטערוועלט לייט. די ארבעטער האבן געגאסן אויף זיי מיט וויטריאל, און פון דעמלט אָן האָבן די בילגאָרייער גענגסטער אראפגעלאזט די נעז.

אויך די פרויען ווארשטאטן פלעגן ארבעטן ביז שפעט באנאכט מיט איבערייס אויף גיין ווארמעס און נאכטמאָל. ס-פלעגט זיין א מנהג אז די בחורים פלעגן באזוכן זייערע מיידלעך אין די ווארשטאטן ביי דער ארבעט און די מייסטערס פלעגן זיין צעפרידן דערפון.

די יינגלעך פלעגן מיטברענגען כאלווע, צוקערלעך און אנדערע נאשערייען. די מייסטערס מיט זייערע קינדער פלעגן פארזוכן פון די נאשעריי וואָס די בחורים פלעגן ברענגען. די יינגלעך פלעגן זיצן ביז שפעט באנאכט און

# ב י ל ג אָ ר י י

גזונגען פארשידענע ליבע לידער:

איך האב זיך פארליבט
אין א שניידער מיידעלע
זי איז געווען פון ווין.
זי איז א היים געפאָרן
טאטע מאמע פרעגן
צי זאל דעם שידוך טין.
עס איז שוין זייער לאנג
מ׳זעט זי נאָך נישט צוריק
איך ווייס נישט וואס דארט
איז מיט איר געשען.
גיי איך מיר אין גאס אריין
אין טו זיך גיט ארומקיקן
פליט דורך א שיינער פויגל
טיט מיר מיין הארץ דערקוויקן.
נישט אזוי פון שיינקייט
ווי זיין הויך פליען
אראפגעווארפן האט ער מיר א בריועלע
געווען איז עס פון ווין.
אין נעם דאס בריוועלע
אין דער רעכטער האנט אריין
און הייב עס אָן צו ליינען
איך גיב א קוק אויף דער לעצטער שורה
הייב איך אָן צו וויינען...
פארוואס זאל איך נישט וויינען
אזווי עס שטייט אין חורבן
איך גיב א קוק אויף דער לעצטער שורה
שטייש: מיין כלה איז געשטאָרבן!

.......................

אזוי פלעגט מען זיצן און זינגען ביז שפעט באנאכט
אזוי פלעגן ווערן די. קליידלעך געמאכט...

# דעם שליחס דערציילונג

צוריק מיט א האלבן יובל איז קיין בילגאריי אראפגעקומען א שליח פון ארץ ישראל. אין אויב א שליח פון ארץ ישראל, משמע, אז ער איז א ציוניסט. אין אויב א ציוניסט, איז ער דאך „טרפה שבטרפה,״ אין אויב טריפה — דארפמען אים צעברעכן די ביינער. זיין רעפעראט וועט ער נישט האלטן. ניין! ער וועט נישט האלטן, יידן!

אזוי בערך האבן באשלאסן די חסידים פון דער שטאט. זייער באשלוס איז געווען אז סיידן ער וועט אריבער־טרעטן איבער זייער קערפער דאן וועט ער האלטן זיין רעדע דער „אפיקורס״. „יהרג ואל יעבור״, אט־דאס איז געווען זייער באשלוס. נאר עס איז געשען א נס אין לייביש טיטלבוים האט אין דער לעצטער מינוט באקומען אן ערלויבעניש פון דער מאכט אפצוהאלטן דעם רעפעראט. די גרויסע שול איז געווען דאס פאסיקסטע ארט פאר דעמדאזיקן צוועק.

סימפאטיקער אין קעגנער האבן ביז א שפילקע־קעפל אויסגעפילט די גרויסע שול. שוין ביים אנהייב האט זיך דער עולם צעטיילט אין צוויי פאזיציעס. זיך אוועקגעשטעלט איינער קעגן אנדערן. די פון איין זייט, און די פון דער צווייטער זייט. וועגן וואס האט גערעדט דער שליח ?. דאס וואס ער איז חייב צו רעדן. אבער פלוצלינג האט אים איבערגעריסן א בילגארייער חסיד, לוי ברכה׳ס א זון :

ווער זענען דיינע ציוניסטן ? די חלוצים דיינע ? מחללי שם שמים זענען זיי, ימח שמם, אוכלי טרפה, גויים, אפיקורסים. מיט זיי ווילט איר עס אויפבויען אונדזער הייליק לאנד ?.

גאנץ געלאסן האט אים דער שליח געענטפערט : אין איינעם א קליין שטעטעלע איז אמאל קראנק געווארן א פרוי. די דאקטוירים האבן געטאן אלץ. נאר עס האט, לא עלינו, גארנישט געהאלפן. די לאגע פון דער פרוי איז געווען א געפערלעכע. דער מאן איז ווי משוגע ארומגעלאפן אין די גאסן פון שטעטל בעטן אן עצה פון גוטע מענטשן. צו וועמען לויפט מען קודם כל ?. פארשטייט זיך — צום רבין. דער רב, ווי געוויינלעך, האט פארגעלייגט צונויפצונעמען א מנין יידן און זאגן

# דעם שליחס דערציילונג

תהילים. גאַנץ פיין. ווי נעמט מען אָבער אין אזא פינצטערע ווינטער־נאַכט, און אין אזא שפּעטער שעה נאָך דערצו, א מנין יידן.

דער ייד איז געשטאַנען א פאַרצווייפלטער ווי גלייך זיין וועלט איז אים מיט אמאָל חרוב געוואָרן.

פּלוצלינג, אדורכגייענדיק דאָס שוך־געוועלב פון ר׳ חיים, האָט דער ייד באַמערקט יאַנקעלען, דעם „גנב" וואָס האָט „מאַניפּולירט" מיט דעם שלאָס פון דעם געוועלב. זאָגט דער ייד מיט א וויינענדיק קול: יאַנקעלע, א מנין פון סכנות נפשות! מ׳דאַרף א מנין יידן צום תהילים.

ווי יאַנקעל האָט דערהערט וועגן סכנות נפשות. איז ער געלאָפן אַלאַרמירן די „באַנדע" זיינע, וואָס איז, פּינקט ווי ער, געווען „באַשעפטיקט" און ענלעכע „מלאכות".

די חברה האָט זיך צינויפגעקליבן אין דער שטוב פון דער קראַנקער. זיי האָבן אָפּגעטראַסקעט א פּאָר קאַפּיטלעך תהילים און זענען א וועק צו זייער „אַרבעט".

צומאָרגנס לויפט דער ייד צום רב; רבי! מיין פרוי איז באמת ניצל געוואָרן. עס גייט איר בעסער פון מינוט צו מינוט אָבער — איר ווייסט, רבי, אז יאַנקעלע דער גנב, מיט זיין באַנדע — זיי, זיי זענען דאָס געווען דער מנין אין דאָס איז מיך מצער —גנבים האָבן אָפּגעראַטעוועט מיין פרוי, גנבים...

דער רבי, זעענדיק דעם צער פון דעם יידן, האָט געענטפערט:

אז יאַנקעלע מיט זיין באַנדע האָבן געזאָגט תהילים, זענען זיי דען נישט קיין יידן? דו האָסט זיך אליין איבערצייגט פונוואַנען די ישועה איז געקומען? — פון די יידן, וואָס זענען גרייט צו גיין און אָפּראַטעווען א מענטשן אינמיטן דער נאַכט — אין דער צייט ווען אלע יידן „הכשרים" שלאָפן במחילה אין זייערע בעטן...!

## בילגאַרייער שרייבער און קינסטלער.

בילגאַריי שטאַלצירט ביזן היינטיקן טאָג מיט באַרימטע יידישע שריפשטעלער און קינסטלער וועלכע זי האָט אַרויסגעגעבן. הגם נישט גרויס איז די צאָל שרייבער און קינסטלער, איז אָבער זייער פּלאַץ און דער יידישער און העבראַישער ליטעראַטור פון גרויסער באַדייטונג.

דער באַרימטער פּראָזאַיקער איז י. י. זינגער. (זינגערס ברודער איז דער טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער וואָס שרייבט אונטער זיינע ווערק מיט נאָמען באַשעוויטש, און געפינט זיך היינט צו טאָג אין אַמעריקע.) י. י. זינגערס שאַפונגען ווערן נאָך היינט צו טאָג געליינט אומעטום, ווו ס׳געפינען זיך נאָר יידן. דער נאָמען י. י. זינגער, דער מחבר פון „יאָשע קאַלב" איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור ווי א פּאָזיציע פון געוואַלטיקער באַדייטונג. חוץ דאָס דער־מאָנטע ווערק „יאָשע קאַלב", האָט י. י. זינגער, דער אייניקל פון דעם אַלטן בילגאַרייער רב ר׳ יעקב מרדכי ז"ל, אָנגעשריבן נאָך א סך וואָגיקע ווערק ווי: פּערל (דערציילונג — 1927) פרילינג (דערציילונג — 1937) די ברידער אשכנזי (ראָמאַן 1935) חבר נחמן (ראָמאַן 1938) משפחה קאַראַנאַווסקי (ראָמאַן 1943) פון א וועלט וואָס איז נישטאָ מער (1946). דער לעצטער ראָמאַן פון י. י. זינגער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָך זיין טויט. אין 1944, אין אַמעריקע, איז דער באַרימטער יידישער שרייבער געשטאָרבן.

אין קאַפע „כסית" אויף רח׳ דיזנגוף אין תל־אביב קאָן מען אָפט טרעפן צוויי חברים עטלעכע־און־צוואַנציק־יעריקע, בילגאַרייער יוגנטלעכע, וואָס פירן א הייסן וויכוח ביי א שוואַרצער קאַפע וועגן קולטור־שאַפונג און קונסט. טראָץ דעם, וואָס זיי זענען נאָך זייער יונג, האָבן זיי שוין פאַרדינט, אז די העבראַישע פּרעסע זאָל זיי אָפּגעבן א באַזונדערן שבח — יעדן באַזונדער. יעדער איינער פון די צוויי בילגאַרייער יוגנלייט שאַפט, נעמט אַנטייל און באַרייכערן די העבראַישע קולטור.

איינער איז שמואל עצמון (ווירצער) ר׳ יצחק ווירצערס ז"ל א זון). וועלכער איז באַוווסט אין די אַרטיסטישע קרייזן, אַלץ טאַלאַנטפולער שוישפּילער און לויט דער העבעראַישער קריטיק, גיט ער פיל האָפינונג צו ווערן איינער פון די גרויסע שוישפּילער. ער איז א שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „הבימה", וועלכע פירט אויף ווי באַוווסט, פון באַרימטע קלאַסישע ווערק.

זיין בילגאַרייער חבר איז בנציון תומר (טייטלבוים), א דיכטער, וועלכער איז אַריין אין דער העבראַישער ליטעראַטור ווי א פּאָזיציע פון גרויסע באַדייטונג.

## ב י ל ג אָ ר י י

זיינע שאפונגען זענען צעוואָרפן איבער פיל העבראַישער אויסגאַבעס אין לאַנד: „אורלוגין" (רעדאַגירט פונם גרויסן העבראַישן דיכטער אַברהם שלאָנסקי), „מעוז עציון" „משא" „מבואות" „דבר" „דבר ילדים" „הארץ" „למרחב"; זיינע לידער געפינען זיך אין דער באַרימטער ליטעראַרישער „אכסניה" אין וועלכע ס-נעמען אָנטייל די וועלט באַרימטע געלערנטע און שרייבער ווי פּר׳ מאַרטין בובער אין אַנדערע.

אינגיכן דערשיינט זיינע אַ לידער זאַמלונג, וואָס דער דיכטער האָט פעשאַפן און פאַרענדיקט, בעת זיין געפאַנגעשאַפט אין עבר הירדן, אין דער באַפרייאונגס — מלחמה און וועלכער ער האָט אָנטייל־גענומען אַלס אָפיציר פון דער יידישער אַרמיי.

# בולגאַריי



דער דיכטער בנציון תומר (טייטלבוים)

# ר׳ יצחקל חסדו

ר׳ יצחקל איז געווען א נידעריקער, א בלאָנדער, מיט צעפלאָשעטע פאות, זיין בערדל קליין און שיטער, און בלווילעכע אויגן. תמיד צעקנעפלט, צעטראָגן און פארזאָרגט. גערעדט האָט ער שטיל. ער האָט געטראָגן א קאַפּאָטע, לענגער פון אים אליין, ממש זיך געשלעפּט אים אונטער די פיס. געבוירן איז ער אין גאַריי און געוווינט אלע זיינע יאָרן אין בילגאָריי. געווען זייער פרום. מען פלעגט אים רופן דער ל״ו־ניק. א ייד א ירא־שמים. אז ער פלעגט זיך באַווייזן אויף דער גאַס, און עס איז אים אנטקעגנגעקומען א אשה, פלעגט ער דעם קאָפּ אוועקדרייען אין א זייט און אָפּטמאָל אנטלויפן אויף א צווייטער גאַס. ער האָט געהאלטן פאר א גרויסע מצוה זיך צו געטן אָפּט מיט זיין ווייב און דער־נאָך צוריק מיט איר חתונה האָבן ... עס איז מיט אים אמאָל געשען א מעשה, ער איז געפאָרן קיין טאַרנאָגראָד זיך געטן מיט זיין ווייב. לויטן דין האָט מען אין בילגאָריי נישט זיך געטאָרט געטן, ווייל דער טייך האָט נישט געהאט קיין נאָמען. אויפן וועג האָט ער זיך מיט איר איבערגעבעטן און געקומען צוריק אין שטאָט אריין ...

פון פאַך איז ר׳ יצחקל חסדו געווען א שניידער. זיין פרנסה איז באַשטאַנען פון פאַרריכטן אלטע מלבושים פאר נגידישע חסידים. דערהויפּט האָט ער ליב געהאט צו פאַרריכטן מלבושים פאר די טריסקער חסידים, צו וועלכע ער אליין האָט געהערט. מען דערציילט, אז ר׳ יצחקל חסדו, דאָס פרומע שניידערל, האָט א מאָל א פּרייטיק אָבגעטראָגן פאַרטיקע מלבושים פאר דעם בילגאָרייער גביר ר׳ יחיאל גרשון גוטווין.

— גוט מאָרגן באַלעבאָסטע, — האָט ר׳ יצחקל זי באַגריסט, איך האָב שוין אַלץ פאַרטיק געמאַכט און אָפּגעבראַכט. אזוי, — האָט זי אים בייז אָפּגעענטפערט, — האָסט א מזל און א גרויס גליק וואָס מיין מאַן איז איצט נישטאָ אין דער היים, א העזה פון א שניידער אָפּצוהאַלטן אזוי לאַנג מלבושים! יצחקל האָט זיך דערשראָקן און האָט געבעטן דער באַלעבאָסטע, זי זאָל אים מוחל זיין וואָס ער האָט נישט צו דער צייט פאַרטיק געמאַכט די מלבושים. די סיבה דערפון איז, האָט ר׳ יצחקל זיך כמעט וויינענדיק פאַרענטפערט, וואָס מיין קינד איז מיר קראַנק. ער האָט

## ר׳ יצחקל הסדו

ארויסגענומען א רויטע פאטשיילע און גענומען זיך ווישן די טרערן פון די אויגן, וואָס זענען אים שטראָמענווייז גערינען. עס האָט איר א שניט געטאָןביים הארצן, זי האָט רחמנות געקראָגן אויף אים און א זאָג געטאָן שוין אין א מילדערן טאָן: „אויב אזוי, העלף מיר א ביסל צו, טראָג מיר ארויס א שיסל וואסער!" ר׳ יצחקל האָט זיך שטארק דערפרייט: איך וועל אייך אלץ העלפן, באלעבאָסטע, האָט ער געזאָגט, אבי איר זאָלט מיר מוחל זיין...

די באלעבאָסטע האָט אים דערלאנגט פיער קיכלעך פון איר שבתדיקן געבעקס, ר׳ יצחקל האָט אָפּגעדאנקט און געזאָגט א גוטן שבת און אוועק צו זיך אהיים.

— האָסט געהערט מיין ווייב, — האָט ר׳ יצחקל דערציילט, איך האָב היינט געהאט די אמתע אויסקומעניש ביי דער אשה, אז איך האָב אזש געוויינט. איך האָב איר א ביסל צוגעהאָלפן לכבוד שבת, זי האָט מיר געגעבן, לעבן זאָל זי ביז הונדערט און צוואנציק יאָר, פיער קיכלעך פאר די קינדער. א כשרע נשמה, כ״לעבן...

— אלצדינג גוט, — האָט זיין ווייב געענטפערט, אָבער געלט האָסטו געברענגט פאר דער ארבעט? תכשיט מיינער, — האָט זי זיך צעוויינט, געלט אויף שבת!

— איך האָב דיר דאָך שוין דערציילט, — האָט ר׳ יצחקל זיך פארענטפערט, אז דער באלעבאָס, ר׳ יחיאל איז נישט געווען אין דער היים, טאָ ווער האָט מיר געקאָנט געבן געלט? איך ווייס דען צי די זשופיצע איז גוט באלאדוועט? וואָס האָסטו מורא פארן געלט? הלוואי קומט מיר ביי אים נאָר אזוי פיל.

— אָבער יאָ, האָט זיין ווייבל זיך שוין צעשריגן, ווו נעמט מען אָבער פאָרט אויף שבת? מען טאָר דאָך נישט פארזינדיקן קעגן רבונו של עולם! איך ווייס? אפשר וועט יואל בעקער באָרגן א ברויט און ביילע־גיטל צוויי הערינג...

דעו סוד האָבן זיך דערוווסט די שכינים און האָבן באזאָרגט ר׳ יצחקן אוי׳ף שבת.

נאָכן דאווענען איז ר׳ יצחקל א היים געקומען א פריילעכער און מלא שמחה זיך געווענדעט צו זיין ווייב, ווי איינער וואָס האָט פלוצלונג געוווּנען דאָס גרויסע געווינס: דו ווייסט מיין ווייב, האָט ער געשיינט פאר שמחה — איך קאָן דיר אָנזאָגן א פריילעכע בשורה, איך האָב ערשט איצט געזען ביים דאווענען ר׳ יחיאל גרשונען, אָנגעטאָן אין דער זיידענער זשופיצע, וואָס איך

## ב י ל ג אָ ר י י

האָב אים באַלאדעוועט. זי איז אויף אים געלעגן ווי אויסגעגאָסן! אויב אזוי, מיין ווייבעלע, איז א סימן אז... מיר האָבן א גרויסן גאָט אין הימל און ער פארלאָזט נישט זיינע שעפעלעך...

# אינטערעסאנטע טיפּן אין בילגאַריי

אין בילגאַריי ווי אין אנדערע שטעטלעך, זענען געווען פיל אינטערעסאנטע טיפּן. מיר וועלן דערמאנען אייניקע פון זיי: חאסקעלע וויאַטש. ער איז תמיד געווען לוסטיק און פריילעך. געלעבט אָן זאָרג ווערלכעס איז און דאגות. אז מען האָט אים אמאָל א פרעג געטאָן; חאסקעלע, זאָג דעם אמת, ווי פיל ביסטו אלט? איז זיין ענטפער תמיד געווען דער זעלבער: „דרייסיק יאָר". לויט זיין חשבון האָט ער זיך קיינמאָל נישט געעלטערט. די יאָרן זענען געלאָפן, אָבער חאסקעלע איז געשטאנען אויף איין אָרט . . .

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די כאָלערי עפידעמיע האָט עס בילגאַריי אויך נישט אויסגעמיטן. פיל בילגאַרייער זענען דעמאָלט געפאלן אויף די גאס ווי די פליגן. אלס „סגולה" צו דער מגיפה האָבן בילגאַרייער יידן אויסגעזוכט אן ארעמע חתן־כלה כדי זיי חתונה צו מאכן אויפן בית־הקברות. זיי האָבן צינויפגעפאָרט חאסקעלען מיט דער שטומער מויד, די טאכטער פון שילום קאָוואל, וועלכער האָט געווינט הינטערן בארג. מען האָט דאָס פּאָרל שיין אויסגעקליידט און זיי אראָפּגעבראכט מיט א פורל אויפן בית־החיים. מ׳האָט געגעבן חופה וקדושין און געטיילט לעקעך מיט בראָנפן און זיך משמח געווען לכבוד חתן־כלה און אויך זייער שטארק געוויינט. די מגיפה האָט געהאט ארומגענומען פיל יידישע משפחות.

קיין איין חתונה איז נישט פאָרגעקומען, אָן חאסקעלעס אָנטייל. אויף אלע חתונות האָט ער געטאנצט און געזונגען, אויסרעכנדיק דערביי זיין גרויסן „יחוס": חאסקעלע וויאַטש — דאָס בין איך! מאירלע באטש — מיין פאָטער! הנהלע ד. — מיין מוטער! לייבעלע שאָוואלסקע — מיין פעטער!

חאסקעלע וויאַטש האָט קעדענקט יעדן מארש וואָס מען האָט געשפּילט צו די חופּות צוריק מיט 50 יאָר . . .

חאסקעלע פלעגט טראָגן וואסער אין די יידישע הייזער. עס פלעגט אָפּט ביי אים טרעפן, אז ער פלעגט פארשווינדן מיט די עמער און נישט ווייזן זיך צוריק א גאנצן טאָג. צו נאכט צו פלעגט ער אנפילן די עמער מיט וואסער און קומען

## אינטערסאַנטע טיפּן פון בילגאַריי

צו די בעלי־בתים. ווי נאַר ער פלעגט זיך ווייזן אויף דער שוועל, פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, זיך געבן א קלאַפּ אין שטערן און א זאָג טאָן צו זיך: וווּ ביסטו געוועזן חאַסקעלע וויאַטש? אַן אויסגעריסן זאָלסטו ווערן...

✵ ✵ ✵

שלום שטריקנדרייער פלעגט שטיין מיט זיין ווייב ראָשע ביי קיווע אַרבעספּעלד אויפן הויף און דרייען שטריק, זיך אונטערזינגענדיק דערביי זיין פּאָטער, דעם חזנס ניגונים. זיין קאָנקורענט איז געווען זיין ברודער. דאָנערשטיק אויף א יאַריד, אַז עס פלעגן קומען די גויים פון דאָרף מאַכן ביי אים א באַשטעלונג, פלעגט צווישן ביידע ברודער אויסברעכן א מחלוקה: שלום פלעגט ציִען דעם גוי ביי דער פּאָלע פון איין זייט און זיין ברודער משה פון דער צווייטער זייט... משה פלעגט זאָגן צום גוי, אַז שלום־ס זון ישיעה, איז נישט קיין נאַבאָזשנע (פרומער) אַז ער וואַשט זיך נישט צום עסן! „אַן יעסט גוי!... (ער איז א גוי!...) טאָ ווי קאָנסטו אים געבן צו פאַרדינען?...“ שלום פלעגט אָבער תמיד מנצח זיין.

ווי דערמאָנט, פלעגט אים ראָשע, זיין ווייב, צוהעלפן אין דער פּרנסה אָבער אַז עס האָט זיך געמאַכט א באַשטעלונג אויף א לענגערן שטריק, איז אויסגעקומען אונטערהאַלטן דעם שטריק אויסער דעם הויף, אויף דער דריטער מאַי־גאַס. פלעגט ראָשע דעמלט נישט פּאָלגן שלומען און זיך שעמען. שלום פלעגט דעמלט שרייען פון אונטערן גרעגער ווו ער האָט געדרייט דעם שטריק: „ראָשע! וואָס וועט זיין דער סוף? אזוי קאָן ווייטער נישט זיין! מיר מוזן זיך געטן... איינדרויסן שעמסטו זיך, אין שטוב ווילסטו נישט, נו, פרעג איך דיר: וואָס וועט זיין דער סוף?“

דער סוף איז געווען אַז שלום האָט געוואָרפן דעם בינד פלאַקס אין א זאָג געטאָן צו ראָשען: נאַ דיר דעם גאַנצן האַקל־פּאַקל און גיי אין דער ערד אַריין...

✵ ✵ ✵

— אויב איר ווילט האָבן לייטישע קינדער, — פלעגט חיים ברודער זאָגן צו די בילגאָרייער בעלי־בתים, — טאָ זאָלט איר זיי שיקן קיין רוסלאַנד... אָדער קיין איזשביצע...

# בילגאָריי

פון „חיים ברידער“ דערציילט מען דאָס פאַלגנדיקע:

איינמאָל א פרייטיק, קומט אריין צו אים דער בילגאָרייער תושב וועלוול רעטנער זיך שערן לכבוד שבת, מיט א הויכן „מזל-טוב“ שרטעקט ער צו חיימען אויס די האנט.

— וואָס פאר א גדולה האָט דיך פלוצלינג געטראָפן? — פרעגט אים „חיים ברידער“ דערשטוינט.

— וואָס הייסט, וואָס מאכסטו דיך תמעוואטע, די רעדסט, ווי די וואָלסט פון גאָרנישט געוואוסט? וייער שיין פון דיין זייט, — זאָגט אים וועלוול, — דו ביסט א חתן געוואָרן און דערציילסט נישט דיין אמאָליקן שכן?...

— וואָס? — ווערט חיים איבעראשט, — דו קענסט זי?... —א פראגע — ענטפערט וועלוול: ווער קען נישט פרץ דעם רופא׳ס טאָכטער פון יונעוו פון דער קזשעמינאָווער גאס? צען יאָר בשכינות געוואוינט, איי איז דער פרץ א באלעבאטישער ייד! מילא, פון דער טאָכטער איז שוין גאָר אָפגערעדט — א צנועהסדיקע נשמה... נאָר איין חסרון — גיט ער צו מיט — שפּאָט — איך בעט דיך, חיים, שרעק דיך נישט, אָ, וואָס ביסטו אזוי בלאס געוואָרן? וואָס ציטערן אזוי דיינע הענט? ס׳מאכט נישט... סקען געשען אמאָל... עס פעלט איר דער גראָבער פינגער — וויזט ער אָן אויף זיין פינגער פון דער רעכטער האנט...

— וואָס? — האָט חיים ארויסגעלאָזט דאָס שערל פון דער האנט, ער איז אריין אין צווייטן צימער און זיך הויך צעשריגן: מלכה! (זיין שוועגערן), דו האָסט געהערט דעם בראָך, וואָס האָט מיך געטראָפן?... אויף דעם האָב איך געדארפט ווארטן 60־יאָר?... אזוי, האָסטו מיר אָפגעדינט געטריי? א יתום, א קיילעכדיקן יתום... וואו ביסטו געווען? — דערהערט זיך א געוויין אין זיין קול, — וואו האָסטו געהאלטן דיינע אויגן ביי דער „זעאונג“?...

— אָבער וואָס איז געשען? — פרעגט מלכה איבעראשט? — וואָס הייסט, וואָס? — אָט האָסטו א מענטש, ער זיצט ביי מיר, אמאָליקער שכן. ער קען זי׳... דער גראָבער פינגער... — האָט „חיים ברידער“ אויסגעפלאצט א געוויין, — וואָס זאָגסטו, חיים?

וואָס דו הערסט!... עס פעלט איר?... אויב אזוי — גיט ער צו, קומענדיק אביסל צו זיך, — פאָר עקסטרע זונטיק קיין יונעוו צו דער כלה און באקוק איר די פינגער, אויב ס׳איז אמת די זאך, איז אויס שידוך...

## אינטערעסאנטע טיפן פון בילגאָריי

באַין ברירה איז מלכה מיט מענדל משה פרויעמס אָפגעפאָרן זונטיק קיין יונעוו צו דער כלה מיטן אויסרייד, אז זי פאָרט קיין לובלין און ביי דער געלעגנהייט וויל זי קויפן דער כלה א פינגערל. זי דארף וויסן די מאָס...
מלכה האָט איר באקוקט די פינגער, עס איז בסדר: זי האָט אלע פינגער...
„איך וועל אים וויַיזן" — האָט עס אין חיימען געזאָגט! זאָל ער, דער ממזר נאָכאמאָל קומען פאר מיַינע אויגן.
ווען וועלוול איז צום צווייטן מאָל אריין צו אים זיך שערן, איז ער אים באפאלן:
— דו טריפניאק איינער. דו ממזרעץ! ווי פאלט דיר איין אויסצוטראכטן אויף מיין כלה אזעלכע נישט געשטויגענע זאכן? ס'טייטש מלכה איז געווען ביי איר און באקוקט אירע פינגער...

* * *

אהרון, גראָסמאַן, דער גרויסער שניט-סוחר איז אמאָל געפאָרן קיין ווארשע נאָך סחורה. קומענדיק קיין רייוויץ אויף דער באן-סטאציע, האָט ער געטראָפן „חיים ברידער" זיצן אויף א באנק, טוליענדיק אונטער זיין אָרעם א פידל אין א פוטליאר. מיט דער צווייטער האַנט האָט ער זיך געקלאמערט אָן דער באנק וואו ער איז געזעסן, ער האָט זיך שטארק דערפרייט מיטן שניט-סוחר, א היימישן מענטשן און דערציילט, אז ער פאָרט מיט א קאפעליע אין א נאָענטן שטעטל אויף א חתונה.
חיים האָט פאָרגעשטעלט אהרונען פארן ראש פון דער קאפעליע. דער לעצטער האָט א ווונק געטאָן צו אהרונען, ער זאָל מאכן א שווייג, „חיים ברודער" איז געווען זיכער. אז ער פאָרט שוין מיט דער באן, זיך האלטנדיק ביי דער באנק...
— חיים ברודער! — וואָרנט אים דער ראש פון דער קאפעליע, — האלט זיך צו פעסט, דו קענסט נאָך אראָפפאלן פון דער באן און צעברעכן דעם סמיטשיק!
„חיים ברודער" איז אזוי געפאָרן ביז האלבער נאכט זיצונדיק אויף דער באנק. די קאפעליע האָט דערוויַיל אָפגעשפילט אויף דער חתונה אין נאָענטן שטעטל. קומענדיק צוריק האָבן זיי חיימען געטראָפן אויף דער רייוויצער באן-סטאציע „פאָרנדיק" אויף דער באנק...

# אינטערסאנטע טיפן פון בילגאָריי

✻ ✻ ✻

אז משה שמאטשאשס ווייב איז געווען א קארגע, האָט געוווסט די גאנצע שטאָט. אויף שבת פלעגט זי קויפן א שארבן פון א קאלב ... איר מאן, משה, איז נעבעך גאנצע טעג ארומגעגאנגען הונגעריק. קאָנענדיק אָבער זיין ווייב, האָט ער געוווסט, אז דאָרט ווו ס'איז פאראנען א מציאה צו קויפן, איז זי דאָ, זיין ווייב. אז עס האָט אים אמאָל זיך פארשמעקט צו עסן א הערינג, איז ער אריין צו משה יוקל אין געוועלב, אויסגעקליבן א פעטן הערינג, באצאָלט דרייסיק גראָשן און אָנגעזאָגט, אז אויב זיין ווייב וועט אריינקומען קויפן א הערינג, זאָל מען זאָגן, אז ער קאָסט צען גראָשן, און דאָס איבעריקע וועט ער, משה, אליין באצאָלן.

ביים נאכטמאָל האָט זיין ווייב שטארק געלויבט דעם הערינג און געפרעגט וויפל ער קאָסט. הערנדיק, אז ער קאָסט נישט מער ווי צען גראָשן, האָט זי באלד דערזעען אין דעם א מקור פון פרנסה, ווייל ביי ביילע גיטל קאָסט דאָך פיל מערער ...

זי איז באלד אוועקגעלאָפן צו משה יוקל, געקויפט צוואנציק הערינג און ארומגעטראָגן צום פארקויפן. אזוי האָט זי געטאָן א פאָר מאָל ביז זי האָט אויסגעליידיקט ביי משה יוקל דאָס פעסעלע הערינג.

ביים דאווענען זאָגט משה יוקל א זאָג געטאָן צו שמאטשאש, אז עס איז זייער נישט געזונט צו עסן אזוי פיל הערינג ... „אייער ווייב האָט שוין באלד אויסגעליידיקט ביי מיר דאָס גאנצע פעסל“ ...

משה האָט א ציטער געטאָן. ער האָט פארשטאנען ... ער האָט אויף גיך געענדיקט דאָס דאווענען און אוועק א היים.

— וואו האָסטו א הינגעטאָן אזוי פיל הערינג? — האָט ער זיין ווייב א פרעג געטאָן, אריינפאלנדיק אין שטוב אן אויפגערעגטער.

— שריי נישט, יאָלד איינער, מאך נישט קיין געוואלדן, — מאכט זי גאנץ אומשולדיק, — איך האָב געקויפט צו צען גראָשן און פארקויפט צו צוועלף גראָשן אן הערינג. איצט רעכן איבער וויפל צווייער גראָשן איך האָב פארדינט..

„געוואלד!“ האָט זיך משה געריסן די האָר פון קאָפּ און זיין ווייב האָט געהאלטן אין איין ציילן די צווייער גראָשן, וואָס זי האָט פארדינט פון ייעדן פארקויפטן הערינג ...

## ביל גאָר יי

✲ ✲ ✲

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ראובן, דער דאכבאשלעגער חתונה געהאט קיין בילגאָריי מיט אן אָרים מיידל, יחיאל, דעם דעמענשניידערס א טאָכטער. געוווינט האָט ער לאנגע יאָרן ביי אסתר פאלעס אין הויף אויף דער טארנאָגראָדער גאס. פרנסה האָט אים געגעבן זיין ווייב, וועלכע איז געווען א קליידער־שניידערן. ער אליין האָט זייער ווייניק פארדינט פון זיינע דעכער פארריכטן. ער האָט מיט זיין פאמיליע שפעטער מיט יאָרן איבערגעצויגן זיך קיין קראָקע. דאָ האָט אים אויך זיין ווייב מפרנס געווען, ער אליין איז געווען א פוילער, א ליידיקגייער. מען דארף דאָך אָבער א מאָל א גלעזעלע משקה, האָט ער זיך דעריבער געדרייט אויף דער בערזע.

עס מאכט זיך א טאָג, ראובן דרייט זיך שוין פון אינדערפרי אויף דער בערזע און קיין גראָשן פארדינסט זעט מען נישט, דערהערט ער פלוצלונג א געשפרעך פון צוויי קירישע יידן: אייענר פרעגט דעם אנדערן: „וואו פאָרט מען צו א גוטן יידן ?" ווי נאָר ראובעלע האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך, נישט ווילנדיק, א קלאפ געטאָן אין שטערן און זיך דערמאָנט אין דעם גרויסן צדיק „וואָס בילגאָריי פארמאָגט . . .

— אנטשולדיקט מיר — האָט זיך ראובעלע געווענדעט צו די צוויי לייט, וואָס מיט זייער קליידונג האָבן זיי פאר ראובעלען אויסגעזען צו זיין רייכ'ע אריסטאָקראטן . . . איך האָב נישט ווילנדיק אונטערגעהערט אייער געשפרעך, פון וועלכן ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אז איר זוכט א גוטן ייד. אלזאָ, הערט אויס מיינע ליבע! איך קום פון בילגאָריי (איר האָט זיכער נישט געהערט, פון אזא שטעטל), דאָס איז נעבן זאמאָשטש און זוויערשיניעץ. דאָרט אין בילגאָריי איז דאָ א גרויסער צדיק, שראל בעל־עגלה הייסט ער, ער איז באמת א ל"ו'ניק, אז מען טרעפט אים אין א גיטער מינוט קאָן מען באמת געהאָלפן ווערן, איך ראט אייך אריין צופאָרן צו דעמדאָזיקן צדיק, און איר וועט געהאָלפן ווערן. געדענקט, מאכט ער צו זיי, איר זאָלט אייך נישט דערשרעקן פאר אים ווען ער וועט אייך שעלטן, זיינע קללות זענען ברכות . . . פאָרט און גאָט וועט אייך העלפן.

איבערראשט פון דער בשורה, אז נאָך אזויפיל זוכעניש האָבן זיי פאָרט געפינען א „גוטן יידן", האָבן די צוויי לייט ארייגעלייגט אין דער יידס האנט

## אינטערסאנטע טיפן פין בילגאַריי

אריין עטלעכע זילבערנע מטבעות און גענומען דעם אדרעס. ראובן האָט זיי גענוי אָנגעוויזן, אין וועלכע ריכטונג צו פאָרן: „קיין זוויערשזשינעיץ, דאָרט מיט דער קאָלעיקע קיין בילגאַריי, אָנפרעגן זיך ווו דער „צדיק" וווינט".

די צוויי יידן האָבן זיך געגרייט אין וועג אריין. דערווייל האָט ראובן באלד געשריבן א בריוו צו זיינע חברים: היינאָך שטרום און נאָך אזעלכע לצים, למען השם זיי זאָלן נישט פארגעסן אָפצוװארטן צוויי „קירישע ברעך" וועלכע דארפן קומען קיין בילגאַריי.

די צוויי זענען געקומען קיין בילגאַריי און זיך גענומען נאָכפרעגן אויף שראלן, דעם בעל־עגלה... אריינקומען האָבן זיי, נישט טרעפנדיק דעם בעל־עגלה אין דער היים, דערציילט דער פרוי די סיבה פון זייער קומען. די פרוי האָט זיך שטארק פארוואונדערט און זיך צעלאכט: „וואָס? מיין מאן א גוטער ייד? וואָס פאלט אייך איין? ער איז א פּראָסטער געוויינטלעכער בעל־עגלה! איר ווילט אים זען? אדרבא, גייט א ריין אין דער שטאל ווו ער ארבעט אפשר וועט ער אייך העלפן...

שראל בעל־עגלה האָט אויסגעהערט זייער פארלאנג און האָט צו זיי געזאָגט: ס׳הייבט זיך נישט אָן און ס׳לאזט זיך נישט אויס! און ווי זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן און נאָך אלץ געוואַרט, האָט ער זיי געזאָגט א פּאָר הארבע ווערטער און זיי געוויזן די טיר...

זעסט דאָך, — האָט איינער געזאָגט צום צווייטן, — יענער אין קראָקע האָט דאָך אונדז באלד געזאָגט אז ער וועט שרייען און זידלען. מען דארף זיך נישט אָפּשרעקן...

אין א פּאָר שעה ארום זענען זיי ווידעראמאָל אריינגעקומען. דאָ האָט־דער בעל־עגלה געכאפּט א קאַרטשיק און געזאָגט: „קירישע יאַלדן:" גייט ארויס! ווייל טאָמער נישט כאפּט איר איבערן קאָפּ...

וואָס ווילט איר וויסן? זיי האָבן זיך בחרפּתנו באלד אָפּגעטראָגן פון דער שטאל. אינדרויסן זענען שוין געשטאנען ראובעלעס חברים און אויפגעפּאָדערט ביי די צוויי יידן א פּאָר זלאָטעס פאר מאכן א שוויג... יענע האָבן טאַקע באצאָלט און תיכף געמאכט ויברח...

# ב י ל ג אָ ר י י

✲ ✲ ✲

דער בילגאָרייער זיפּער זישע שמאלץ איז אַ מאָל קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן אים געראָטן צו פאָרן קיין ווארשע צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר. אַזאַוי זישע שמאלץ האָט פאַר זיינע אויגן קיינמאָל נישט געזען קיין פּאַספּאָרט, איז ער מיט זיין אשת־חיל ארופגעקומען אין מאַגיסטראַט, געווענדט זיך צום סעקרעטאַר קשאָנזשעק און געפאָדערט פון אים אַ „ספר" צו פאָרן קיין ווארשע...

קשאָנזשעק האָט זיך געמאכט כלאַ־ידע און איבערגעפרעגט זישען וואָסערע קשאָנזקע (ביכל) זאָל ער אים ארויסגעבן.

זישע האָט אים געענטפערט:

„יאַ כצע קשאָנזקאַ, צאָ שיע יעזיע נאַ ניע" (איך וויל אַ ביכל, וואָס מען פאָרט דערויף...)

✲ ✲ ✲

אונדזער שטאָט האָט אויך פאַרמאָגט איר „טשודאַק". דאָס איז געווען דער וואַסערטרעגער דער געוועזענער זיפּער פון דער בריק ר׳ איטשע. ער פלעגט צוזאַמען מיט זיין אשת־חיל הודעס טראָגן וואַסער צו די שטעטלשע באַלעבאַטים. ער פלעגט גיין שטענדיק אָפּגעריסן ווי עס פּאַסט פאַר „אָן אָרימען וואַסערטרעגער". מען פלעגט האָבן מיטלייד מיט אים און אים געגעבן עפּעס אָפּצועסן און אויף פּסח געשענקט אַ מלבוש.

שפּעטער, ווען אין בילגאָריי איז אויסגעבראָכן די גרויסע שריפה וועגן וועלכער מיר דערציילן אין אונדזער באַשרייבונג, האָט זיך ארויסגעוויזן אַז דערדאָזיקער וואַסערטרעגער איז גאָרנישט אַזאַ נעבעכדיקער אָרימאַן ווי מען האָט געמיינט. באַלד אויפן צווייטן טאָג נאָך דער שריפה, ווען דער מאַנופאַקטור־סוחר, דער גביר יחזקאל טייכער האָט באַקלאָגט זיין פאַרברענט פאַרמעגן איז מיט אַ גרויס געוואַלט אריינגעלאָפן צו אים דער דערמאָנטער וואַסערטרעגער ר׳ איטשע מיט זיין ווייב הודיס: וואָס מיינט איר ר׳ יחזקאל, איך וועל אייך שענקען מיינע 3 טויזנט זלאָטעס, פאַרברענט ניישט פאַרברענט — גיט מיר אָפּ מיין געלט און טאַקע מיטן פּראָצענט צוזאַמען!...

# אינטערסאנטע טיפן פון בילגאָריי

✲ ✲ ✲

מיר האָבן דערציילט די אייניקע קליינע עפּיזאָדן און בילדער פון אונדזער אלטער היים, נאָכפאָלגנדיק מיטן געדאנק און געפיל דאָס וואָס איז געווען אין שטייגער פון יידישן שטעטל, געווען און וועט שוין קיינמאָל מער נישט זיין

די פייערדיקע שווערד האָט אזוי אכזריותדיק אלץ פאָרווישט. דאָס שיינע ווי דאָס נישט שיינע, דאָס גוטע ווי דאָס שלעכטע, דאָס וואָס רופט ארויס א ווארעמע צערפולע טרער, ווי דאָס וואָס ערוועקט א לייכטן שמייכל פון גוטמוטיקער איראָניע.

איז־זאָלן דידאָזיקע עטלעכע ווערטער, וועגן בילגאָריי און אירע יידן, וואָס דאָס מיינט — א שטיק פארגאנגען יידיש־לעבן פון א טייל פון גרויסן יידישן קבוץ אין דער מדינה פוילן, זאָלן דידאָזיקע עטלעכט ווערטער טרעפן צום הארץ פון אלע די, וועמענס זכר פון זייער היימשטאָט איז זיי אייגן און טייער . . .

# צווייטע טייל

# די שריפה

זיבעטער סעפטמבער. 1939. דאס לאנד איז שוין א וואך אין קריג. די דייטשע חיילות האָבן שוין פארנומען דעם גרעסטן טייל פון פוילן. דאס בלאָקירטעווארשע גרייט איר העלדישן ווידערשטאנד.

אין בילגאריי ווי איבערן גאנצן לאנד, פילט זיך דער מלחמה־פיבער. די יידישע יוגנט איז מאסינווייז מאבליזירט אין פולישן מיליטער, די זקנים קוקן מיט מורא אויפן מארגנדיקן טאג. אין טאג איז פארפארן א קליינער אויטא אויטא צום פאָליציי־צירקל פון בילגאָריי. דער מאן, וועלכע איז מיטן אויטא געקומען, האט זיך געמאלדן צום פאליציי־נאטשאלניק אלס סטאראסטע פון דער שטאָט קאטאָוויץ און געבעטן ביים פאָליציי־שעף א רעקאמענדאציע אויף איבערצינאכטיקן ביים וואלד־פארוואלטער נאדלעשנע מילער.

דער סטאראסטע פון קאטאָוויץ האָט ביים וואלד־פארוואלטער מילער אין דער היים געטראפן א פריילעכע געזעלשאפט פון אייניקע דאמען. ווען דער סטאראָסטע האָט אויסגעדריקט זיין פארלאנג צו איבערנעכטיקן, האָט אים דער באלעבאס גאנץ העפלעך אפּעזאָגט, מאָטיווירנדיק, אז ער האָט געסט און קאן אים היינט ליידער נישט טאָן די קליינע געפעליקייט. דער סטאראָסטע האָט זיך אפגעזעגנט און איז אוועק. אבער פארנאכט־צו איז ער ווידער געקומען. איצט האָט ער געטראָפן דעם באלעבאָס מילער אין א זייער פארדעכטיקער לאגע: דער פוילישער נאדלעשנע, וועלכער איז געווען א לאנג־יעריקער דייטשער שפּיאָן, איז געשטאנען אויף א הויכן לייטער און אריינגערעדט אויף דייטש אין טויבנשלאק. דעם קאטאָוויצער סטאראָסטע, וועלכער איז אין דער ווירקלעכקייט געווען פון דער פוילישער אויסשפּיר־דינסט, איז באלד קלאָר געוואָרן, אז ער האָט זיך נישט גענארט: דער נאדלעשנע מילער איז א דייטשער שפּיאָן. באלד האט מען ארומגערינגלט דאס הויז, ווו מען האָט געפונען א סך קאָמפּראָמיטירנדיקן מאטעריאל, ווי דייטשע שרייב־מאשינען, שיפרירטע דאָקומענטן און אין טויבן־שלאק א ראדיאָ־אָפּגעבער. דער דייטשער שפּיאָן מילער איז אין זעלבן טאג געמשפּט געוואָרן און דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף פון דער פּאָליציי־געביידע.

# די שריפה

זיבעטער סעפטעמבער, 1939. דאס לאנד איז שוין א וואך אין קריג. די דייטשע חילות האָבן שוין פארנומען דעם גרעסטן טייל פון פוילן. דאס בלאָקירטע ווארשע גרייט איר העלדישן ווידערשטאנד.

אין בילגאריי ווי איבערן גאנצן לאנד, פילט זיך דער מלחמה־פיבער. די יידישע יוגנט איז מאסינווייז מאבליזירט אין פולישן מיליטער, די זקנים קוקן מיט מורא אויפן מארגנדיקן טאג. אין טאג איז פארפארן א קליינער אויטא צום פאָליציי־צירקל פון בילגאָריי. דער מאן, וועלכע איז מיטן אויטא געקומען, האט זיך געמאלדן צום פאליציי־נאטשאלניק אלס סטאראסטע פון דער שטאָט קאטאָוויץ און געבעטן ביים פאָליציי־שעף א רעקאמענדאציע אויף איבערצינאכטיקן ביים וואלד־פארוואלטער נאדלעשנע מילער.

דער סטאראסטע פון קאטאָוויץ האָט ביים וואלד־פארוואלטער מילער אין דער היים געטראפן א פריילעכע געזעלשאפט פון אייניקע דאמען. ווען דער סטאראָסטע האָט אויסגעדריקט זיין פארלאנג צו איבערנעכטיקן, האָט אים דער באלעבאס גאנץ העפלעך אפעזאָגט, מאָטיווירנדיק, אז ער האָט געסט און קאן אים היינט ליידער נישט טאָן די קליינע געפעליקייט. דער סטאראָסטע האָט זיך אפגעזעגנט און איז אוועק. אבער פארנאכט־צו איז ער ווידער געקומען. איצט האָט ער געטראָפן דעם באלעבאָס מילער אין א זייער פארדעכטיקער לאגע: דער פוילישער נאדלעשנע, וועלכער איז געווען א לאנג־יעריקער דייטשער שפיאָן, איז געשטאנען אויף א הויכן לייטער און אריינגערעדט אויף דייטש אין טויבנשלאק. דעם קאטאָוויצער סטאראָסטע, וועלכער איז אין דער ווירקלעכקייט געווען פון דער פוילישער אויסשפיר־דינסט, איז באלד קלאָר געוואָרן, אז ער האָט זיך נישט גענארט: דער נאדלעשנע מילער איז א דייטשער שפיאָן. באלד האט מען ארומגערינגלט דאס הויז, וו מען האָט געפונען א סך קאָמפראָמיטירנדיקן מאטעריאל, ווי דייטשע שרייב־מאשינען, שיפרירטע דאָקומענטן און אין טויבן־שלאק א ראדיאָ־אָפגעבער. דער דייטשער שפיאָן מילער איז אין זעלבן טאג געמשפט געוואָרן און דערשאָסן געוואָרן אויפן הויף פון דער פאָליציי־געביידע.



קסיל פעסט און יוסף ווייסמאן בעת דער אָקופּאַציע אין בילגאָריי.

# בילגאָריי

נישט לאנג נאָך דעם האָט זיך איבערן שטאָט באוויזן אן עסקאדרע פון דייטשע עראָפּלאנען. א פחד האָט באהערשט די באפעלקרונג. מען האָט געוווסט, אז די דייטשן וועלן נקמה נעמען פאר זייער אומגעבראכטן שפּיאָן. דעם גאנצן טאג פון 7-טן סעפּטעמבער איז די שטאָט געווען באהערשט פון א גרויסער שרעק פאר דעם מעגלעכן אָנפאל פון שונא. ס'האט אויסגעזען, ווי דער שונא טאפּט ארום די שטאָט פון אלע זייטן און זוכט איר שוואך ארט, כדי דער קלאפּ זאל דערנאָך זיין וואָס וויטיקלעכער און פילבארער.

אין דעם זעלבן טאָג, מאָנטיק, 10 א זייגער אינדערפרי, האָט זיך די אלארם-סירענע פון שטאָטישן מאגיסטראט מוראדיק צעיאָמערט. באלד איז געוואָרן קלאָר, אז אין שטאָט איז אויסגעבראָכן א שרעקלעכע שריפה און דווקא אין יידישן קווארטאל.

די פאניק, וואָס איז אויסגעבראָכן ביי דער יידישער באפעלקערונג איז געווען אומבאשרייבלעך. אין געציילטע מינוטן זענען חרוב געוורן צענטליקער היימען. יידיש האָב און גוטס, דערוואָרבענע אין מי, דורך לאנגע יאָרן פּראצע, איז, אוועק מיטן רויך, אָדער געלעגן הפקר אויף דער גאס פאר די, וואָס קומען אין אזעלכע פאלן ראבירן און רייך ווערן פון יענעמס אומגליק.

אין דערדאָזיקער בהלה איז געקומען צולויפן דער אין שטאָט גוט-באקאנטער קריסט זשענסע, וועלכער האָט געוווינט אויף דער קאָסטשושקא-גאס, און האָט איבערגעגעבן די שרעקלעכע ידיעה, אז די שול ברענט. א וויטיק און א מהומה האָט ארומגענומען די יידן פון דערדאָזיקער ידיעה. מ-האט געלאָזט אויף הפקר די אייגענע נאָך ברענענדיקע הייזער און געלאָפן ראטעווען די שול. און געלאָפן זענען אלע: די בעלי-מלאכות, טרעגער און קצבים, די שטעטלשע גבירים און בעלי-בתים, אלע ווי איינער האָבן זיך געלאָזט אין איין אימפּעט ראטעווען די ברענענדיקע שול.

ווען די יידן זענען אָנגעקומען צום פּלאץ, ווו עס שטייט די שול, האָט זיך פאר זייערע אויגן אנטפּלעקט א שוידערלעך בילד: דאָס פייער האָט שרעקלעך געבושעוועט פון אלע זייטן פון דעם ברענענדיקן בנין. עס זענען אנגעקומען די פייערלעשער נישט נאָר פון בילגאָריי, נאָר אויך פון די ארומיקע שטעטלעך. וויפל זיי האָבן זיך נישט באמיט, האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן די שריפה צו פארלעשן, אָדער זי אפילו צו איינשטילן.



יוסף ווייסמאן אין פישעלע מעכטשעס בעת פירן וואסער פאר דער
בילגאַרייער באפעלקערונג אין געטאָ. בילגאַרייער קינדער העלפן זיי
ביי דער ארבעט

## ב י ל ג אָ ר ײ

די פלאַמען האָבן שוין אַרומגעכאַפּט דעם דאַך, סהאָט שוין געברענט דער סופיט. אין גיכן איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס פייער איז שוין נישט צום לעשן. פאַרצווייפלטע, האָבן די יידן זיך אַריינגעריסן אין דער ברענענדיקער שול, כדי כאָטש אַרויסצוראַטעווען די ספרי־תורה פונם ברענענדיקן ארון־קודש.

דער באַוווסטער שטאָט־משוגענער גאָדל, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געוווינט אין הקדש, דערזעענדיק ווי די שול ברענט, האָט ער זיך אַריינגעריסן אין דער ברענענדיקער שול צו ראַטעווען די שוין ברענענדיקע ספרי־תורה.

דערווייל האָט זיך דאָס פייער אַלץ מער צעבושעוועט. אָט שטייט שוין אין פלאַמען די עזרת־נשים און דער גאַנצער צווייטער שטאָק.

אים צו הילף זענען געקומען די פאַרצווייפלטע יידן. אומבאַשרייבלעכע סצענעס פון מסירת־נפש און גבורה, נישט געקוקט דערויף וואָס זייערע בגדים און בערד זענען געווען אַרומגעכאַפּט אין פלאַמען, האָבן די יידן זיך איבערגעגעבן די ספרי־תורה פון האַנט צו האַנט און זענען אַזוי אַרום ניצול געוואָרן פון פייער.

דער לעצטער, מיט דער לעצטער ספר־תורה אין זיינע פאַרהלשטע הענט האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון שול דער מלמד אליעזר מוהל /בוכבינדער/, שוואַרץ פון רויך, מיט אַן אָפּגעברענטער באָרד, איז דער ייד אַ פאַרחלשטער אַרויסגעפאַלן פון דער טיר.

ערשט איצט האָבן זיך די יידן דערמאָנט, אַז זיי האָבן אין גרויס בהלה געלאָזט אויף הפקר זייערע אייגענע היימען, אַז זייערע געשעפטן און קליינע קינדער זענען געבליבן אויף גאָטס באַראָט. אין גרויס געאייל האָבן זיי זיך געלאָזט צו זייערע היימען.

נאָר דאָ האָט זיי דערוואַרט אַ שוידערלעך בילד — דער גאַנצער יידישער קוואַרטאַל איז געשטאַנען אַרומגענומען אין איין גרויסן פלאַם. מען הערט קולות, אַז די גאַנצע־גאַס ברענט: דאָ שרייט מען, אַז די זאַמאָשטשער גאַס ברענט און סהאָט לאַנג נישט געדויערט, ווי דאָס גאַנצע שטעטל איז געבליבן שטיין אין איין גרויסן פלאַם.

עס האָט געדראָט, אַז דאָס פייער זאָל אויך אַרומנעמען די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס, די יידן האָבן זיך מאַסנוייז אַ לאָז געטאָן צום פעלד דורכן גאָש־געסל.

אין דער צייט, ווען עס האָט געבושעוועט די שריפה, האָבן זיך פאַרזאַמלט

## אריינפיר




אן אזכרה אין דייטשלאנד. פוקינג. ת.ש.ב. כ״ט. אייר
די נעמען: חיים אנגער, מרדכי לאָבערבלאט, משה קאָרנוואָרצל, משה טייער.

## ב י ל ג אָ ר י י

די אונטערוועלט־יונגען פון דער ארומיקער געגנט און אויסניצנדיק די געלעגנהייט, האבן זיי גערויבירט די יידישע געשעפטן. ס׳איז אפילו געווען אן איינציגער פאל, ווען די פּאָליציי האט דערשאָסן א פּאָליאַק פון דער שטעטלשער אונטערוועלט, בעתן רויבן א יידיש געשעפט.

דידאָזיקע שריפה, וואָס איז אָנגעטאָן געוואָרן דורך די דייטשע שפּיאָנען, ווי דער שפּעטער אנטדעקטער שפּיאָן, דער פוילישער וויצע־סטאַראָסטע פון בילגאָריי. בארשטש אין דער, ביי די דייטשן געוואָרענער לאנדראט אין יאראָסלאוו, האָט זיך קאָנצענטרירט בלויז אין יידישן קווארטאל, און איז געקומען ווי א נקמה־אקט מצד די דייטשן פאר דערשיסן זייער שפּיאָן, דעם דייטש מילער.

פלוצים האט זיך דער׳הערט דער גערויש פון עראָפּלאנען. עס האט ארויסגעטויכט אן עסקאדרע עראָפּלאנען און אין איין אויגנבליק זענען זיי געפלויגן איבערן פעלד, וואו ס׳האבן זיך געוואלגעדט די היימלאָזע, אָפּגעברענטע יידן. די מענטשן־מאסע איז געפאלן צו דער ערד און די מוראדיקע געשרייען און הילפס־רופן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן גערויש פון די עראָפּלאנען.

זיי האָבן זיך ארומגעקרייזט כמעט איבער די קעפּ פון די איבערגעשראָקענע יידן, צום גרויסן אומגליק פון דער שריפה איז נאָך צוגעקומען די שרעק פון ווערן באָמבארדירט דורך די דייטשע משחיתים, קאָנטיק, אז די דייטשן האָבן געהאט פאר זיך אן אנדערע אויפגאבע — פאָטאָגראפירן דעם חורבן, וואָס זיי האָבן אָנגעמאכט איבער דער שוצלאָזער באפעלקערונג אין זיך שאָדנפריידיק קוויקן מיטן אומגליק...

ס׳איז פלוצים שטיל געווארן, ווי דער טויט וואלט פארבייגעשוועבט דאָס פעלד. די עראָפּלאנען זענען אוועק און איבער געלאָזט א בית־עולם...

אויפן וויסטן פעלד איז צוגעפאלן די נאכט. ערשט איצט האָבן זיך די מענטשן גענומען ארומקוקן, צי אלע זענען כאָטש לעבן געבליבן, די מאמעס האבן גערופן זייערע קינדער, די פארלוירענע קינדער האָבן פארצווייפלט גערופן זייערע מוטערס. ערשט פארטאָג, ווען אלע האָבן זיך אָפּגעזוכט, האָט א פיינלעכע שטילקייט זיך אויסגעשפּרייט איבערן פעלד. מענטשן זענען אביסל געקומען צו זיך און אנגעהויבן באטראכטן זייער חורבן; זיי זענען געבליבן אָן א דאך איבערן קאָפּ און אן אויסזיכט אויפן מאָרגנדיקן טאָג.

א קאלטער בייסנדיקער טוי האָט זיך געלייגט אויפן פעלד. די מענטשן



דעם בילגאָרייער ייד שלום מאנעס אן איידעם, האָבן די דייטשן אָפגעגאָלט דעם קאָפּ און באפוילן ער זאָל שפאצירן איבער די בילגאָרייער גאסן. יידישע קינדער קוקן אים נאָך.

# ב י ל ג אָ ר י י

זענען דורכגעווייקט געוואָרן און דורכגענומען פון קעלט. מענטשן, וועלכע זענען ערשט נעכטן געווען בעלי־בתים פון הייזער אין היימען, זענען פּלוצים געבליבן אין דער לאַגע פון היימלאָזע באַשעפענישן.

א גאַנצן מאָרגנדיקן טאָג האָבן די מענטשן אַרומגעבראָדז'שעט איבער די קופּעס אַש, וואָס איז נאָך נעכטן געווען זייער היים. די יעלות פון די נשרפים און פון די היימלאָזע קינדער, איז געגאַנגען עד לב השמים.

דאָס בילד פון דער חורבער שטאָט האָט געמאַכט א שרעקלעכן איינדרוק; א פעלד מיט האַלב־פאַרויכערטע קוימען־סקעלעטן פון די פאַרברענטע הייזער, האַלב איינגעפאַלענע ווענט מיט לעכער אויפן אָרט פון די פענסטער און טירן, בערג ציגל און צונויפגעדרייטער, איבערגעברענטער בלעך, ס־איז נישט געווען צו דערקענען די גאַסן. אַלץ האָט זיך ווי צינויפגעשמאָלצן אין איין גרויסן חורבן.

אויפן דריטן טאָג האָבן די ייִדן זיך גענומען ביסלעכווייז איינאָרדנען. ווער עס האָט געדונגען זיך א ווינקל ביי א קריסטלעכן באַקאַנטן, ווער עס האָט אונטערגעגראָבן זיין, פון אונטער דער חורבה פאַרשאָטענעם קעלער. עס האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן יואל בעקערס בעקעריי.

ביסלעכוויז זענען בילגאָרייער ייִדן געקומען צו זיך: מען האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט די פריערדיקע פּרנסות. בילגאָרייער ייִדן זענען ביי זיך נישט געפאַלן, עס האָט אויסגעזען, ווי דאָס לעבן הייבט אָן גיין מער ווייניקער נאָרמאַל.

עס זענען געווען ייִדן, וועלכע האָבן געמוזט דערווייל פאַרלאָזן די שטאָט און זיך באַזעצן ביי קרובים אין די דערבייאיקע שטעטלעך און דאָרט זוכן פּרנסה. דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון בילגאָריי, איז געווען יוסף שטאָקמאַן. ער איז אַרויסגעפאָרן קיין טאַרנאָגראָד. ער האָט פריער געהאַט אין בילגאָריי א קראָם פון גאַלאַנטעריע. פון דער שריפה איז ער אַרויס אַזוי אָרעם, אַז ער האָט אפילו נישט פאַרמאָגט פאַר זיך א שטיקל פאָדעם צוצונייען א קנעפּל אויף זיין צעשויבערטן בגד.

דעם צוועלפטן סעפּטעמבער האָט זיך צו אונדז דערטראָגן די נישט־ווייטע קאַנאָנאַדע פון דער דייטשער אַרטילעריע. עס קומען אָן ידיעות וועגן גורל פון פּוילישע שטעט פאַרנומען דורכן דייטש. כמעט אַלע טאָג קומען פאָר לופט־אַנגריפן אויף אונזער שטאָט. ס'זענען צעשטערט געוואָרן די לעצטע ייִדישע משפחות.

## די שריפה

דעם 13־טן סעפטעמבער, 1939 איז אומגעקומען פון א לופט־אנגריף בערטשע, דער סטאָליער, מיט זיינע צוויי טעכטער, די פרוי פון מענדל ערליך (טשארנע) און שמאי אדלער מיט זיין פרוי, דבורה און בעריש פלאמענבוים.

אייניקע טעג שפעטער, ווען ביים טארטאק, וואו ס'איז געפאלן א באמבע, איז אומגעקומען ישראל שארף (יאָסל שארפס א זון) און הערש יחזקאל הארמאן. די איבערגעבליבענע הרוגים האָט מען ארויסגעשלעפט פון אונטער די חורבות און געבראכט צום רב אין שטוב אריין. דעם צווייטן טאג, ווען מען האָט געזאָלט די מתים ברענגען צו קבר ישראל, האבן די דייטשן אָנגעהויבן צו באָמבארדירן די שטאָט און צעשטערט די איבערגעבליבענע פון דער שריפה הייזער. ס'איז דאן צעשמעטערט געוואָרן דעם רב'ס הויז און אלע הרוגים זענען אוועק אין פלאמען.

דאָס פוילישע מיליטער ציט זיך צוריק פון די פארנומענע פאָזיציעס. ארום דער שטאָט בילגאָריי קומט פאר א פארביסענע שלאכט, און וועלכער עס קומען אום א סך פוילישע זעלנער, די שטאָט ווערט עטלעכע טעג נאָכאנאנד באָמבארדירט פון דער דייטשער ארטילעריע און אוויאציע. די לעצטע פוילישע זעלנער פארלאָזן די פעסטונג, פארלאָזן די שטאָט.

עס איז אָנגעקומען דאָס שרעקלעכסטע פאר דער יידישער באפעלקערונג אין בילגאָריי, ווי פאר דער יידישער באפעלקערונג אין פוילן בכלל; דער ארייַנמארש פון דער דייטשער מערדער־ארמיי.

# דער אריינמארש פון דער דייטשער ארמיי

דעם 17־טן סעפטעמבער מארשירן אריין אין בילגאַריי די ערשטע טרופּן פון דער דייטשער ארמיי. באלד האָט מען דערשפּירט דעם טעם פון דער דייטשער „אָרדנונג". די שטאָט ווערט באוואכט פון אלע זייטן. א שרעק איז באפאלן אויף דער יידישער באפעלקערונג. די יידן האָבן זיך פארשפארט אין זייערע ענגע הייזלעך. באלד דעמזעלבן טאָג האָבן זיך שוין באוויזן אויף די אָפּגעברענטע גאסן פוילישע כוליגאנעס פון די ארומיקע שטעטלעך און דערפער און אָנגעוויזן די גיריקע דייטשן, ווו עס וווינען רייכע יידן.

דאָס ערשטע איז צעראַבירט געוואָרן דער הורט־געשעפט פון יידישן סוחר ליפּאַ וואַגשל, וועלכער האָט געהאט זיין קראם אויף דער נישט־אפּגעברענטער 3־טע־מאי־גאס.

די דייטשע רויבער האָבן אויסגעבראָכן דאָס געשעפט און פונאנדער־געטיילט די סחורות צווישן די כוליגאנעס, וועלכע זענען ווי קראָען באפאלן און גערויבט פון הויז צו הויז, ווו נאָר עס האָבן געוווינט יידן, זענען די דייטשע רויבער געגאנגען און אויסגערויבט פון די שטיבער און געשעפטן אלץ, וואָס האָט געהאט א ווערט. די בעסערע זאכן האָבן זיי צוגענומען פאר זיך און דאָס איבעריקע צעטיילט צווישן די אָרטיקע קריסטן, וועלכע האָבן זיי אמבעסטן געהאָלפן אין דער „ארבעט".

ס'איז געווען א חרפה און א ווייטיק, ווי נאָענטע שכנים, מיט וועלכע מען האָט פון יאָרנלאנג געוווינט צוזאמען, פלינדערן און ראבעווען דאָס לעצטע ביסל אָרימקייט פון זייערע שכנים יידן.

דערדאָזיקער רויב האָט געדויערט צוויי טעג.

די ערשטע דייטשע פאראָרדנונג איז ארויס דעם 16־9 סעפטעמבער 1939. אין דער פאראָרדנונג האָט זיך געזאָגט: אז אלע יידן, איינוווינער פון דער שטאָט בילגאָריי, מוזן זיך שטעלן צו דער ארבעט! די ארבעט איז באשטאנען אין רייניקן די אוביקאציעס, פוצן די שטיוול פאר די אָפיצירן, פאריכטן מלבושים פאר די זעלנער אדגל.

# דער אריינמארש פון דער דייטשער ארמיי

ספעציעל ביי די אומריינע ארבעטן האָבן די דייטשן אויסגעקליבן די אינטעליגענץ. די דייטשן האָבן געהאט א ווילדע הנאה, ווען זיי האָבן געקאָנט דערנידעריקן די יידישע אדוואָקאטן און דאָקטוירים, די אינזשינירן פון אונדזער שטאָט. קיין ספעציעלע ארבעטס־ביוראָ, ווו מען זאָל די יידן רעגיסטרירן, איז נאָך דעמלט נישט געווען. זענען די דייטשן, מיט זייערע פולישע העלפער אלע אינדערפרי זיך אריינגעריסן אין יידישן קווארטאל און, מיט קלעפ פון ביקסן־קאָלבעס ארויסגעיאָגט די יידן צו דער ארבעט.

מען האָט פארטאָג אראָפגעריסן מענטשן פון זייערע געלעגערס, אזוי יונגע ווי אלטע, און זיי געגעבן איין מינוט צייט אויף זיך אָנטאָן. ווער עס האָט נישט באוויזן זיך שנעל אָנטאָן און ארויסלויפן פון שטוב, איז מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן. ווען די דייטשן פלעגן טרעפן א פארמאכטע טיר, האָבן זיי מיט העק אויפגעהאקט טיר און לאָדנס און דערנאָך מיט ביטערע קלעפ זיך אָפגערעכנט מיט די איינוווינער פון דעם הויז. ווי קומען זיי פארמאכן די טיר פאר פארשטייער פון דער "העכערער ראסע"?

אזעלכע פארטאָגן, ווען די דייטשע באנדיטן פלעגן טרייבן די יידן צו דער ארבעט האט מען געקאנט אויף דער גאס זעען האלב־אנגעטאענע מענטשן, וועלכע האָבן נישט באוויזן זיך אָנטאָן זענען ארויס האלב נאקעט, זיך טרייסלענדיק פון קעלט און פון מורא געשטאנען אין די רייען צו גיין צו דער ארבעט.

אויפן פינפטן טאג פון דער דייטשע הערשאפט ביי אונדז אין שטאט, דעם 22טן סעפטעמבער, זענען צו אונדז אין שטוב אריינגעפאלן א כאפטע דייטשע זעלנער אין אָן א פארוואָס צוגעפאלן צו מיין בעט ווו איך בין געשלאָפן, אראָפגעצויגען פון מיר דאָס בעטגעוואנט און אָנגעהויבן מיך שלאָגן מיט א לעדערנעם ראפניק. די מוטער האָט מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם דייטש, ער זאל מיך נישט שלאגן, ווייל איך בין נאך א שוואך קינד. דער רוצח האט איר אבער ברוטאל אפגעשטויסן און מיך, א האלב־נאקעטן ארויסגעווארפן אויף דער גאס.

א צעשלאָגענער, מיט אַן אויפגעלאָפן פנים, האָב איך זיך געשטעלט אין דער ריי אויף ארבעט, צוזאמען מיט נאך אנדערע יידן, האלב־נאקעטע און צעשלאגענע ווי איך.

מיר שפאנען אין א שורה, וואָס ציט זיך אן ערך א האלבן קילאָ־מעטער.

## בילגאָריי

די וואך באשטייט פון א שיטערע שורה פון דייטשע פּאָליציאַנטן. מיר גייען איבער די חורבות פון די אָפּגעברענטע הייזער, אונדזערע געוועזענע היימען. עס קוקן אונדז נאָך מיט פארגליווערטן שרעק אין די אויגן, אונדזערע מאמעס, שוועסטער און קינדער.

מיר גייען דורך דער קריסטליכער געגנט, זיי לאכן פון דער וועלט. צו זיי האט דערוויל דער גאנצער גהינום קיין שום שייכות. ווען מען קאן עס אנגיין, ווען מען פירט אויף שווארצע ארבעט אלטע יידן מיט אויסגעפליקטע בערד און צעשלאָגענע אברים?

מיר גייען דורך קאשטשאושקא־גאס, דורך וועלכער עס פירט א ברוקירטער שאָסיי צום שטאָטישע סטאראָסטע, אין וועלכער עס געפינט זיך איצט די דייטשע קאזארמע.

מיט הארץ־קאלפעניש דערווארטן מיר נייע באפעלן. עס הויבט זיך אן דער גהינום. מען באפעלט רייניקן די אוביקאציעס און אויפרייניקן דעם פלאץ פון שטיינער און ברוך. צו די סאמע שמוציקסטע ארבעטן,זוכן די דייטשן ווי דערמאנט - נאר דיפלאמירטע יידישע אינטעליגענץ

מיט מיר צוזאמען האט געארבעט דער באוווסטער בילגארייער יידישע דאָקטאָר רודארף, וועלכער האָט געהאט זיין קאבינעט ביי ארבעספעלדן אין הויף און דער אדוואקאט בעק.

א דייטשער סאלדאט גייט צו צום דאקטאר רודארף און פרעגט אים, וואס איז זיין פראָפעסיע. יענער האָט געענפערט אז ער איז א דאָקטער מעדיצין. שמייכלט דער גראָבער דייטש מיט צופרידיקייט: „וואל". נעמט מיט זיך דעם דאָקטער, פירט אים אריין אין דער אוביקאציע און הייסט אים אויפרייניקן דעם שמוץ מיט די בלויזע הענט.

דעם דאקטער איז באפאלן א חלשות. מיט טרערן אין די אויגן האט ער געבעטן ביים דייטש ער זאָל אים דערלויבן צו נעמען א לאָפּאטע. נאָר אויף דעם האט אים דער רוצח געענטפערט מיט א הילכיקן פאטש אין פנים.

דער דייטשער סאדיסט האָט אָנגעטריבן דעם דאָקטער, צו דער שמוציקער ארבעט, שטויסנדיק אים מיטן בלאנק פון זיין באגנעט.

מיט מיר צוזאמען האט געארבעט אויך מיין פאטער. א מענטש פון יאָרן־לאנג א קראנקער. מיין פאָטער האָט געהאט פארקילטע געלענקען,

## בילגאָריי



דייטשן צווינגען די יידן צו פאַברענען די טויטע קערפּער (אין א סך פאלן אויך לעבעדיקע) פון די דערמאָרדעטע יידן.
אין בעלזעצער לאגער. אויף דער בילד: די פיל בילגאָרייער יידן האָבן די דייטשן פאַברענט

## בילגאָריי

פון וואס ער האט געליטן אויף א שרעקלעכן רעמטיזום. פון דערדאזיקער קרענק איז אים די רעכטע האנט אזוי אויסגעקרימט געוואָרן, אז ער איז נישט געווען אומשטאנד אויסצופירן א וועלכע ס'איז פיזישע אַרבעט. האָבן אים די דייטשע רוצחים באפוילן צו טראָגן האָלץ אין דער קאזארמע אריין, און דוקא נעמען פאַר איין מאָל אזויפיל וויפל א געזונטער פויער וואָלט נישט געווען בכוח אויף איין מאל צופאַרנעמען.

קיין שום געבעט האָט נישט געהאָלפן אין מיין קראנקער פאָטער האָט געמוזט שלעפן די זעק אויפן דריטן שטאָק. אזוי האבן מיר אין גרויס שרעק און פיין געארבעט ביז מיטאָג.

### דער ערשטער קרבן אין שטאָט

24־טער סעפטעמבער 1939. א לויטערע האָט זיך די זון באוויזן איבער בילגאָריי, ווי אן אפגעפרישטע נאָך א שטורעם. דאס איז געווען דער ערשטער טאָג פון דער דייטשער ממשלה אין שטאָט, ווען מען האָט נישט געכאפט קיין יידן צו דער ארבעט. יידן זענען ביסלעכווייז ארויס אין גאס און אויפן יידישן שטייגער, רעדלעכווייז, געשטאנען און געשמועסט וועגן דער ניי־געשאפענער לאגע.

און באמת, עס האָט זיך אין יענעם טאָג אלעמען אויסגעדוכט, אז פון היינט אָן וועט אלץ זיין מער ווייניקער נאָרמאל. אמת, מען איז טאקע אונטער דער דייטשער אָקופאציע, אָבער דערויף איז דאָך מלחמה, וואס קאן מען זיך העלפן?

מען האָט אין יענעם ערשטן פרייען טאָג, נאָך אזויפיל טעג פון שווערער ארבעט און באליידיקונגען, געגלויבט, אז דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע וואס האָט געקאָנט געשען און אלץ וועט אוועקגיין אויף א לייכטערן וועג.

אין יענעם טאָג, איז געשען אין שטאָט א פאל, וואָס האט ביי די יידן געמאכט צערונען אלע זייערע מינוטיקע אילוזיעס:

א זייגער צוועלף באטאָג האָבן די דייטשן אויפגעריסן די יידישע שפייז־געוועלבער און אָנגעהויבן פון דאָרט ארויסטראָגן די סחורות. פון דער שפייז־קראָם, וואָס האָט געהערט צו מרדכי שולמאַן, האבן די דייטשן ארויסגענומען דאָס מעל, גרויפן און אנדערע שפייז־פראָדוקטן. באלד האָבן זיך אויף דער גאס פאָרמירט רייען פון די שטאָטישע פארשידענע אונטערוועלט־טיפן פון דער פוילישער באפעלקרונג, וועמען די דייטשן האָבן גענומען פארטיילן די שפייז־

## דער אריינמארש פון דער דייטשער ארמיי

פראָדוקטן, צעראַבירטע פון געשעפט.

אין דערדאָזיקער ריי האָט זיך אויך צוגעשטעלט דער יידישער טרעגער מרדכי (בנימין־ליבעס א זון) וועלכער האָט אלע זיינע יאָרן געאַרבעט ביי דעם קרעמער שולמאן. ער האָט געבעטן די דייטשן, מען זאָל אויך אים פארטיילן א ביסל שפייז, ווייל ער האָט אין דער היים א שוואכע פרוי מיט 4 קליינע קינדער. דער דייטש האָט לפנים גאנץ אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דער בקשה פון יידישן טרעגער און געענטפערט: „וואל"! „באקומסט צוויי קילאָ מעל"! נאָר רעדנדיק דידאָזיקע ווערטער האָט דער דייטש ארויסגענומען זיין רעוואָלווער פון קאַבורע און מיט צוויי שאָסן אוועקגעלייגט דעם יידישן טרעגער, וואָס האָט געוואָגט בעטן פאר זיך א ביסל מעל פון א יידיש געוועלב... נאָך דער טאַט, איז דער דייטש געבליבן רואיק און זיך ווייטער גענומען פארטיילן דאָס מעל צווישן די קריסטן.

די קוילן האָבן דעם יידישן טרעגער געטראָפן אין בויך. א גוסס דיקער האָט ער זיך געוואַלגערט אויף דער ערד אין א קאַלוזשע בלוט. ביי דערדאָזיקער סצענע איז געשטאַנען מיין מוטער און מיין יונגערער ברודער בנציון אין נאָך עטלעכע יידן.

זיי האָבן דעם גוסס ארויפגעלייגט אויף זיין טרעגעריש וועגל און אים געפירט אין שפּיטאָל אריין. נאָך אויפן וועג צום שפּיטאָל, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה.

זיין ווייב און קינדער האָבן זיך פון דעם אומגליק דעהוווסט ערשט נאָך אלעמען.

דער דאָזיקער ערשטער שוידערלעכער מאָרד אין מיטן העלן טאָג, האָט אויפגערודערט דאָס יידישע בילגאָריי. ביז איצט איז מען נאָך אפּגעקומען מיט דעם, וואָס די דייטשן האָבן די יידן געשלעפּט אויף ארבעט און ארויפגעלייגט אויף דער יידישער קהילה קאָנטריבוציעס. איצט האָט מען זיך איבערצייגט, אז די דייטשע רוצחים האָבן זיך פארנומען אויך אויפן נפש, אויפן יידישן לעבן.

אן אימה איז באפאלן די בילגאָרייער יידן. מען איז געזעסן אין די הייזער און מורא געהאַט ארויסצושטעקן דעם קאָפּ אויף דער ליכטיקער שיין. באטאָג האָבן זיך שוין די יידן איינגאנצן נישט געוויזן אויף דער גאַס. די יידישע געגנט האָט אויסגעזען ווי אָפּגעשטאָרבן.

## ב י ל ג אָ ר י י

אויפצומאָרגנס האָט מען די יידן ווידער גענומען אויף ארבעט. דאָס מאל האט שוין קיינער פון די יידן נישט געפרווט זיך אויסבאהאלטן, ווייל די מורא פארן לעבן איז אלעמען באפאלן. מען האָט זיך איבערצייגט, אויף וואָס עס איז פעאיק דער דייטשער רוצח.

די מאטעריעלע לאגע פון די יידן איז געווארן וואָס א מאל שווערערע. אפגעשניטן פון יעדן קוואל פון פרנסה, פון האנדל און מלאכה, איז די לאגע פון די בילגאָרייער יידן געוואָרן וואס א טאג האפנונגסלאָזער. אמת, די פארמעגלעכע יידן האבן זיך נאך ווי עס איז אן עצה געגעבן, אבער דער גרעסטער טייל יידן, וועלכער איז באשטאנען פון מיטלשטאנד און אָרימקייט האָט געלעבט אין גרויס דחקות, נויט און שרעק.

עס האט זיך אויסגעשעפט אלע זאפאסן פון סחורות וואָס אייניקע יידן האבן נאָך געהאט. עס האָבן זיך אפגעטראָגן און צוריסן געוואָרן די בגדים און שיך, די אונענדליכקייט פון דער אקופאציע האָט אָפגעשוואכט די האָפינונג אויף א גיכע ישועה. עס האָט זיך געשאפן א פעסימיסטישע שטימונג. ס'האָט אויסגעזען, ווי פון ערגעץ איז נישט צו דערווארטן קיין פונק פון האָפינונג און טרייסט. וואָס א טאָג לענגער אונטער דער דייטשער אקופאציע, האָט דערנענטערט דעם סוף פון דער יידישער קהילה אין בילגאָריי.

סאיז אָבער פלוצלונג געשען א נס, דאס וואָס קיינער האָט אין זיין דערדריקטער שטימונג נישט געוואגט צוחולומען, איז געשען אויף דער וואָר: די דייטשע חיילות האָבן פארלאָזן די שטאָט — און אין שטאָט האָט אריינגעמארשירט די רויטע ארמיי.

# דער אריינמארש פון דער רויטער ארמיי

דעם 27־טן סעפטעמבער האָבן די דייטשן צוריקמארשירט צום טייך סאַן. די סיבה דערפון האָבן מיר לכתחלה נישט געוווּסט. מיר האָבן פּשוט נישט געגלויבט, אז די דייטשן קלויבן זיך אויף אַן אמת צו פארלאָזן די שטאָט. מיר האָבן אָבער דייטלעך געזען ווי די דייטשן וויקלען צונויף די טעלעגראַף דראָטן און ליקווידירן אלע זייערע מלוכה־אַמטן. אין משך פון טאָג זענען אויף די גאסן געוואָרן וואָס א אמאָל ווינציקער דייטשן און דייטשע מיליטערישע וועגענער.

די יידן האָבן זיך אין דעמדאָזיקן טאָג אויסבאהאלטן אין די הייזער, בוידעמער און קעלערס, מורא האָבנדיק פאר א בלוטיקן לעצט־געלט מצד די אָפּטרעטנדיקע דייטשן. /אגב, איז די דאָזיקע מורא געווען א בארעכטיקטע, ווייל נישט אין איין שטאָט, ווו די רויטע ארמיי האָט נישט באוויזן אָנצוקומען צו דער מינוט, האָבן די דייטשע רוצחים איינגאָרדנט א פּאָגראָם אויף יידן. די פארבינדלער צווישן די אויסבאהאלטענע יידן — און דער דרויסנדיקער וועלט, זענען געווען די קינדער און זיי טאָקע האָבן געבראַכט די ידיעה, אַרום 5 פארנאַכט, אז קיין איין דייטש איז שוין נישט פאראַן אין שטאָט.

ערשט איצט איז געפאַלן אַן אימה אויפן ביסל יידן, די שטאָט איז געבליבן אָן א וועלכע ס׳איז מאכט און ליאַדע מינוט האָט געקאָנט אויסברעכן א א פּאָגראָם אויף די יידן מצד די אָרטיקע כוליגאַנעס. מען האָט נישט געוווּסט די סיבה, וואָס די דייטשן האָבן פלוצלונג פארלאָזט די שטאָט, און דאָס האָט נאָך מער אָנגעשראָקן די יידן.

א גאנצן טאָג און א האלבע נאַכט זענען די יידן געלעגן פארשפּארט אין די ענגע הייזער און זיך צוגעהערט צום מינדסטן שאָרך מיט חשד און מורא. שווער איבערצוגעבן די שטימונג ביי די יידן אין יענעם טאָג, אַזוי מוז זיך שרעקן אַן אומבאהאָלפן קינד, ווען עס ווערט פארבלאָנדזשעט אין ווייסטן פעלד, אָדער פינצטערן וואַלד און עס שרעקט זיך פאר דער לויערנדיקער סכנה.

א זייגער 2 ביינאַכט האָבן מיר געהערט א פאַרדעכטיק גערויש. דער גערויש איז געוואָרן וואָס א מאָל שטאַרקער, ביז עס איז געוואָרן קלאָר: אין שטאָט

## ב י ל ג אָ ר י י

זענען פֿאַרפֿאַרן טאַנקען, אָבער וואָסערע טאַנקען? וועמענס טאַנקען? זענען עס צוריק די דייטשן, אָדער ווער? דאָס האָט קיינער נישט געוווסט.

עס האָט זיך אָבער געמוזט געפֿינען א דרייסטער, וועלכער זאָל ארויסקריכן פֿון זיין באהעלטעניש און ברענגען די פֿריידיקע ידיעה: די רויטע ארמיי איז געקומען! מיר זענען געראַטעוועט...

פֿאַרשכורט פֿון דער פּלוצלונגדיקער פֿרייד, זענען אין מיטן דער נאַכט ארויס די יידן פֿון זייערע באהעלטענישן און זיך געלאָזט לויפֿן צו דער בריק (פּראַמפּאַלער געגנט) דורך וואַנען עס האָט געצויגן אין שטאָט אריין דאָס סאָוויעטישע מיליטער.

ווי געטראָפֿן פֿון א גרויס אומגעריכט גליק, האָט אַלעמען באהערשט אַן אומבאשרייבלעכע פֿרייד.

אויף צומאָרגנס האָט זיך אין שטאָט אָרגאַניזירט א פֿאָלקס-מיליץ, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער באפֿעלקערונג געמאַכט אָרדנונג אין שטאָט. עס האָט אויסגעזען, ווי די שטאָט וואָלט מיטאַמאָל אויפֿגעריכט געוואָרן און אין איר האָט זיך באַזעצט א יושרדיקע מאַכט...

אָבער דאָס האָט געדויערט סך-הכל עטלעכע טעג. מען האָט צווישן געגעבן, אַז די סאָוויעטישע ארמיי פֿאַרלאָזט די שטאָט און אויף זייער אָרט קומען צוריק די דייטשן. א פּחד און אימה האָט ארומגענומען אַלע יידן. מען האָט זיך שוין פֿאַרגעשטעלט, די דייטשע רשעים און גוט געוווסט וואָס מען קאָן פֿון זיי דערוואַרטן. מענטשן זענען ארומגעגאַנגען ווי אָן קעפּ. מען האָט זיך נאָר געטרייסט, אַז אפֿשר איז עס נישט אַזוי, אפֿשר וועט די סאָוויעטישע ארמיי דאָך בלייבן און אַלץ וועט זיך ענדיקן צום גוטן.

אָבער לײדער איז אַזוי נישט געווען. אין אַן ערנסטן מיליטערישן סדר האָבן די סאָוויעטישע טײלן זיך עוואַקויִרט פֿון דער שטאָט. די יוגנט האָט באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן זייערע היימען און זיך עוואַקויִרן מיט דער רויטער ארמיי. א היפּשער טייל פֿון יוגנט איז טאַקע אוועק מיט דער רויטער ארמיי. דאָס סאָוויעטישע מיליטער האָט דידאַזיקע עוואַקואַציע פֿון די יידן צוגעהאָלפֿן מיט וואָס זי האָט נאָר געקאָנט: מיט לאָקאָמאָציע /לאַסט-אויטאָס/, ביז זי האָט די יידן, וועלכע

## דער אריינמארש פון דער רויטער ארמיי

האָבן זיך מיט דער ארמיי עוואקואירט, איבערגעפירט אויף דער סאָוויעטישער זאנע.

די עוואקואציע פון סאָוויעטישן מיליטער האָט שוין געהאלטן ביים סוף. די יידן פון בילגאָריי זענען ארומגעלאָפן ווי משוגע און נישט געוווּסט וואָס צו באשליסן: זיך עוואקואירן מיט דער רויטער ארמיי, אָדער בלייבן אין די היימען. בלייבן אין די היימען האָט געהייסן, זיין אויסגעשטעלט אויף חרפה און פיין מצד די דייטשן, וועלכע דארפן באלד פארנעמען די שטאָט. ווידער עוואקואירן זיך, האָט באטייט לאָזן די אלטע היים אויף הפקר און זיך לאָזן אין לעבן אויף אומבאקאנטע וועגן, אין וואָגל און וואנדער... און איידער וואָס ווען, האָט זיך געענדיקט די עוואקואציע פון סאָוויעטישן מיליטער. סאיז צוגעפאלן די נאכט און געבראכט מיט זיך די אימה פארן מאָרגנדיקן טאָג, וועלכער דארף מיט זיך ברענגען צוריק אין שטאָט אריין די דייטשן.

און שטענדיק, — ווען עס באפאלט א חרטה אויפן אָפגעטוענעם, איז אויך איצט געקומען — נאָר ליידער צו שפעט־די חרטה, פארוואָס מען האָט נישט געלאָזט אלץ און מיטגעגאנגען מיט דער רויטער ארמיי, און געראטעוועט דערמיט דעם מענטשלעכן נפש און כבוד...

סאיז שוין אָבער געווען שפעט. די נאכט איז אדרוך און דער שיינער פרימאָרגן פון פוילישן הארבסט האָט אריינגעבראכט אין שטאָט די דייטשן, וועלכע האָבן מיט זייער אריינמארשירן אין שטאָט פינצטער געמאכט פאר די יידן דעם לויטערן טאָג, נאָך פינצטערער ווי די פארגאנגענע קאָשמארפולע נאכט...

# דער צווייטער אריינמארש פון דער דייטשער ארמיי

סוף סעפטעמבער. די דייטשן מארשירן אריין אין שטאָט צום צווייטן מאָל. באלד אין דער ערשטער שעה נאָכן פארנעמען די שטאָט, גיבן די דייטשן ארויס א פאראָרדנונג, אז די יידישע באפעלקערונג זאָל צו שטעלן א קאָנטיגענט ארבעטער פארן דייטשן גארניזאָן.

די דייטשן האָבן אויך ארויפגעלייגט א קאָנטריבוציע פון געלט, וועלכע די יידן האָבן געדארפט איינצאָלן, כדי צו זיין זיכער אין באקומען פון די יידן די ארויפגעלייגטע קאָנטריבוציע האָבן די דייטשן פארנומען אין געסטאפאָ אריין דעם בילגאָרייער ייד, יחזקאל קאנדל, אלס ערובניק, וועלכער דארף זיין פאראנטוואָרטלעך מיט זיין לעבן, אז די יידן זאָלן צו דער צייט איינצאָלן דאָס געלט.

די יידן האָבן דאָס געלט באין־ברירה איינגעצאָלט און דער זאקלאדניק יחזקאל קאנדל איז ארויסגעלאָזט געוואָרן פון קרימינאל, אָבער דערביי געוואָרן אזוי שטארק צעשלאָגן, אז ער איז נאך דעם א חודש צייט אָפּגעלעגן אין בעט.

א סך יידן, האָבן שטילערהייט פארלאָזט די שטאָט און זיך איבערגעשמוגלט אויף דער סאָוויעטישער טעריטאָריע. אָבער לײדער, צו דער אלגעמיינער צאָל יידן, איז עס געווען זייער א קליינער טייל.

די גרעסטע טייל יידן איז פארבליבן אין די לאפעס פון די דייטשע בעסטיעס.

* * *

א באצוואונגענע איז געלעגן דאָס לאנד, אונטער די שטיוול פון דייטשן אָקופאנט. גרויסע טיילן פון צעקלאפטער פוילישער ארמיי האָט אויסגעפילט די קאָנצענטראציע־לאגערן פאר קריגס־געפאנגענע אין דייטשלאנד און אויך אויף דער פוילישער ערד.

נאָר אין די געדיכטע פוילישע וועלדער, מיט וועלכע דאָס לאנד איז געבענטשט, האָבן זיך געפינען טיילן פון פוילישן מיליטער, וועלכע האָבן זיך נישט

אונטערגעגעבן די באַפֿעלן פֿון דײַטשן אָקופּאַנט, און פֿון באַהעלטעניש אַרויס, געפֿירט זײער קאַמף מיטן שונא.

אַזעלכע מיליטערישע גרופּן האָבן זיך אויך געפֿינען אין די געדיכטע וועלדער אַרום בילגאָרײַ. אומגעריכט פֿלעגן זיך, אין די פֿינצטערע נעכט, אָדער אין די גרויע פֿאַרטאָגן, באַוויזן פּוילישע גרינע שינעלן און קאַנטיקע קאָנפֿעדעראַטקעס און דערוועקט אַ בלאַסע האָפֿנונג בײַ די אײַנוווינער. זײער באַזוך אין געגנט איז געווען אַ קורצער און מיליטעריש זאַכלעכער: אָנגעפֿאַלן אויפֿן דײַטשן פּאָסטן, פֿלעגן זײ אים ליקווידירן, אָדער צעגראַמירן, פֿאַרכאַפּן דאָס געווער און זיך צעריקציען אין וואַלד אַרײַן. אין די נעכט פֿלעגן זײ מאַכן פֿליען דײַטשע צוגן אין דער לופֿטן, אויפֿטרײַסלענדיק מיטן געקנאַל דעם גאַנצן געגנט אַרום.

ס'האָט אויסגעזען, ווי דער שטומער וואַלד, די וויסטע פֿעלדער, שיקן אין די נעכט זײערע כשוף־זין צו נעמען נקמה אין דעם פֿרעמדן פֿאַרכאַפּער.

...דער לערער פֿון דער פּאָושעכנער שול /פּוילישע פֿאָלקס־שול/ אין בילגאָרײַ, מאַרגעללאָ, איז געווען אַן אָפֿיציר פֿון דער פּוילישער אַרמײ. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט ער פֿאַרלאָזן דעם לערער־פּולפּיט און אים פֿאַרביטן אויף אַ זעלנערישן שינעל. נאָכן פֿאַלן פֿון פּוילן האָט ער שוין נישט געהאַט צו וואָס זיך מער אומצוקערן אַהײם: די שול איז שוין געווען געשלאָסן און דער בנין איז געווען פֿאַרנומען דורך דער דײַטשער זשאַנדאַרמעריע. איז ער געבליבן מיט זײַן אָפּטײלונג אין וואַלד און פֿון דאָרט געפֿירט זײַן חשבון מיטן אָקופּאַנט.

דעם 1־טן אָקטאָבער 8 אַ זײגער אינדערפֿרי האָט די אָפּטײלונג פֿון פּאָרוטשניק מאַרגעללאָ אַרײַנבאַקומען זיך אין שטאָט, זיך צעשפּרייט אין טיראַליער אין די חרובֿע גאַסן אין דער ייִדישער געגנט. פֿון דער קאָשטשושקאָ־גאַס איז אָנגעפֿאָרן אַ דײַטשע טאַקסע מיט מיליטער־לײַט. די פּוילישע פּאַרטיזאַנער האָבן געעפֿנט אַ פֿײַער פֿון מאַשין־געווער פֿון וועלכן ס'איז געטראָפֿן געוואָרן אַ דײַטשער העכערער אָפֿיציר. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך נאָכן אָנפֿאַל צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק אין רינשטאָק דעם פֿאַרוווּנדעטן דײַטשן אָפֿיציר.

קורץ נאָך דעם איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דער ייִד דוד צלאָוועס /דער פֿיש־הענדלער/ אין אַבֿרהמאַטשע קצבֿס זון, דוד דאַניאַק. דערזעענדיק ווי סוואַלגערט זיך אַ מענטש אין גסיסה־צושטאַנד /דער דײַטש איז געווען אָנגעטאָן אין ציוויל/ האָט אײנער פֿון זײ אים אויפֿגעהויבן און מיט אַלע כּוחות אים געטראָגן אין שפּיטאָל.

## ב י ל ג אָ ר י י

די דייטשן האָבן גוט געוווּסט, ווער עס האָט פּאַרוווּנדעט דעם אָפיציר. זיי האָבן אַזוי אויך גוט געפילט אויף זייערע ביינער די פּוילישע פּאַרטיזאַנטקע. נאָר ווי אויף זייער שטייגער, האָבן זיי אַרויפגעלייגט די שולד אויף דעם ייִד דוד צלאָוועס, וואָס לא די וואָס ער האָט נאָך געטראָגן דעם דייטשן מנובל, האָבן זיי אים נאָך אַרעסטירט, פאַר אַ שולדיקן אין מאָרד.

אויף צומאָרגנס, גלייך נאָכן אַרעסט פון דערמאָנטן ייִדן, איז, אויפן העכט־דייטשן אויפן, אינסצעניזירט געוואָרן אויפן ייִד צלאָוועס אַ בילבול, אַז בכן, יענער זאָל האָבן, ווען די רויטע אַרמיי איז געווען אין בילגאָריי, געמאַסערט עטלעכע פּוילישע גראַנטאַווע פּאָליציאַנטן, אַז זיי באַהאַלטן זיך אויס פאַר דער סאָוועטנמאַכט. נאָר דאָ האָבן די דייטשן אַלץ צוגעגרייט אַזוי, אַז עס האָבן זיך שוין געפונען „עדות" פון דער פּוילישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן פעסט־געשטעלט די שולד פון דעם ייִד דוד צלאָוועס.

עס האָבן נישט געהאָלפן די געוויינען פון דער מוטער און די אינטערווענצן און עדות־זאָגן מצד באַקאַנטע פּאָלאַקן, אַז דער ייִד איז אומשלדיק: די דייטשן האָבן געדאַרפט האָבן אַ ייִדישן קרבן אויף וועלכן מען קאָן אַלץ אַרויפלייגן. די מוטער איז אַ פאַרצווייפלטע געלאָפן אין שפּיטאָל צו דעם דייטש, וועלכן איר זון האָט אָפגעראַטעוועט דאָס לעבן, ברענגענדיק אים אַ פאַרווונדעטן אין שפּיטאָל. אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן: די דייטשן האָבן אויף דעם ייִד דוד צלאָוועס אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל.

5 טעג האָבן די דייטשע סאַדיסטן דעם יונגן ייִדן געפּייניקט. פון די רוצחישע קלעפּ האָט דער ייִד פאַרלוירן זיין מענטשלעכע צורה. ווען מען האָט דער אומגליקלעכער מוטער דערלויבט צו זען זיך מיט איר זון פאַר זיין טויט, האָט זי אים אינגאַנצן נישט דערקאָנט, אַזוי איז ער געוואָרן מאַסקרירט.

אין 6־טן אָקטאָבער 8 אַ זייגער אינדערפרי 1939 האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט דעם ייִד צלאָוועס אויפן פעלד, ווו מען פלעגט פאַשען פערד און אים דאָרט דערשאָסן. אַ ייִנגל, וועלכער האָט באַמערקט פירן דעם ייִדן, איז געלאָפן צווישן געבן די מוטער, אַז מען פירט איר זון אויפן פעלד אַרויס. די מוטער איז נישט טויט. נישט לעבעדיק. געקומען צולויפן צום אָרט. אָבער זי האָט שוין געטראָפן איר זון אַ טויטן, ליגנדיק אויף דער ערד, אַדורכגעזיפּטער מיט קוילן.

## דער ארייננמארש פון דער רויטער ארמיי

דערדאָזיקער מאָרד איבערן יידן, וועלכער איז שוין געווען דער צווייטער אין בילגאָריי, האָט טיף אויפגערודערט די יידישע באפעלקערונג. מען האָט בשיינפערלעך געזעען, אז דאָס לעבן הענגט אויף א האָר. מען האָט גענומען זוכן עצות. פיל יידן האָבן זיך נאָך דיזעלבע נאכט דורכגעשמוגלט די גרעניץ און אריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט.

די דייטשן האָבן אפילו וועגן דעם געוווסט. אין געזאָגט: „גייט יודען צו דעם שמוציגען רוסע, דאָרט וועט אייך גוט זיין". וואָס האָט זיי געקאָנט ארן, ווען יידן גייען אוועק, פארלאָזן זייערע היימען אויף הפקר, פארן רויב פון דער דייטשער חיה?

...איך האָב גענומען צושטיין צו מיינע עלטערן אז איך וויל פארלאָזן בילגאָריי. ס'איז מיר זייער שווער געווען זיך צו שיידן מיט מיינע עלטערן אין אזא עת צרה, אָבער איך האָב געפילט, ווי מיך, אלס נאָך א יונגן בחור, דראָט שטענדיק ביים דייטש א אוממיטלבארע סכנה. איך האָב פארשטאנען אז איך מוז אזוי האנדלען. איך האָב זיך צוגעגרייט א פלעצאק פון גרינעם דרעלעך, זיך צונויפגערעדט מיט חברים און זיך געלאָזט אין וועג אריין.

אין וועג אָבער האָב איך זיך דערמאָנט אין מיינע עלטערן, אין דער שלעכטער לאגע, אין וועלכער איך האָב זיי איבערגעלאָזט, אויף פיין און שאנד ביים דייטש. איך האָב זיך צוריקגעקערט א היים.

דעמלט האָב איך גענומען צושטיין צו מיינע עלטערן, מיר זאָלן זיך אלע צוזאמען לאָזן אין וועג אריין. מיינע עלטערן האָבן שוין מסכים געווען, נאָר דא איז געווען א פרישע שטערונג: בעתן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט זיך מיין עלטערע שוועסטער אסתר געפינען אין ווארשע. איצט האָבן מיר געוואָרט אויף איר צוריקקומען, און ערשט אלא צוזאמען וועלן מיר אריבער די גרעניץ. איך האָב דערהאלטן א גרוס פון ווארשע, אז מיין שוועסטער גייט צופוס פון ווארשע קיין בילגאָריי. (דעמלט האָבן יידן שוין נישט געטאָרט פארן מיט דער באן) מיר זענען צוגעטראָטן צוצוגרייטן זיך אריבערצוגיין די גרעניץ נאָך דעם ווי מיין שוועסטער וועט אָנקומען קיין בילגאָריי. (זי איז אומגעקומען אין דייטשן גהינום)

אין גיכן איז אָנגעקומען מיין שוועסטער. זי האָט זיך קוים דערפרעגט ווו מיר וווינען, ווייל נאָך דער שריפה האָבן מיר זיך איבערגעצויגן וווינען אין אן אנדערע דירה. טראָץ דעם, וואָס מיין שוועסטער איז געקומען מיד און צעבראָכן פון וועג, האָבן מיר באשלאָסן באלד אויף צומאָרגנס זיך לאָזן אין וועג אריין.

## ב י ל ג אָ ר י י

מיר האָבן געדונגען פערד־און וואָגן און פאַרלאָזט בילגאַריי, איבערלאָזנדיק, אין דער היים מיין באָבע שיינדל ווייסמאַן און מיין באָבע מיט איר זון יעקב, וועלכע האָבן בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די שטאָט.

מיין זיידע, יוסף טייטלבוים ז״ל, האָט געהאַט די זכיה צו שטאַרבן אויפן אייגענעם געלעגער. ער איז געשטאָרבן צו 78 יאָר, ווען די דייטשן זענען אריין אין שטאָט, אום יום־כפור. ווען מ׳האָט געטראָגן זיין מיטה, זענען שראפנעלן געפאַלן און אויפגעריסן נעבן דער לוויה.

מיר זענען אָנגעקומען קיין טאַרנאָגראָד שוין שפּעט אין אָוונט. מיר האָבן איבערגענאַכטיקט ביי קרובים און אויפצומאָרגנס אַריבער די גרעניץ קיין שיניאַווע; פון דאָרט קיין לעמבערג.

שפּעטער האָבן מיר געוווינט אין בזשוכאָוויץ.

איך מיט מיינע עלטערן, ברודער בנציון מיין שוועסטער רבקה האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר ווו מיר האָבן איבערגעלעבט די גרויזאַמע מלחמה.

# בילגאַרייער יידן אונטער דער דייטשער הערשאַפט

ס'איז שוין געוואָרן א באַשטימטע זאַך, מיט וועלכע מען האָט געמוזט שלום מאַכן: די אָקופּאַנטישע דייטשע מאַכט טיילט אויס די יידן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, ווי אַ טייל, איבער וועלכער מען מעג זיך אומבאַשטראָפט איזדעווקעווען, וועלכע מוז אין דער ערשטער ריי אויספירן די שווערסטע און אומענטשלעכסטע אַרבעטן פאַרן אָקופּאַנט און דערביי ליידן חוץ פיזישע יסורים, אויך די סאַמע שווערסטע חרפות און ביזיונות.

מען האָט זיך געפּרוּווט דערצו צוגעוויינען, מיינענדיק, אַז דאָס איז שוין דאָס ערגסטע, וואָס די דייטשע תלינים האָבן אויסגעטראַכט פאַר די יידן.

איז אָבער אין אַפּריל 1940 אַרויס אַ פאַראָרדנונג, אַז אַלע בילגאַרייער יידן, פון 14־יעריקע ביז זקינים מוזן טראָגן אויפן אַרבל פון דער רעכטער האַנט בלויע מגן־דוד כדי מען זאָל אַ יידן דערקענען פון דערווייטן. דער מגן־דוד האָט געמוזט האָבן די ברייט פון 10 צענטימעטער און די גרויס פון גאַנצן ברייט פון אַרבל, ער זאָל זיין גענוג אָנזעענדיק. ס־איז אַלזאָ נישט שווער געווען פאַר די געפּייניקטע יידן פון בילגאַריי זיך צו דערטראַכטן, אַז די דייטשע רוצחים רוען נישט און האַלטן אין איין אויסטראַכטן אַלץ נייע גזירות אויף די אויסגעמאַטערטע יידן, און ווער ווייסט צו וואָס זיי קאָנען זיך דערטראַכטן?

אָט וואָס עס דערציילט וועגן דעם דער לעבנגעבליבענער ייד ישראל גייסט וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן געטאָ־גוריל.

אין יענעם חודש אַפּריל 1940 איז אַלעמען באַפאַלן אַ פּחד. עס זענען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז עס גרייט זיך פאַראָרדנונגען פון דער דייטשער מאַכט קעגן די בילגאַרייער יידן. איינע פון די פאַראָרדנונגען דאַרף זיין, אַז אַלע יידן, אָן אונטערשייד קינדער צו עלטערע, וועלן מוזן טראָגן געלע לאַטעס, ווי אַ סימבאָל פון נידעריקייט. מיט הארץ־קלאַפּעניש האָבן די יידן אויפגענומען

# ב י ל ג אָ ר י י

דידאַזיקע ידיעות. מען האָט אָבער נישט געדאַרפט לאַנג וואַרטן: דידאַזיקע פאַראָרדנונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. שפּעטער זענען די געלט לאַטעס פאַרביטן געוואָרן אויף בלויע מגן־דודס.

דעם זעלבן חודש האָט דער לאַנדראַט (סטאַראָסטע) אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו דער יידישע באַפעלקערונג, אַז עס מוז געשאַפן ווערן אַ יידישע געמיינדע „יודענראַט," פון די געוועזענע דאַזערס אין דער בילגאָרייער גמינע. ווי מיר זעען פון דעם פאַל, האָבן די דייטשן שוין אין יאָר 1940, דאָס הייסט פאַרן קריג מיטן ראַטנפאַרבאַנד, געהאַט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון איזאָלירן די יידן פון דער אַלגעמיינע באַפעלקערונג, כדי דערנאָך זיך לייכטער מאַכן דאָס פאַרניכטן זיי.

די פאַראָרדונג צו שאַפן אַ יודן־ראַט האָט אָבער קיינעם פון די בילגאָרייער יידן נישט צוגעגעבן קיין חשק אין אַזאַ „אינסטיטוציע" צו זיין פאַרטראָטן. יעדער ייד האָט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דייטש, ווייל יעדער האָט געוווּסט, אַז דער יודנראַט וועט זיין נאָר אַ מכשיר אין די הענט פון אָקופּאַנט, און אַז די דירעקטע סכנה דראָט קודם־כל די מיטגלידער פון יודענראַט גופא.

ס'איז אַדורך אַ פּאָר טעג און קיינער האָט זיך פרייוויליק נישט געמאָלדן. דעמלט האָבן די דייטשן אַליין באַשטימט אַ געמיינדע, וועלכע האָט געמוזט זיך אָרגאַניזירן אונטער דער דראָאונג פון טויט־שטראָף. עטלעכע טעג האָט געדויערט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט אין פאָלגנדיקן צוזאַמענשטעל:

1. חיים מרדכי הערשענהאָרן — פּרעזעס.
2. הלל יאַנאָווער — קאַסיר.
3. אַלתר גרינבוים — סעקרעטאַר.
4. יחזקאל קאַנדל
5. יוסל ראַפּאָפּאָרט
6. שמואל לייב האָלענדער
7. שמעון בין

דער יודענראַט האָט זיך געפינען אין דעם הויז פון דעם קריסט גראַביאַס. אין דער ערשטער צייט פון זיין טעטיקייט האָט דער יודנראַט אַרויסגעוויזן מיט־געפיל פאַר די יידן פון בילגאָריי. ער האָט געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער איז געווען בכוח. די יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן, זענען פאַרזאָרגט געוואָרן



שלום שטריקנדרייער מיט זיין פרוי ראָשע בעת דער
דייטשער אָקופּאַציע.

## ב י ל ג אָ ר י י

מיט עסן און אויך, וויפל ס'איז געווען מעגלעך, האָט דער יודנראט געהאָלפן זייערע משפחות.

ביים יודנראט האָט פונקציאָנירט א יידישע פאסט פארן אינערלעכן געברויך. מיט דער פּאָסט האָט פארוואלטעט משה שוואנענפעלד. (לאָזער קאנדלס א שוואָגער)

ביים יודנראט איז געווען טעטיק אן ארבעטס־אמט, וועמענס אויפגאבע עס איז געווען, צוצושטעלן יידישע ארבעטער פאר די דייטשע פלאצוווקעס. ייעדן טאָג האָט דער יודענראט ארויסגעגעבן א קאָנטיגענט ארבעטער.

א געוויסע צאָל ארבעטער זענען געווען באשעפטיקט סטאביל אויף איין פלאץ. די איבעריקע האָבן געארבעט יעדן טאָג אויף אן אנדער שווערער ארבעט. די רייכע יידן האָבן זיך אויסגעדרייט פון גיין צו דער ארבעט, דינגענדיק אָרעמע יידן, זיי זאָלן פאר זיי אָפּארבעטן. אין יענע טעג איז עס געוואָרן א מין פרנסה, דאָס אָפּארבעטן פאר יענעם, ווייל קיין אנדער קוואל פון פרנסה איז נישט געווען. עס איז אויך געווען בעסערע און ערגערע ארבעט. אזוי למשל האָט זיך צו די בעסערע ארבעט פאררעכנט צו ארבעטן ביי דער שוץ־פּאָליציי (שופּאָ) /פּאָרשוץ־פּאָליציי/ וואלד־שוץ־פּאָליציי/ אדגל.

סאיז פארשטענדלעך, אז אלע האָבן זיך געוואָלט אריינבאקומען צו דידאָזיקע ארבעטן.

אָנגעפירט מיטן צושטעלן ארבעטער אין די דאָזיקע ערטער האָט אברהם שטערן.

א חוץ די דערמאָנטע ארבעטס פלעצער, האָבן נאָך יידישע פרויען געארבעט אין די (שטיין גרובן) אונטער דער שטאָט. אין דעם נאָענטן דאָרף דיליס און אין אנדערע נאָנטע צו בילגאָריי דערפער. ביי דער אייזנבאַן אין זוויערזשיניעץ האָבן יידישע פרויען געארבעט ביי אויפלאָדענען פארשידענע סחורות אין פראכט־וואגאָנען.

אין 8 טעג ארום, נאָך זיין אנטשטייך, האָט דער יודן־ראט ארויס־געגעבן א באקאנטמאכונג, אז אלע יידישע מענער פון 15 ביז 50 יאָר, מוזן זיך פארזאמלען אויפן לייזיקן פלאץ, אנטקעגן איבער דער סטאראָסטע פינקטלעך 8 א זייגער פרי. דער באפעל זיך צוצושטעלן אויפן זאמלפונקט האָט אויך ארומגענומען די ארבעטער, וועלכע האָבן געארבעט סטאביל אויף דייטשע פלאצוווקעס.

די יידן האָבן באלד דערשפירט די סכנה פון אזא „צונויפזאמלונג." ווייזט

## בילגאַריער יידן אונטער דער דייטשער הערשאַפט

אויס אז די דייטשן האָבן גוט געוווּסט די דעמלטיקע שטימונגען פון די יידן, ווייל כאָטש סאיז געווען דאָס יאָר 1940, ווען סאיז נאָך נישט געווען „אין דער מאָדע" צונויפצוזאמלען יידן און שיקן זיי אין די גאז־קאמערן, האָבן דאָך די יידן נישט געוואָלט זיך צושטעלן צום פלאץ. די דייטשן האָבן געמוזט ארויס געבן א דראונג צום יודענראט, אז אויב די יידן וועלן זיך נישט צושטעלן צום טערמין, וועט דער יידן־ראט בראש מיט זיין פרעזעס ווערן דערשאָסן.

טייל מיטגלידער פון יודנראט האָבן זיך דאן ארויסגעלאָזט אין שטאָט און גענומען רופן די יידן צום זאמלפונקט, פארזיכערנדיק, אז די דייטשן מיינען נישט קיין שום שלעכטס, נאָר זיי ווילן באשטימען ארבעטס־גרופן, אויסצופירן ספעציעלע ארבעט.

די מערהייט האָט געגלויבט די פארזיכערונגען פון יודענראט, און האָט זיך געשטעלט צום זאמלפונקט. א טייל יידן האָבן זיך אויסבאהאלטן און צום פונקט זיך נישט געשטעלט.

אויפן זאמלפונקט זענען אָנגעקומען ס. ס.־לייט און האָבן צווישן די יידן דורכגעפירט א סעלעקציע פון געזונטע און שוואכע. דורכגעפירט די סעלעקציע האָבן די געסטאפּאָווצעס: אָבערלייטענאנט ניזנער און דער ארטיקער פאָלקס־דייטש מאַיעווסקי.

באלד האָבן זיך געשאפן צוויי גרופעס: עלטערע און יונגערע. די לעצטע האָבן אויפן אָרט באקומען שיינען ווי ארבעטס־פאַיִיקע, אין וועלכע עס איז געווען אָנגעצייכנט די דאטע, ווען זיי דארפן זיך צושטעלן.

עס זענען אויסגעקליבן געוואָרן 70 יונגע מענטשן — ארבעטספּאַיִקע. עטלעכע טעג נאָך שבועות האָט די גרופּע באקומען א באפעל צוצושטעלן זיך אויפן זאמלפונקט, פונוואנען זיי וועלן אָפּגעטראנספּאָרטירט ווערן אויף ארבעט. סאיז געוואָרן באפוילן מיטצונעמען מיט זיך א פעקל וועש, קליידער און שטוב־כלים, ווי אויך שפייז אויף דריי טעג.

נאָך דעם זעלבן טאָג איז די גרופּע אָפּגעטראנספּאָרטירט געוואָרן קיין חרובעשאָוו; געפירט האָט מען די גרופּע נישט שטארק באוואכט. אין זוויערזשיניעץ האָט מען זיי איבערגעזעצט אויף דער ברייטער באַן. ווען די גרופּע איז אָנגעקומען צו דער סטאציע ווערבקאָוויצע אין דער ריכטונג צו טישעוויץ, האָט אויף זיי שוין אָפּגעוואַרט א גרופּע פון דער א. ג. „זעלבסטשוץ" /פאָלקסדויטשן,/ וועלכע זענען

# ב י ל ג אָ ר י י

געווען באַשטימט די גרופּע צו היטן.

אויב די פריערדיקע וואָך איז נאָך געווען דערטרעגלעך, האָבן איצט די פאָלקסדויטשן אַרויסגעוויזן זייער אַכזריות לגבי די יידן. ווי די בהמות האָבן זיי די גרופּע יידן געטריבן, באַטאָג און באַנאַכט איבער פעלדער און וועלדער, איבער די ווערבקאָוויצער בלאָטעס. די מענטשן האָבן שוין נישט געהאַט קיין כוח די פיס צו שלעפּן. מען האָט אוועקגעוואָרפן אויפן פעלד די מיטגענומענע פּעקלעך שפּייז און מלבושים.

ערשט איצט האָבן זיך די מענטשן איבערצייגט, וואָס פאַרא „גן־עדן" די דייטשן האָבן פאַר זיי דאָרט צוגעגרייט: שפּעט באַנאַכט איז מען אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט, וווּ די דייטשן האָבן אויסגעקליבן פאַר אַן אַרבעטסלאַגער. מען האָט די יידן אַריינגעלאָזט אין אַ הויז אויף איבערצונעכטיקן, אונטער אַ שטאַרקע שמירה פון די פאָלקס־דייטשן.

אויף צומאָרגנס איז מען צוגעטרעטן אייצואָרדענען דעם לאַגער. מען האָט אוועקגעשטעלט אַ קיך, געבראַכט פון נאָענטן דאָרף שטרוי אויף געלעגערס און לסוף אַרומגעצוימט דעם גאַנצן שטח מיט שטעכל־דראָט;

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין אויסטריקענען די זומפּיקע פעלדער און באַגנעס. פון די באַגנעס האָבן זיך געטראָגן עיפּושדיקע ריחות פון וועלכע עס האָט געאָטעמט מיט פאַר־שידענע קראַנקהייטן. גאַנצע טעג האָט מען געמוזט שטיין ביז איבער דער העלפט אין דידאָזיקע בלאָטעס און אַרבעטן אונטער די קלעפּ פון פאָלקס־דויטשן, די היטערס.

דער עד־ראיה דער דערמאָנטער ישראל גייסט, דערציילט וועגן דערדאָזיקער אַרבעט: „די פּיאַווקעס זענען געקראָכן פון שליימיקן וואַסער און האָבן אויסגעזויגן דאָס לעצטע ביסל בלוט ביי די פון דער שווערער אַרבעט מידע מענטשן."

דער עדות רעכנט אויס אייניקע נעמען פון יידן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט. צוו. אנד. דערמאָנט ער פאָלגנדיקע נעמען:

1. יונה שמירער
2. שלמה זילבערליכט
3. ברוך ווערמוט
4. נטע קליינמינץ און זיינע ברידער יוסל און לייבל
5. נטע וואַגנער

# בילגאָריי



די יידישע געשעפטן (נאָך דער שריפה) אין דער
צווייטער זייט פון מארק.

6. יהושע וואגנער
7. שמואל וואגנער
8. בער יאנאָווער
9. שמואל זיסמאן
10. משה ברילאנטשטיין
11. שלמה פיפיס
12. לייזער טוך
13. דודוש עטענבערג
14. משה שולדינער
15. צלאל אָבליגנהארץ

פון אָנהייב האָבן די יידן געארבעט אליין. נאָר דערנאָך האָבן די דייטשן איינגעפירט אקאָרד־ארבעט. עס זענען אויך צוגעקומען עטלעכע קריסטלעכע ארבעטער, וועלכע האָבן די יידן אָנגעטאָן גרויסע צרות.

די גרעסטע צרות איז אָבער געווען אויסצושטיין פון די פאָלקס־דייטשן. האָט געמעגט א פאָלקס־דויטש, אפילו נישט פון די וועכטער, נאָר סתם א צופעליק־פארבייגייענדיקער, ווארפן אן אויג אויף א ייד, וועלכער ווי עס האָט זיך דעם דייטש אויסגעוויזן ארבעט שוואך, האָט ער זיך אים גלייך גענומען שלאָגן.

אזא פאל איז געשען מיט דעם בילגאָרייער ייד דעם טויבן יעקב. דערדאָזיקער ייד איז געווען זייער פעאיק און פלינק ביי דער ארבעט. אזוי ווי די ארבעט איז געוואָרן געמאכט אויף אקאָרד האָט דער טויבער יעקב שטענדיק באוויזן צו פארענדיקן זיין נאָרמע פריער, ווי אנדערע און נאָך האָבן צייט זיך אָפצורוען. איין מאָל, ווען ער איז אזוי געשטאנען און אָפגערוט פון זיין ארבעט, איז ארויס א דייטש פון דערנעבנדיקן קירכן־הויז און דערזעענדיק דעם יידן ווי ער שטייט און רויכערט א ציגארעטל צוגעלאָפן צו אים מיט א רציחה, פארוואָס ער ארבעט נישט.דער טויבער יעקב האָט אים דערקלערט, אז ער האָט שוין זיין נאָרמע געמאכט און האָט דעריבער רעכט זיך אָפצורוען.

דער פאָלקס־דייטש, איז אריינגעפאלן אין א ווילדן כעס און אָנגעהויבן דעם ייד מוראָדיק צושלאָגן. דער חבר פון יעקב צלאל אָבליגענהארץ, וועלכער איז געשטאנען דערנעבן, האָט זיך אָפגעריסן פון אָרט און דערלאנגט דעם

# בילגאַרייער יידן אונטער דער דייטשער הערשאַפט

פאָלקס־דויטש אזעלכע קלעפּ, אז מ־האָט געמיינט, אז דער פארבלוטיקער דייטש וועט שוין בלייבן אויף דעם פעלד א טויטער. אין דעמדאָזיקן געשלעג האָט דער דערמאָנטער אָבליגענהארץ זיך צעבראָכן א האַנט, צוליב וואָס ער איז דערקלערט געוואָרן פאר אומפעאיק צו דער ארבעט און איז אָפּגעשיקט געוואָרן צוריק קיין בילגאָריי.

אין קורצן איז דער לאגער געוואָרן ליקווידירט. די גרופּע יידישע ארבעטער האָבן די דייטשן אריבערגעפירט אין א צווייטן לאגער. דאָרט האָבן זיי געארבעט ביים רעגולירן דעם טייך, וואָס פליסט דורך טישעוויץ/הוטשעווע./. דאָס איז געווען אן איבערמענטשלעך־שווערע ארבעט. פאר דער קריג האָבן דאָרט געארבעט אויף פארשיקונג די גרעסטע קרימינעלע פארברעכער. איצט האָבן די דייטשן צו דערדאָזיקער ארבעט די אומזיסטע יידישע ארבעטס־הענט.

דאָרט האָבן די יידן געארבעט ביז א שטיק אין ווינטער אריין.

דער דערמאָנטער עד־ראיה גייסט דערציילט:

„ווען די גרופּע האָט נאָך געארבעט אין טורקאָוויץ, איז נאָכן אָפּארבעטן דאָרט עטלעכע וואָכן, פון דאָרט אנטלאָפן דער בילגאָרייער ייד משה שולדינער. אויפצומאָרגנס, ווען די דייטשן האָבן באמערקט ביי דער ציילונג /אפעל/ אז עס פעלט א ייד, האָבן זיי אויפגעהויבן א טומל. מען האָט גענומען דראָען און פייניקן די יידן, זיי זאָלן זאָגן, ווו עס איז אהינגעקומען דער ייד, ווייל נישט אנדערש, האָבן זיי געזאָגט, נאָר אז עס איז געווען א צונויפגערעדטע זאַך צווישן די יידן.

די יידן האָבן אָבער גאָרנישט געקאָנט זאָגן ווי שולדינער איז אהינגעקומען. באלד האָבן זיך א מחנה פאָלקס דויטשן א לאָז געטאָן אויף ראָווערן נאָכיאָגן דעם אנטלאָפענעם ייד. אויף דעם וועג וואָס פירט קיין זאמאָשטש, שוין נישט ווייט פון דער שטאָט, האָט א גוי אָנגעוויזן די פאָלקס־דויטשן אויף א פויערישע כאַטע, ווו א ייד איז נאָר וואָס אריינגעגאנגען. די פאָלקס דויטשן זענען גלייך אהין אריין און געטראָפן דאָרט משה שולדינערן. זיי האָבן אים גלייך מיטגענומען מיט זיך און א צעמיימיתטן, געבראכט אין לאגער אריין.

די פאָלקס־דויטשן זענען געפאָרן אויף ראָווערן און דער ייד האָט געמוזט לויפן צופוס צווישן די פאָרנדיקע. טאָמער איז דער ייד א ווילע געבליבן שטיין כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, האָבן זיך גלייך צו אים גענומען די הינט, וועלכע די

דייטשן האָבן מיט זיך מיטגענומען.

ווען מען האָט דעם יידן קוים א לעבעדיקן געבראַכט אין לאגער אריין האָט דער שעף פון לאגער, א געסטאַפּאָוויעץ, ארויסגעגעבן א באַפעל מען זאָל דעם ייד, פאר זיין וואגן אנטלויפן פון א דייטשן לאגער, צובינדן צו א בוים אויף 24 שעה און אויב ער וועט אויסהאלטן איז זיין גליק.

איייניקע שעה איז דער ייד אזוי אָפּגעשטאַנען א צוגעבונדענער צום בוים. א מידער פון גיין און א צעשלאָגענער פון קלעפּ וואָס ער האָט אין וועג באַקומען פון די פאָלקס־דייטשע רוצחים, איז ער באלד, די ערשטע שעה געבליבן א פארחלשטער. די קריסטלעכע קראַנקן־שוועסטער, וועלכע איז אויך געווען באַשעפטיקט אין דעמדאָזיקן לאגער האָט רחמנות געהאַט אויף דעם ייד און איז געלאָפן בעטן ביים שעף פון לאגער ער זאָל דעם יידן באפרייען, נאָך דעם, ווי ער איז שוין אויסגעשטאַנען 12 שעה.

ווען מען האָט דעם יידן אָפּגעבונדן פון בוים איז ער אנידערגעפאלן אויף דער ערד אינגאנצן א געשוואָלענער און איז געפאלן חלשות.

דער דאָקטאָר האָט נאָכדעם פעסטגעשטעלט, אז דער ייד איז שוין נישט פעאיק מער צו קיין שום ארבעט. אויפן סמך פון דעם איז ער באפרייט געוואָרן פון דער ארבעט, מיט דער דערלויבעניש צו פאָרן צוריק אהיים קיין בילגאָריי.

אָבער צו פאָרן מיט דער באַן איז פאר יידן געווען פארבאָטן, און קיין געלט צו פאָרן מיט א געלעגענהייט האָט ער נישט געהאַט, האָט זיך דער ייד געלאָזט גיין צופוס אהיים.

ער איז אָבער אהיים נישט דערגאַנגען. אין גרויס יסורים איז ער אויפן וועג געשטאָרבן.

די יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין לאגער, האָבן א געוויסע צייט זיך דורכגעשריבן מיט זייערע משפּחות אין בילגאָריי. דאָס האָט ביי זיי געשאַפן דעם איינדרוק, אז אין דער היים איז אלץ ווי געווען, דאָס הייסט, אז קיינעם אויסער די יידן אין לאגער האָבן די דייטשן אין ערגעץ נישט פארשלעפּט.

אָבער נאָך א געוויסע צייט האָט מען אויפגעהערט צו באַקומען בריוו פון משפּחות, ווייל די אָרטיקע משפּחה מיטגלידער זענען אויך פארשלעפּט געוואָרן אין אנדערע לאגערן.

דער עד־ראיה גייסט דערציילט, אז ווען ער האָט געאַרבעט אין טורקאָוויצער

# אריינפיר



פון לינקס אויף רעכטס: שמחה מערצערס א טאָכטער רחל, הערש טרעגערס א טאָכטער — בעת דער אָקופּאַציע. 1942.

# בילגאָריי

לאַגער האָט ער די גאַנצע צייט באַקומען בריוו פון זיין פאַמיליע אין דער היים. שפּעטער נאָך אַ לענגערע הפסקה אינגאַנצן נישט שרייבן, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זיין מוטער, אַז זיין פאָטער און ברודער זענען אויך אוועקגעשלעפּט געוואָרן אין אַ לאַגער.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דער פאָטער איז פאַרשלעפּט געוואָרן אין לאַגער אין בעלזשעץ, וועלכן די דייטשן האָבן אין אַ צייט אַרום פאַרוואַנדלט אין איינע פון די גרעסטע טויט־פאַבריקן פאַר יידן. דער ברודער ווידער איז צוגענומען געוואָרן אין לאַגער אין קורמאַן.

ווען ישראל גייסט איז צוריקגעקומען פון לאַגער קיין בילגאָריי, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן זיין ברודער, וועלכן מהאָט באַפרייט פון נורמאַנער לאַגער דערפאַר, ווייל ער איז פון דאָרט אַרויס באַשעדיקט און באַקאַנטע האָבן אויף אים עדות געזאָגט, אַז ער איז שוין מער נישט פעאיק צו קיין פיזישע אַרבעט.

דער צוריקגעקומענער האָט אויך דערציילט, אַז ער האָט ידיעות, אַז זייער פאָטער קלויבט זיך צו אַנטלויפן פון בעלזשעצער לאַגער. און ווירקלעך: אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך גייסטס פאָטער אַרויסגעקריגן פון בעלזשעצער לאַגער און געקומען צופוס קיין בילגאָריי. ער איז געגאַנגען נאָר אין די נעכט, ווייל באַטאָג איז געווען אַ מורא צו גיין. מ־האָט געקאָנט טרעפן אַ דייטש אָדער אַ היימישן שפּיאָן, וועלכער וואָלט דעם יידן גלייך פאַרהאַלטן און איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז ער האָט נישט געטאָרט פאָרן מיט דער באַן, וואָס דאָס איז געווען פאַר יידן פאַרבאָטן.

אין שטאָט האָבן געפעלט זייער אַ סך יידן, וועלכע די דייטשן האָבן פאַרשלעפּט אין די לאַגערן אַריין. די איבערגעבליבענע יידישע פרויען און מיידלעך האָבן געמוזט אַרבעטן שווערע אַרבעט אין די דייטשע שטאָטישע פּלאַצוווקעס. איינע אַזאַ־פּלאַצוווקע איז געווען ביי דער סטאַראָסטווע, ווו מהאָט געבויט באַראַקן פאַרן דייטשן מיליטער. די אַלע מענטשן וועלכע זענען צוליב פאַרשידענע סבות געוואָרן באַפרייט פון די לאַגערן, האָבן געמוזט איצט זיין באַשעפטיקט פאַר די דייטשן אין שטאָט. עס האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס מענטשן זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן דערפאַר, ווייל זיי זענען שוין נישט געווען פעאיק צו קיין שום פיזישע אַרבעט. אַלע אָן אויסנאַם האָבן געמוזט פוצן די דייטשע פערד, רייניקן די שטאַלן, בויען באַראַקן, פוצן די

# בילגאַרייער יידן אונטער דער דייטשער הערשאפט

שטיוויל פאר די דייטשע אָפיצירן און באדינען זייערע וווינונגען.

אין דער זעלבער צייט פלעגן פאָרקומען אומגעריכטע אָבלאַוועס אויף יידן. פלוצלונג פלעגט אין דער יידישער געגנט פארפאָרן עטלעכע אויטאָס מיט ס.ס.־לייט און גראַנאַטאָווע פאליציי, ארומגערינגלט די יידישע געגנט און ארויסגעשלעפט די יידן פון די הייזער צו דער ארבעט הינטער דער שטאָט.

ענדע חודש יולי איז ארויס א פאַראָרדנונג, אז דער יודענראט מוז צושטעלן פאר די דייטשן דאָס גאנצע פוטערוואַרג וואָס געפינט זיך אין באזיץ פון די יידן. מ־האָט געמוזט אָפּטרענען פון די מאַנטלען די פוטערנע אונטערשלאַג, קאָלנערס, מופטעס אדגל. פון פוטערנע מאַנטלען איז שוין אָפּגערעדט אז מען האָט געמוזט אָפּגעבן. פאר נישט אויספירן דעם באפעל איז געקומען טויט־שטראָף.

דער יודענראט איז ארומגעפאָרן איבערן גאנצן פּאָוויאַט און צונויפ־געזאמלט ביי די יידן דאָס פוטערוואַרג. די סקלאַדעס פון דער יידישער געמיינדע איז מיט דעם צונויפגעזאמלטן פוטערוואַרג געוואָרן פארפולט. דאָס איינגעמען דעם פוטערוואַרג איז פאָרגעקומען מיט א סדר: ביי יעדן וועלכער האָט אָפּגעגעבן, האָט מען פארשריבן וויפל ער האָט אָפּגעגעבן און וואָס.

* * *

עס וואלט נישט פול געווען דאָס בילד פון אונדזער באשרייבונג וועגן לעבן אין אומקום פון דער בילגאָרייער עדה יידן, ווען מיר זאָלן נישט דערמאָנען, אין דאָס דוקא לכף זכות דאָס שיינע געשטאלט, דעם מענטש מיטן מוטיקן און שטאָלצן כאראקטער, דעם ערשטן פרעזעס פון יודענראט ר׳ חיים מרדכי הערשנהרן. דערדאָזיקער מענטש האָט אויף זיין, זייער נישט דאנקבארן אמט, אויף וועלכן נישט איינער זיינס גלייכן איז געשטרויכלט געוואָרן, האָט ער להפך צו אנדערע ארויסגעוויזן ברידערליכקייט און אין א טייל פאַל אמת׳ע מסירת נפשדיקייט ביים לענדרן די נויט פון זיינע ברידער. ער האָט געקאָנט און פארשטאַנען ווי אזוי ארומצוגיין דעם שטרענגן דייטשן געזעץ, אדער פאַראָרדענונג אין באַזאָרגט מיט עסן די אויסגעהונגערטע יידישע באפעלקרונג. ווי נאָר א צרה איז באלד

# אריינפיר



א גרופע בילגאָרייער יידן בעת דער אָקופּאציע. אין דער ערשטער שורה שטייען: דער פּרעזעס פון יודנראט, חיים מרדכי הערשנהאָרן מיט זיין פרוי, דוד ארביספעלד מיט זיין פרוי גיטעלע. אויף דער ערד זיצן: שלום שטריקנדרייער מיט זיין פרוי ראָשע.

# בילגאָרייער יידן אונטער דער דייטשער הערשאפט

דאָרט געווען דער פרעזעס חיים מרדכי הערשנהרן.

ווען ס־איז אויסגעבראָכן די טפוס עפידעמיע אין בילגאָרייער געטאָ איז ר׳ חיים מרדכי הערשנהרן ארומגעגאנגען פון שטוב צו שטוב און מיט וואָס ער האָט געקאָנט, האָט ער געלינדערט די ליידן פון די קראַנקע. טאקי ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט האט ער זיך אנגעשטעקט מיט פלעק טיפוס אין געשטאָרבן. זיין טויט האָט ביי דער יידישער באפעלקערונג ארויסגערופן א טיפן טרויער און אלע האָבן אים באוויינט ווי א פאטער.

זיין אמט אלס פרעזעס פון יודענראט האָט איבערגענומען הלל יאניווער.

* * *

דעם 3־טן מאי האָט מען פלוצלינג גערופן אין קרימינאל־פאָליציי די מיטגלידער פון יודענראט: שמעון בין און הלל יאנאָווער. דאָס איז געווען אין געסטאפאָ אמט, וועלכער האָט זיך געפינען אין הויז פון קריסטלעכן אינזשיניער בענדקאָווסקי קיינעם איז נישט באוווסט, וואָס די געסטאפאָ האָט געוואָלט פון יודענראט. דאקעגן ווייסט מען, אז ווען זיי זענען אנגעקומען אין געסטאפאָ, האָט זיי דער געסטאפאָ שעף אויפגענומען מיט שרעקלעכע זידלעריי און דראָונגען. א גאנצן טאָג זענען די יידן געווען פארהאלטן אין דער געסטאפאָ, און כאטש מ־איז שוין געווען געוווינט, אז די יידן־ראטלער פלעגן גיין אין דער געסטאפאָ דערליידיקן פארשידענע ענינים, דאָך האָט עס אויסגעוויזן צו זיין פארדעכטיק.

עס ווערט פינצטער. די ציווילע באפעלקערונג איז שוין לאנג פארשווינדן פון די גאסן, ס־האלט שוין ביי 7 פארינאכט, די פאָליציי שעה. די גאסן בלייבן אויסשליסלעך אין רשות פון דייטשע זשאנדארמען. דאָך זענען די קינדער פון די ארעסטירטע נישט אָפגעטרעטן פון פאָליציי און נאָך אלס געווארט. אין דער טונקל האָט דאָס יונגסטע קינד פון אַרעסטירטן הלל יאַניוער באַמערקט, ווי מען פירט ארויס זיין פאטער אין צווייטן ארעסטירטן שמעון בין. מעט האָט די ארעסטירטע געפירט אויף דער וועג וואָס פירט צו דער וווינונג פון שטעטלשן הינט שלעגער. דאָס קינד האָט פונדערווייטן נוכגעשפאנט און געוואָלט זען ווי מען פירט זיי. צוקומענדיק צו די ראפעס איז דאָס קינד שטיין געבליבן: ער האָט געהערט צוויי מאָל אויסשיסן אין ער האָט פארשטאנען אז ער האָט שוין

# בילגאַריי

ניִשט קיין פאטער...

מיט א געוויין איז דאָס קינד געלאָפן א היים און אָנגעזאָגט דער מוטער די טרויריקע בשורה.

אויף צומאָרגנס איז א דעלעגאציע פון יודענראט אוועק צום געסטאפּאָ אַמט נאָך א דערלויבעניש צו ברענגען צו קבר ישראל די צוויי הרוגים. זיי האָבן אָבער קיין דערלויבעניש נישט באקומען. מען האָט זיי נאָר דערלויבט צו מקבר זיין די טויטע אויפן אָרט ווי זיי זענען דערשאָסן געוואָרן.

עס זענען אראָפּגעקומען א צענדליק יידן, אָפּגעזאָגט קדיש און געבראכט די הרוגים צו זייער אייביקער רו.

ווען די דייטשן זענען אריין אין שטאָט, האָט הערש זילבערבערג אָנגעבונדן מיט זיי א קאָנטאקט דורך א דייטשן סוחר, זיינער א באקאנטער נאָך פון פאר דער קריג. ער האָט באקומען פון דער דייטשער מאכט א דערלויבעניש צו פארלייגן ווארשטאטן אויף אויסצואַרבעטן זיפן. ער האָט געגרינדעט עטלעכע אזעלכע ווארשטאטן, ווו עס האָבן געארבעט ביי א 20 יידן. די מענטשן וואָס האָבן געארבעט ביי אים, זענען געווען באפרייט פון צוואנגס ארבעט, דאָס וואָס יעדער ייד אין בילגאָריי האָט געמוזט דורכמאכן!

ער איז ארומגעפאָרן אין אלע גרעסערע שטעט און שטעטלעך, אומגעשטערט צונויפגעקויפט פארשידענע רוישטאָפן און בכלל געפירט מסחרים אויף אברייטן מאסשטאב.

נאָך דעם ווי ס'איז דערשאָסן געוואָרן דער פריערדיקער פרעזעס פון יודנראט הלל יאנאָווער האָט די געסטאפּאָ אים, הערש זילבערבערג, באשטימט פאר א פרעזעס פון יודענראט.

ווען הערש זילבערבערג האָט איבערגענומען דעם אמט אלס פרעזעס פון יודענראט, האָט ער ארויסגעגעבן א באפעל איבערצוזידלען די יידישע באפעלקערונג. בכדי נישט ארויסצורופן קיין איבעריקן חשד ביי די יידן וועגן כאראקטער פון דער איבערזידלונג, האָבן די דייטשן צוגעזאָגט און ארויסגעגעבן א פאראָרדנונג, ארויסצוגעבן צייגנישן, אז די אלע וועלכע ווערן ארויסגעפירט פון בילגאָריי, ווערן איינגעאָרדנט אויף ארבעט קיין אוקריאינע און יעדער פאמיליע וועט באקומען צוגעטיילט א שטיקל ערד אויף צו באארבעטן. דער קאָנטינגענט איז געווען אויף־1500 מענטשן. אויף דעם יודענראט איז ארויפגעלייגט געוואָרן די פליכט

## בילגאָרייער יידן אונטער דער דייטשער הערשאַפט

וואָס שנעלער דורכצופירן. פונקט צו דידאָזיקע ארויסשיקונגען, האָבן זיך פארמעגלעכע יידן אן עצה געגעבן: זיי האָבן איבערגעקויפט דעם יודענראט און ער האָט זיי אוסגעמעקט פון דער אויסזידלונגס ליסטע.

די דייטשן איז געפעלן דידאָזיקע שפיל.: אי זיי וועלן האָבן דעם געהעריקן קאָנטיגענט, אי זיי וועלן נאָך ביי דעם עסק קאָנען גוט פארדינען...

דער יודענראט האָט געגלויבט אין די דייטשע פארזיכערונגען אז מען שיקט די יידן אויף ארבעט קיין אוקרייאינע און האָבן ארויסגעגעבן געלד אויף רייזע־הוצאות און צוגעגעבן די מענטשן מוט צו „פאָרן אויף אוקרייאינע.” ערשט אין די לעצטע מינוטן ווען די יידן זענען זיך צוזאמענגעקומען ביי דער באן־סטאציע האָבן זיך די מיטגלידער פון יודן־ראט פון א געוויסער קוועלע דערוווסט, אז די מענטשן פאָרן נישט קיין „אוקרייאינע”, נאָר קיין בעלזשעץ אין די קרעמאטאָריעס:..

דידאָזיקע אקציע איז געווען דורך די דייטשן צוגעגרייט זייער ראפינירט. מען האָט איינגערעדט דעם עולם, אז דאָרט אין אוקרייאינע וועט יעדער משפחה זיין א בעל הבית איבער אן אייגן שטיקל פעלד... כדי נאָך מער צו מאכן גלויבן אין דעמדאָזיקן צוזאָג, האָבן די דייטשן געהייסן זיך איינצאָלן צו 1500 זל פון א משפחה...

דאָס האָט געהייסן, אז די דייטשן פארקויפן די איבערגעזידלטע יידן שטיקלעך ערד...

לײדער האָט דער יודנראט, ווי אין א סך אנדערע פאלן, זיך נישט געכאפט אויף די ביטרע שטיק פון די דייטשע רוצחים, און האָט אליין ערנסט געגלויבט אין דעם, און דערמיט, מיט די אייגענע הענט, אויסגעליפערט אן עדה יידן פארן פלאם פון די קאלך־אויוונס...

# דאס וואר נאר איין שפאס

23־טער סעפטעמבער 1939. ס־איז נאָך דעמלט קיין געטאָ אין בילגאָריי נישט געווען. די קוימענס פון „בירקענאו" האָבן נאָך מיט קיין רויך נישט געשפיגן, און די טויט־פאַבריקן פון מיידאנעק און „אשוויענטשים" זענען נאָך נישט געווען אין פולן גאנג. אבער שוין דעמלט האָבן די דייטשן אונדז געטריבן צו עבודת־פּרך באַגלייט אונטער א האַגל פון קאָלבעס, שטעקנס און קללות.

צינויפגעפרעסטע ווי א סטאדע מענטשן, וואָס האָבן דערוועקט רחמים און גאַבעכטיקייט, האָבן זיי אונדז געפירט צו די שמוציקסטע ארבעטן, וואָס זענען קיינעם נישט נויטיקט געווען און אונדז פאַרגעשטעלט נאקעטע, מוטלאָז, אויסגעשטעלט צום איזדעווקעווען.

דער פלאַנירטער טעראָר איז געווען צו פארוואנדלען דעם פרייען מענטש אין א „נומער" אָן מענטשן־ווירדע. א „נומער" וואָס יעדער ווידערשטאנדס־געפיל איז אָפּגעטויט אין אים, א „נומער" פון א קנעכט האָט־געארבעט מיט דייטשער פינקטלעכקייט. די שפיל איז געווען שרעקלעך, אומרחמנותדיק, ווי אויסגעטראכט פון א קראנקן מוח.

ס־איז געווען מיטאָג־צייט. דער מיטאָג איז באשטאנען פון קאווע און אנטשטייט ברויט האָט מען געגעבן עפּעס שווארצע, ענלעך צו פארברענטער בלאָטע.

פלוצלינג האָט זיך צו אונדזער גרופע דערנעענטערט א דייטש מיט א ברייטן גוט־מוטיקן שמייכל אויף זיין פנים, גאר נישט ענלעך פאר א דייטש. א יונגער איז ער געווען אפשר 16־15 יאָר, אפשר מער. תחילה האָט ער אונדז באטראכט. נאָר באלד א ווייז געטאָן מיטן פינגער אויף מיר און באפוילן, איך זאָל צוגיין.

איך האָב זיך דערנעענטערט, מיינע געדאנקען זענען פארנעפּלט געוואָרן. דער

* „דאָס וואר נאָר איין שפאס", איז געדרוקט געוואָרן אין „אמר" צו דער צענטער ליקווידאציע פון בילגאָרייער געטאָ.

# דאס זואר נאָר איין שפּאס

אומדערוואַרטער באזוך מיטאָג־צייט האָט מיך א ביסל פאַרווּנדערט, אָבער דאָן האָב איך זיך באַרויקט, ווען איך האָב דערזעען דעם ברייטן שמייכל. איך האָב געמיינט, אז ער וויל מן הסתם רעדן מיט א בחור אין זיינע יאָרן, רעדן, נישט מער...

מיר זענען צוגעגאַנגען צו דער נאָנסטער באַנק. ער האָט אָנגעוויזן מיר אַן אָרט, מיר האָבן זיך אַנידער־געזעצט. פון קעשענע האָט ער אַרויס־גענומען סיגאַרעטן און מיר מכבד געווען. איך האָב אים געדאַנקט. „איך רויכער נישט". ער האָט זיך אַליין פאַרויכערט.

. ווו וווינסטו ? צו לערנסטו זיך ? — האָט ער א פרעג געטאָן, נאָך מינוטן פון שטילשווייגן אין פאַרגעזעצט פרעגן, סתם פראַגעס, און פראַגעס, אָן שום באַדייטונג. אויף אַלץ האָב איך געענטפערט.

פלוצלינג — איך פאַלג נאָך זיין יעדן ריר און באַוועגונג — ער האָט אָפּ־געטרייסלט דאָס אַש פון דער סיגאַרעט, נאָכאיינמאָל א ציע געטאָן, און מיט א שטאַרקער אימפּעטיקער באַוועגונג א וואַרף געטאָן אויף דער פייכטער ערד, און דער סיגאַרעט האָט זיך שנעל אויסגלאָשן מיט א לייכטן זאָפּ.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין פּרצוף האָט זיך אין גאַנצן פאַרענדערט. זיין פריערדיקער שמייכל איז ווי מיט א מעסער אָפּגעשניטן געוואָרן. זיינע בלויע אויגן זענען אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט, און זיין גאַנץ אויסזען איז געווען שרעקלעך, מאַיימדיק. קעגן מיר איז געשטאַנען א מענטש — נישט קיין מענטש, נאָר א צערייצטע חיה, וואָס איז אויף א מאָמענט מגולגל געוואָרן אין מענטשליך געשטאַלט. מיט א בליציקער שנעלקייט האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און ווי א בייסנדיקער הונט א ברום געטאָן „הענדע האָך"! איך האָב זיך דערשראָקן. ס־האָט מיך פאַרשווינדלט אין די אויגן. דאָס בלוט האָט מיר געפּרירט אין די אָדערן, ס־האָט מיר געזשומעט אין די אויערן, געזשומעט. איך האָב געוואָלט שרייען — נישט געקאָנט. דאָס געשריי איז מיר אָפּגעשטאָרבן אויף די ליפּן.

א פּאָר מינוט וואָס האָבן מיר געדאַכט, אַן אייביקייט, בין איך געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט, ווי א גולם, ווי א מענטש וואָס איז שוין אָפּגעשטאָרבן און וואַרט נישט אויף עפּעס אַנדערשט, ווי אויף דעם באַשטעטיקונג פון דעם פאַקט דורכן אפּהילך פונם שאָס.

א בית־הקברות־שטילקייט האָט געהערשט אַרום מיר. די יידן וואָס האָבן

## ב י ל ג אָ ר י י

צוגעזען די גאנצע סצענע זענען פארגליווערט געוואָרן ווי איך, נישט קאָנענדיק ארויסברענגען א וואָרט.

פלוצלינג, כמעט ווי אין חלום, און דאָך אויף דער ווירקלעכקייט, האָב איך אויסגעשאָסן א געלעכטער, א געלעכטער, וואָס האָט זיך אלץ מער געשטארקט ביז עס האָט זיך פארוואנדלט אין א נישט־מענטשלכן אויפברויז. איך האָב געלאכט ביז משוגעת.

עס איז פארביי א מינוט און צוויי — און דער דייטש וואָס איז געשטאנען א קעגן מיר, אַנגעשטעלט דעם רעוואָלווער, האָט אויך אויסגעשאָסן א געלעכטער, אריינגעשטעקט דעם רעוואָלווער אין טאַש, דערנטערט זיך צו מיר און האָט מיר א פאטש געטאָן „פריינטליך״ אין דער פלייצע און שטיל א זאָג געטאָן: „דאס וואר נאָר איין שפאס...!

# חוה פעפער פון טאַרנאָגראַד דערציילט

די שטאָט טאַרנאָגראַד ליגט נישט ווייט פון בילגאָריי. פאַר דער מלחמה האָבן דידאָזיקע צוויי שטעט — בילגאָריי און טאַרנאָגראַד, געבילדעט מיט זיך איין גאַנצקייט אין זין פון האַנדל. די יידן פון דידאָזיקע צוויי שטעטלעך, האָבן צווישן זיך געפירט מסחר, זיך משדך געווען, און בכלל געווען איינע צווישן די אַנדערע גוט באַקאַנט און באַפריינדעט.

וועט דעריבער וויכטיק זיין פאַר אונדז איבערגעבן אַ גבית־עדות פון דער לעבנגעבליבענער טאַרנאָגראַדער פרוי חוה פעפער, וועגן דער לאַגע פון די יידן אין טאַרנאָגראַד בעת די אָקופּאַציע־יאָרן 1940־1942.

„די ערשטע אַקציע אין טאַרנאָגראַד איז פאָרגעקומען אין אַכטן חודש 1942. אין אַ געוויסן פּריוואַט־צונאַכט האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט דעם יידישן „ווינ־פערטל" /אין טאַרנאָגראַד איז קיין אַרומגעצוימטער געטאָ נישט געווען/ און האַלב־נאַקעטע אַרויסגעשלעפּט די מענטשן אויף דער גאַס. מהאָט צונויפגענומען אַן ערך ביי אַ 30 מענטשן און זיי געטריבן אויפן וועג, וואָס פירט קיין בילגאָריי. די דייטשן האָבן פאַרטריבן די מענטשן אין נאָענטן וואַלד — 4 קילאָמעטער פון טאַרנאָגראַד, דאָרט זיי געהייסן אויסגראָבן אַ גרויסן קבר, אין וועלכן זיי וועלן באַלד ווערן באַגראָבן.

ווען דער גרוב איז שוין געווען פאַרטיק, האָט אַן עלטערער דייטש געמאָלדן די יידן, אַז אויב עמיצער וויל עפּעס זאָגן פאַרן טויט, זאָל ער אַרויסגיין פאַר דער ריי.

נישט לאַנג געקלערט, איז פון דער ריי אַרויס דער טאַרנאָגראַדער, טעוועל הערבסמאַן און געווענדעט זיך צו די דייטשן מיט דידאָזיקע ווערטער:

„געדענקט מערדער, אַז מיט אייער רוצחישער פירונג לגבי די יידן, וועט איר די מלחמה נישט געווינען, סוף כל סוף וועט איר האָבן די מפּלה ... סוועלן קומען נקמה־נעמערס, וועלכע וועלן אייך באַצאָלן טאָפּל פאַר דעם גרויסן חורבן, וועלכען איר האָט אָנגעמאַכט אויף דער וועלט. און פאַר אונדז יידן וועט איר

## בילגאַריי

באקומען א באזונדערן פסק־דין. דער טאָג פון משפט איז שוין נאָענט! איר פילט ווי עס שטיקן אייך שוין די הענט פון די נקמה־נעמערס, ווילט איר זיך וואס שנעלער אָנזויגן מיט אומשולדיק יידיש בלוט: טרינקט אייך אָן ביז וואנען איר וועט צעפלאצט ווערן!".

ר׳ טעוול האָט זיך געוואקלט. ער האָט גערעדט ווי פארחלשט, מיט די לעצטע כוחות. דערנאָך האָט ער אויסגעשריגן: „מיינט נישט אז מיר וועלן אייך פאלן צו די פיס, איר זאָלט אונדז דאָס לעבן שענקען! נ ײ ן! דאָס וועט איר ביי אונדז נישט דערלעבן!

דערנאָך האָט זיך, מיט א יאָמערדיקע שטימע, ר׳ טעוול געווענדעט צו די יידן: לאָמיר היינט זיין די לעצטע קרבנות פארן יידישן פאָלק, לאָמיר אינאיינעם היינט שטארבן על קדושת־השם, ווי ספאַסט פאר אמתע יידן.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט א סעריע פון מאשין־געווער און די 30 קדושים זענען אריינגעפאלן אין דעם שוין אויסגעגראָבענעם קבר.

באלד דערנאָך האָבן די דייטשן געבראכט צופירן א גרופע אַרטיקע פאָליאקן און זיי באפוילן צו פארשיטן דעם גרוב. ס׳איז שוין געווען שפעט באנאכט. די דייטשן האָבן שוין געהאט פארלאָזט דאָס וועלדל, ווו זיי האָבן נישט לאנג דערמאָרדעט די 30 יידן. די פאָליאקן, נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אוועק, האָבן אויך פארלאָזט דאָס אָרט און דער קבר איז געבליבן נישט אינגאנצן פארשאָטן.

דאָס בילגאָרייער יינגל שלום האָכמאַן (יהודה מערצערס אייניקל) וועלכער איז אויך געווען צווישן די דרייסיק דערמאָרדעטע, און איז געוואָרן בלויז לייכט פארוווּנדעט, האָט זיך, נאָכן אוועקגיין פון די דייטשן און די פאָליאקן ארויסבאקומען פון צווישן די טויטע און לייכט פארשאָטענעם גרוב:

דאָס יינגל האָט זיך מיט מאטערניש א פארוווּנדעטער צוגשלעפט צו דער שטאָט און אונטער א מיסט־קאסטן זיך אויסבאהאלטן ביז אינדערפרי. דאָרט איז ער אויך אָפּגעלגן דעם גאנצן קומענדיקן טאָג, אויס מורא מען זאָל אים נישט כאפן. באנאכט, איז ער א דערשעפטער געקומען אהיים צו זיין פאמיליע, וועלכע האָט זיך שוין געהאט אויסבאהאלטן אין א פון פריער צוגעגרייטן בונקער. מהאָט דאָס יינגל באלד אריינגענומען אין בונקער, אים פארבאנדאזשירט די ווּנד. טאקע דערזעלבער יינגל שלום האָכמאַן, האָט איבערגעגעבן וואָרט ביי וואָרט די הערויאישע

## חוה פּעפּער פון טאַרנאָגראָד דערציילט

רעדע, וועלכע עס האָט געהאַלטן דער פרומער ייד ר׳ טעוול פאַר זיין גיין פון דער וועלט.

ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אַקציעס אין בילגאָריי — טאַרנאָגראָדער געגנט, זענען דאַן פיל בילגאָרייער יידן געווען אין טאַרנאָגראָד. אלס הויפּט־סעקרעטאַר פון יודענראַט אין טאַרנאָגראָד איז געווען דער בילגאָרייער ייד — קאַנטאָר „דער פּראָשעניע־שרייבער. פון אים טאַקע זענען געקומען די באַפעלן וועגן אויסזידלונג, אויך ער איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער פּינקטלעכן אויספירן.

דעם 20/10 1942 האָט דער יודענראַט באַקומען צוגעשיקט א באַפעל פון די דייטשן, צוצושטעלן א קאָנטיגענט יידן אויף אויסזידלונג. ווי פריער אין בילגאָריי, האָט מען אויך אין טאַרנאָגראָד געוואָלט איינרעדן די יידן, אַז זיי פאָרן קיין אוקראַינע „אויף ערד״. אָבער דעם יודענראַט איז שוין געווען קלאָר, וואָס עס הייסט אַזוינס „אויסזידלונג״ און וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר. דעריבער האָט דער יודענראַט באַשטימט נישט צוצושטעלן צו דער אויסזידלונג קיין איין טאַרנאָגראָדער ייד. דער יודענראַט האָט גוט געוווסט וואָס עס באַדייט אָפּזאָגן זיך פון אויספירן א דייטש באַפעל. זיי זענען אָבער געווען גרייט אויף אַלעס. אבי נישט צוהעלפן מיט די אייגענע הענט פירן זייערע ברידער צו דער שחיטה.

דער גאַנצער יודענראַט האָט זיך אין יענע טעג אויסבאַהאַלטן ווו איינער האָט נאָר געקענט.

# בילגאָריי

(לויט גבית עדות פון ד״ר וואלפשטיין.)

די לעצטע אויסזידלונגס־אקציע פון טארנאָגראָדער יידן איז פאָרגעקומען, גלייך ווי אין בילגאָריי, אין חודש ליסטאָפּאד 1942. צו דערדאָזיקער אנטגילטיקע אויסראָטונגס־אקציע האָבן די דייטשע רוצחים אויסגענוצט אלע זייערע מיטלען פון פאלשקייט און אָפּנארעריי. די דייטשן האָבן דערלויבט די יידן ארויספאָרן אין די נאָענטע דערפער און איינקויפן דאָרט פּראָדוקטן אין וועג אריין. די געסטאפּאָ האָט פאר אלע יידן ארויסגעגעבן באשייניגונגען, אז די יידן מעגן זיך פריי באוועגן און אז קיינער טאָר קיין יידן אין ערגעץ נישט פארהאלטן. כדי נאָך מער צו מאכן די יידן גלויבן אין דער דייטשער „ריטערלעכקייט״, האָבן די דייטשן גלייך אויפן אָרט אינסצעניזירט א פאל, וואָס האָט געדארפט מאכן גלויבן די יידן, אז די דייטשע מאכט נעמט זיך פאר זיי אָן: זיי האָבן ארעסטירט אן אומשולדיקן פּאָליאק, אונטער דער באשולדיקונג, אז ער האָט געוואָלט שאנטאזשירן יידן. מען האָט דעם פּאָליאק עפנטלעך דערשאָסן. דאָס אלץ זענען געווען מיטלען, איבערצייגן די יידן אין די „גוטע כוונות״ פון די דייטשן לגבי דער יידישער באפעלקערונג אין טארנאָגראָד.

דעם 2־טן ליסטאָפּאד 1942 איז פאָרגעקומען די לעצטע מאסן־שחיטה איבער די יידן פון טארנאָגראָד. 2 א זייגער ביינאכט, ווען אלץ האָט נאָך גערוט, האָבן זיך די דייטשן ארומגעשטעלט איבער אלע וועגן וואָס פירן קיין טארנאָגראָד. זיי האָבן ארויסגעטריבן אלע יידן פון די ארומיקע דערפער אין שטאָט אריין, זיי צונויפגעטריבן אויפן שטאָטישן מארק, ווו זיי האָבן שפּעטער דורכגעפירט דעם מאסן־מאָרד.

אויף די דעכער פון די הייזער האָבן די דייטשן אויסגעשטעלט מאשין־געווער און גענומען שיסן אויף די צונויפגעטריבענע יידן אין מארק. דאָס איז געווען בלויז א בלוטיקע פאָרשפּיל צו דער אמתער אקציע, וועלכע האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן. די רוצחים האָבן זיך אריינגעריסן אין די יידישע הייזער און אויסגעמאָרדעט גאנצע משפחות אויפן אָרט. אויסגעשאָסן אלעמען וועמען זיי האָבן נאר געטראָפן, אָן אונטערשייד: קינדער אין וויגן, אָדער זקינים און קראנקע.

דער עדות חוה פעפער דערציילט ווייטער:

אין דעם בונקער ווו איך בין געווען באהאלטן, זענען אויך געווען צוויי פאמיליעס פון בילגאָריי: אריה קאנטאָר און האָכמאן אלי. איך געדענק א פאקט,

## חוה פעפער פון טארנאָגראָד דערציילט

ווען מ'איז געקומען מאַכן די אַקציע אין טאַרנאָגראָד האָב איך זיך באַהאַלטן מיט מיין משפחה און נאָך מענטשן אין אַ בונקער. ווען מען האָט אונדז פאַרגעקומען אין אונדזער בונקער. ווען ווען ווען ווען אז איך דערמאָן זיך אין אים איצט, גייט מיר אדורך א גרויל איבערן לייב: אין בונקער האָבן זיך געפינען 30 יידן. די דייטשן האָבן זיך בעת דער אַקציע געפינען נישט ווייט פון בונקער. אַזוי, אַז די מענטשן וועלכע זענען געזעסן אין בונקער, האָבן מיט טויט־שרעק געהערט די טריט פון די דייטשע סאָלדאַטן.

פלוצלונג האָט דאָס קינד פון דער טאַרנאָגראָדער פרוי סימע גראָסמאַן אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען, די מוטער האָט מורא געהאַט, אַז די דייטשן וועלן דערהערן דאָס געוויין פון קינד און וועלן אַזוי אַרום אַנטדעקן דעם בונקער און געפינען אין אים די אויסבאַהאַלטענע יידן. זעענדיק אָבער, אַז וואָס לענגער זי וואַרט פאַרגרעסערט זיך דעם קינדס געשריי, — אַז זי קאָן נישט באַרואיקן דאָס קינד, האָט זי עס מיט אירע אייגענע הענט דערשטיקט!

די דרייסיק יידן זענען געבליבן אין דער בונקער די גאַנצע דריי טעג פון דער אַקציע.

די דייטשן האָבן זיך גענומען ליקווידירן די בונקערס וווּ יידן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אין איינעם אַזאַ בונקער זענען באַהאַלטן די צוויי טאַרנאָגראָדער פערד־הענדלער־די קוזינען אדלער.

די דייטשן האָבן געפרוווט אָנגרייפן אויפן בונקער. מיט ביקסן־קאָלבעס האָבן זיי דורכגעבראָכן דעם ערשטן אַריינגאַנג. ווייטער האָבן זיי מורא געהאַט אַריינצוגיין. אַ שעה צייט זענען די דייטשן געשטאַנען פאַרן בונקער און גערופן די יידן, זיי זאָלן פון דאָרט אַרויסגיין, פאַרזיכערנדיק, אַז ווער סוועט אַרויסגיין פון בונקער פרייוויליק, וועלן די דייטשן גאָרנישט טאָן.

קיינער האָט זיך פון בונקער נישט אָפּגערופן.

די דייטשן זענען אָבער פון בונקער נישט אָפּגעטראָטן, און ווייטער מיט גוטע רייד אויפגעפאָדערט די יידן, זיי זאָלן פון בונקער אַרויסגיין.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך געעפנט די צווייטע טירל פון בונקער. פון שרעק און איבעראַשונג האָבן די דייטשן זיך צוריקגעצויגן אין הויף אַריין. עס זענען אַרויס פון דאָרט די דערמאָנטע צוויי ברודער אדלער. זיי זענען ביידע געווען באַוואָפנט: דער יינגערע אדלער מיט אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער און אין דעם עלטערנס האַנט האָט געבלאַנקט אַן אָנגעשאַרפטע קצבישע האַק.

ווי דער עלטערער אדלער האָט נאָר באַמערקט נישט ווייט פון זיך אַ דייטשן

מגובל, האָט ער פון דער ווייטנס א לאָז געטאָן אויף אים מיטן גאנצן אימפעט זיין שארפע האק. ער האָט אים געטראָפן אין בויך. דער דייטש איז גלייך אויפן אָרט געפאלן, פארטשיקנדיק זיך אין א קאלוזשע טריפהנעם בלוט.

דער ייד האָט נישט פארזאמט, צוגעלאָפן, געכאפט נאָכאמאָל די מיט בלוט פארשמירטע האק, און מיט זיין שארף צעשפאָלטן דעם קאָפּ פון דייטש אויף צוויי העלפטן.

דער צווייטער קוזין האָט אויסגעשאָסן אין דעם צווייטן דייטש און אים אוועקגעלייגט א טויטן אויפן אָרט.

דאָס ערשטע מאָל האָבן טארנאָגראָדער יידן געזען דאָס טריפהנע דייטשע בלוט, פארגאָסענע פון די הענט פון העלדישע יידישע נקמה-נעמער.

נאָכן אָפּטאָן זייער העלדישן טאַט, זיך באפרייענדיק פון די צוויי הונטישע זון, האָבן די צוויי יידן זיך געלאָזט אין מארק אריין, קלערנדיק, אז זיי וועט געלונגען דורכרייסן דעם קאָרדאָן פון דייטשע זשאנדארמען.

דאָס איז געשען דעם מאָמענט, ווען די דייטשן האָבן שוין געהאט אנטדעקט אייניקע בונקערס, ארויסנעמענדיק פון דאָרט די איבערגעשראָקענע יידן און זיי צונויפגעטריבן אין מיטן מארק.

דערזעענדיק פלוצלונג צוויי באוואָפנטע יידן, האָבן די דייטשן זיך פונאנדערגעוואָרפן אין פארשידענע ריכטונגען און געוואָלט פאר יעדן פרייז פאנגען לעבעדיקערהייט די צוויי באוואָפנטע יידן.

עס האָט זיך צופלאקערט א נישט גלייכער קאמף צווישן די דייטשן און די צוויי יידן. די דייטשן האָבן נישט געשאָסן, זיי האָבן זיי, ווי געזאָגט, געוואָלט נעמען לעבעדיקערהייט. אָבער דאָס איז זיי נישט געלונגען.

זעענדיק, אז לעבעדיקערהייט וועלן די צוויי יידן זיך נישט איבערגעבן אין זייערע הענט, האָבן די דייטשן געעפנט א פייער פון מאשין געוועהר. איין קוזין איז געפאלן פארוואונדעט מיט דער האק אין דער האנט. א דייטש, וועלכער האָט געמיינט אז דער ייד איז שוין טויט, איז צו אים צוגעלאָפן, וועלנדיק ארויסנעמען פון יידנס האנט די האק. אָבער דער פארוואונדעטער האָט מיט די לעצטע כוחות אראָפּגעלאָזט, בעת דער דייטש האָט זיך ארונטערגעבויגן צו אים, די האק איבערן דייטשס קאָפּ און אים אוועקגעלייגט א טויטן.

אין דער מאָמענט האָט דער העלדישער ייד אויסגעהויכט זיין נשמה.

## חוה פעפער פון טארנאָגראָד דערציילט

דער צווייטער אדלער האָט געקעמפט ביז דער לעצטער קויל. נישט איין דייטש איז פון זיין גוט־געצילטן שאָס געפאלן טויט. ער האָט זיך לסוף דורכגעריסן דורכן קאָרדאָן ס.ס.־לייט און דורכן שמאָלן געסל פון וואנען עס פירט א וועג אין וואלד אריין איז ער אנטלאָפן.

די דייטשן האָבן אים נאָכגעיאָגט און נאָכגעשאָסן, אָבער צום גליק האָט אים קיין איין מערדערישע קויל נישט געטראָפן. ער איז גאנץ אָנגעקומען אין וואלד אריין, דאָרט זיך אויסבאהאלטן, און שפעטער זיך פאראייניגט מיט די פארטיזאנער־גרופן וועלכע האָבן אָפערירט אין יענער געגנט, אונטער דער קאָמאנדע פון דעם דערמאָנטן פלק. קאָווּפּאַק.

די אקציע האָט זיך געצויגן א גאנצע וואָך. צוהילף די דייטשן זענען געקומען די אָרטיקע פוילישע כוליגאנעס, וועלכע האָבן געהאָלפן אויסזוכן די בונקערס, ווו די יידן זענען געווען באהאלטן. דידאָזיקע פוילישע כוליגאנעס האָבן, אין זייער שנאה צו די יידן, ארויסגעוויזן נאָך מער רציחה ווי די דייטשן. זיי האָבן אויף זייער אייגענעם געוויסן פילצאָליקע יידישע קרבנות.

דער בונקער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען די פאמיליעס פון די דערמאָנטע בילגאָרייער יידן: אריה קאַנטאָר און אלי האָכמאן, איז אויך אויסגעשפּיאָנירט געוואָרן דורך צוויי אָרטיקע אוקרייאינער: סערקיס און קאָטעק.

אין דאָזיקן בונקער האָבן זיך אויסבאהאלטן, ווי דערמאָנט, בערך א דרייסיק יידישע לעבנס. נאָך דעם ווי די מיטהעלפערס האָבן דעם בונקער אנטדעקט, האָט מען מיט געוואלט פון דאָרט ארויסגעשלעפט אלע יידן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפינען, און אלע אוועקגעפירט אויפן זאמלפונקט אין מארק.

דאָסדאָזיקע אָרט איז געווען באקאנט ווי א זאמל־פונקט פאר צום טויט־פאראורטיילטע טארנאָגראָדער יידן. אויפן דאָזיקן אָרט האָבן די דייטשן אויפן אומברחמנותדיקן אופן אויסגעפירט דעם מאסן־מאָרד איבער דער יידישער באפעלקרונג.

אָפגעזונדערט פון אלע ארויסגעפירטע יידן פון בונקער, האָבן די דייטשן ארויסגעפירט דעם ייד אריה קאַנטאָר מיט זיין פאמיליע, די דייטשע סאדיסטן האָבן זיי באפוילן זיך אויסטאָן נאקעט און לויפן שנעל אונטער שמיץ פון לעדערנע ראפניקעס. אָפגעטון זיי פארשידענע געברענטע צרות. נאָך א האלבע שעה איבערמענטשלעכע יסורים, זיי דערשאָסן אויפן מארק.

# בילגאָריי

באלד איז אונטערגעפאָרן א וואָגן, צוגענומען די נאָך וואָרעמע לייבער פון די קדושים און זיי' ערגעץ אָפּגעפירט. דער גאַנצער וועג פון טאַרנאָגראָד, רוזשאַנאָוו /די ריכטונג צו בילגאָריי/ איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט פון די יידישע מארטירער.

די צוויי אוקרייאינישע מוסרים סערקיס און קאָטעק,ביידע שטענדיקע איינוווינער פון טאַרנאָגראָד האָבן נישט גערוט. זיי האָבן אויסגעשמעקט און אנטדעקט איין בונקער נאָך דעם אנדערן. דער באנדיט סערקיס האָט אָנגעטראָפן אויף זיינע באקאנטע יידן, ביי וועלכע ער פלעגט שטענדיק קויפן אויף באָרג און מערסטנטייל נישט באצאָלט. די יידן האָבן אים, ווי א באקאנטן, געבעטן מיט ביטערע טרערן אין די אויגן, ער זאָל זיי שענקען דאָס לעבן און זיי נישט פירן אויף דער געסטאפּאָ, ווייל דאָרט איז דאָך א זיכערער טויט. ער האָט פון די יידנס געבעטן און געוויינען ציניש זיך אויסגעלאכט, זאָגנדיק דערביי: „אָט דאָס וויל איך דאָך טאקע! איך וואַרט שוין אויף דער געלעגנהייט פון יאָרן לאנג"!

און ווען די בונקערס זענען שוין געווען אויסגעליידיקט פון די יידן, און דאָס פאַרגאָסענע יידיש בלוט האָט נאָך וואַרעם געברויזט אויף די ברוק־שטיינער אין מארק, האָבן די צוויי „ליבע ארישע שכנים" זיך א לאָז געטאָן אין די בונקערס, ווי די שאקאלן, און גענומען דאָרט זוכן יידישע אוצרות.

און אלץ איז פאַר די היענעס געווען א מציאה: קליידער, קיך־טעפּלעך און אפילו אַן אלטע איינשיט פון א צעריסן איבערבעט. די קדושים זענען געגאַנגען אין קבר אָן קרובים — ווער עס זאָל זייער טויט באוויינען — זיי, די „פיינע לייט" זענען געקומען אין די בונקערס נאָך ירושה...

דער באנדיט סערקיס איז פאַר דעם קריג געווען א שטענדיקער קונה פון דער פרוי, דער איצטיקער לעבנגעבליבענער עד־ראיה חוה פעפער, וועלכע האָט געהאַט א געוועלבל אין טאַרנאָגראָד. דער באנדיט האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון בונקער, וועלכער האָט זיך געפינען אין הויז, אפילו דאַן ווען די יידן פון דאָרטיקן בונקער זענען שוין אלע געווען ארויסגעפירט און דערמאָרדעט.

ער האָט פעסט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז דאָך געפינען די יידישע פרוי חוה פעפער, וועלכע מוז זיין אין דעם הויז באהאַלטן.

די דייטשן האָבן שוין געוואָלט אוועקגיין פון דעם בונקער, באַשליסנדיק אַז

## חוה פעפער פון מארנאָגראָד דערציילט

דאָ וועלן זיי שוין קיין יידן נישט געפינען. סערקיס האָט אָבער געשריגן און געשאָלטן מיט קללות, אז מען מוז זי דאָ ערגעץ געפינען, ווייל זי האָט א סך פוילישע פריינט, וועלכע וועלן זי זיכער אויסבאהאלטן.

די פרוי חוה פעפער דערציילט אליין וועגן דעם אזוי:

„איך בין געלעגן אויף דער ערד, אין דער ברייט פון אונטער די צוויי בעטן, וועלכע זענען געשטאנען אין צימער. די דייטשן און דער אוקרייאינישער באנדיט סערקיס, האָבן זיך דעם קאָפּ געבראָכן מיך אויסצוגעפינען. זיי האָבן געקוקט און געזוכט אין יעדע שפארע און ווינקל, אין אלע מעגלעכע ערטער ווו איך האָב זיך געקענט באהאלטן. פלוצלונג האָבן זיי באמערקט אז די קישן צוקאָפּנס אויפן בעט איז עפּעס צו הויך. מיינענדיק אז איך ליג אין בעט פארבעט מיט בעטגעוואנד, האָט א דייטש אויסגעשאָסן אין בעט גלייך אין קישן אריין. די שטוב איז פול געוואָרן מיט פליענדיקע פעדערן. אָבער מיר האָבן זיי נישט געפינען. איך בין געווען אונטערן בעט. איינגעהאלטן דעם אָטעם, און הארץ־ציטערניש האָב איך זיך נישט גערירט פון ארט.

די רוצחים האָבן פון כעס צעבראָכן דאָס בעט וועלכע איז מיט א שטארקן טראסק איינגעפאלן אויף מיר. דאָס האָט מיך געראטעוועט פון טויט.

„רעזיגנירנדיק פון ווייטערדיקן זוכן, זענען די דייטשע הענקער מיטן אוקרייאינישן באנדיט סערקיס ארויס פון דער שטוב.“

ווען די דייטשן זענען אוועק, איז די פרוי פעפער ארויס פון איר באהעלטעניש און זיך אראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ אויפן הויף. צו איר גרויסער איבערראשונג האָט זי באמערקט איר ברודער, שטייענדיק באהאלטן אונטערן טויער. זי איז צו אים צוגעפאלן מיט א געוויין. אויפן אָרט האָבן זיי ביידע באשלאָסן שנעל פון דאנען אוועק צו באקאנטע פּאָליאקן, וועלכע וועלן זיי זיכער אויסבאהאלטן.

פלוצלונג האָבן זיך דערהערט שווערע זעלנערישע טריט. דער ברודער האָט

## ב י ל ג אָ ר י י

זיך שנעל צוריקגעצויגן אין טויער אריין און די פרוי פעפער איז אין איילעניש אריינגעלאָפן אין א צווייטער גאס.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע מאָל, וואָס די פרוי פעפער האָט געזעען איר ברודער.

באקאנטע פאָליאקן, ביי וועלכע די פרוי פעפער האָט זיך אויסבאהאלטן דריי וואָכן, האָבן איר דערציילט, אז מען האָט געטראָפן איר ברודער א פארסמטן ביי זיך אין קאָרידאָר, נאָך אין דעם זעלבן טאָג פון זייער צושיידן זיך.

נאָכן אָפזיין דריי וואָכן ביי באקאנטע פאָליאקן, איז די פרוי פעפער דעם 25־טן נאוועמבער 1942 אַנטלאָפן אין וואלד אריין. א זייגער 5 פארנאכט איז זי אָנגעקומען אויף דעם וועג וואָס פירט קיין טשעפליץ. פלוצלונג איז איר אנטקעגנגעקומען א יונגער אכצן יעריקער פוילישער בחור. א דערשראָקענע האָט זי זיך אָנגעהויבן צוריקצוציען, מוראָ־האָבנדיק, אז דער פאָליאק זאָל זי נישט כאפן און ארויסגעבן די דייטשן. דער בחור אָבער איז צו איר צוגעגאנגען נענטער און זי בארואיקט, זיך פאָרגעשטעלט אז ער הייסט פראנטשישעק טשאפעק און איר פארזיכערט, אז פון זיין האנט וועט איר קיין שום שלעכטס נישט געשען.

ער האָט איר דערציילט, אז אויך ער באהאלט זיך אויס פאר די דייטשן ביי זיינס א שוועסטער, וועלכע וווינט נישט ווייט פון וואלד. דער פוילישער בחור האָט די יידישע פרוי אריינגעפירט צו זיין שוועסטער אין סטאָדאָלע. דאָרט איז די פרוי געווען באהאלטן דריי מעת־לעת. אלע פארנאכט האָט דער בחור ארייננדערלאנגט פאר דער פרוי ברויט מיט וואסער, קיין בעסערס צו עסן האָט ער פאר זיך אליין נישט געהאט. דעם בחורס שוועסטער האָט אפילו נישט געוווסט, אז עימיצער באהאלט זיך אויס ביי איר אין סטאָדאָלע.

ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, האָט דערדאָזיקער יונגער פאָליאק מיטגעארבעט ביט דער פוילישער פארטיזאנער־אָפטיילונג. ער פלעגט אָפט איבערשמוגלען געווער פאר די פארטיזאנער אין וואלד אריין.

אין דריי טעג שפעטער האָבן זיי זיך, דער יונגער פאליאק און די יידישע פרוי, געלאָזט אין וועג אריין. זיי האָבן זיך געלאָזט צו דער טעריטאָריע פון „גענעראל־גווורנעמענט" /צענטראל־פוילן/אריבער דער גרענעץ.

דער יונגער אידעלער פאָליאק האָט די פרוי אויסבאהאלטן ביי זיך אין דערהיים. נאָך צוויי וואָכן, זיין ביי אים, האָט ער איר איבערגעגעבן צו זיינס א באקאנטן גלח אין קלויסטער, וועלכער האָט זי אויסבאהאלטן ביז צו איר באפרייאנג.

# בילגאַרייער יידן אין די פּאַרטיזאַנישע מחנות

... מיר פאַלגן נאָך די געשעענישן פון דעם אומגליק איבער אונדזערע ברידער און שוועסטער לויט גבית־עדות פון די איינצעלנע לעבנגעבליבענע.

דער בילגאָרייער תושב חיים מרדכי (איין אייניקל פון ה׳ יענקעלע מעכל מילנערס) שלייכער, הייבט אָן זיין דערציילונג פון יאָר 1939.

אין די ערשטע טעג פון פויליש־דייטשן קריג, האָט דער עדות געלעבט אין דער היט, נעבן בילגאָריי. דאָרט האָבן געלעבט נאָך אייניקע יידישע פאַמיליעס פון בילגאָריי, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט נאָך פון פאַר דער קריג. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָבן זיך דאָרט באַזעצט פיל פּליטים פון די גאַליצישע קאַנטן, וועלכע זענען צו יענער צייט אָנגעקומען און זיך באַזעצט אין די דערפער ארום בילגאָריי.

„אין איינעם א שבתדיקן טאָג — דערציילט שלייכער, האָט מען אלע יידן פון דעם דערפל צונויפגעטריבן אויף אַרבעט. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין בויען א שאָסיי קיין בילגאָריי. צוזאַמען מיט מיר האָט געאַרבעט מיין קוזין מרדכי קלמן פון בילגאָריי.

מרדכי קלמן איז געווען א שוואַכער, איינגעהויקערטער ייד. ווען די דייטשן האָבן אים באַמערקט, האָבן זיי אין אים דערזעען אַן אַנטשפּרעכנדיקן אָביעקט פאַר זייער חוזק. זיי האָבן באַפוילן פיר קריסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט צוזאַמען מיט די יידן, אַז זיי זאָלן נעמען א גרויסן שווערן קלאָץ, וועלכער איז געלעגן נישט ווייט פון זיי און אויפלייגן אויף דער שוואַכן יידנס אַקסל, און יענער זאָל אים אָפּטראָגן א געוויסן שטח. דער דייטש האָט געהאַלטן דעם ייד ביים קאָלנער, ער זאָל חס־וחלילה נישט „אַנטלויפן״ מיט דעם שווערן קלאָץ...

די פיר קריסטן, האָבן דעם שווערן קלאָץ אַרויפגעלייגט אויפן יידנס אַקסל. א דערדריקטער פון דער שווערער משא, איז דער ייד, א פאַרחלשטער געפאַלן

צו דער ערד. אין ווילדער רציחה האָבן די דייטשע רוצחים גענומען שלאָגן אוממענטשלעך דעם יידן. פון די קלעפּ איז דער ייד געוואָרן א ביסל אויפגעמונטערט און האָט זיך צוריק־געשטעלט אויף די פיס. זעענדיק, אז דער ייד קאָן נאָך שטיין אויף די פיס, קאָן ער דאָך אויסהאַלטן קלעפּ, האָבן די סאַדיסטן אים ווידער שטארק געשלאָגן און באַפוילן אים זיך אומקערן צוריק צו דער ארבעט. א צעבלוטיקטער, מיט פארשוואָלענע אויגן פון קלעפּ, האָט זיך דער ייד צוריקגעקערט צו דער שווערער ארבעט פון שלעפּן קלעצער צו בויען דעם הילצערנעם שאָסיי, וועלכער האָט געדארפט פירן פון קרעשעוו קיין בילגאָריי.

אין א פּאָר טעג ארום — דערציילט שלייכער — בין איך, צוזאַמען מיט נאָך יידן פון בילגאָריי אריינגעפאַלן אין א דייטשע „לאַפּאַנקע" /כאַפּן אויף ארבעט/. מ'האָט אונדז אָפּגעפירט אויף ארבעט, צו פארענדיקן בויען א פיר־שטאָקיק הויז אין איליאַנאָוו.

מיט מיר צוזאַמען האָט געארבעט אן עלטערער חסידישער ייד. דערזעענדיק א לאַנג־געקליידיטן יידן, מיט א געקרייזלטער שווארצער באָרד, האָט זיך דער דייטש, וועלכער איז געווען איבער אונדז דער אויפזעער, שטארק דערפרייט. ער וועט דאָ האָבן א געלעגנהייט איינצואָרדענען א ספּעקטאַקל איבער א „ווירקלעכן יודע". ער האָט אליין מיט די אייגענע הענט ארויפגעלייגט דעם יידן אויף די פּלייצעס א גרויסע משא ציגל און אים באַפוילן ער זאָל עס טראָגן אויפן פערטן שטאָק ארויף. דער ייד האָט זיך דעמאָטערט צו שטעלן א פוס אונטער דער שווערער משא. מיט די לעצטע כוחות איז ער מיט די ציגל דערקראָכן ביזן צווייטן־שטאָק און דאָרט א פאַל געטאָן, צעשיטנדיק די ציגל איבער אלע טרעפּ. דער דייטש איז מלא רציחה צוגעשפּרונגען צו דעם דערשעפּטן יידן און איז באַפוילן שטיין בלייבן.

קאַלטבלוטיק, ווי א געבוירענער גזלן, האָט דער דייטשער סאַדיסט ארויסגענומען פון קעשענע א צינד־מאַשינקע און אונטערגעצונדן דעם יידן די באָרד. דער אומגליקלעכער ייד האָט פון ווייטיק גענומען שרייען, זיך כאַפּנדיק פארן ברענענדיקן געזיכט. דער דייטשער רוצח האָט אָבער נישט געלאָזט ביים יידן אָפּלעשן דעם פלאַם, שלאָגנדיק אים איבער די הענט.

דאָסדאָזיקע שרעקלעכע בילד—דערציילט שלייכער—האָט אויף מיר געמאַכט א דערדריקנדיקן איינדרוק. איך האָב באַלד איינגעזען אויף וואָס די מערדער

# בילגאָרייער יידן אין פּארטיזאנישע מחנות

זענען פעאיק און באשלאָסן פאר יעדן פרייז פונדאנען צו אנטלויפן.

נאָך דעם זעלבן טאָג, בין איך, נישט באמערקט פון קיינעם, אנטלאָפן. איך בין אנטלאָפן צו מיר אין דער היים קיין היט. בין איך טאקע אין קורצן ווידער אריינגעפאלי צו די מערדער אין די הענט און אוועקגשיקט געוואָרן אויף ארבעט קיין טשאָסמע נעבן בילגאָריי, ביי אראָפּלאָזן זשיוויצע פון די בוימער.

געארבעט האָבן מיר דאָרט ווי די בהמות אָן קיין שום באצאָלט. און נאָך פיל ערגער ווי די בהמות, ווייל פאר די בהמות זאָרגט כאָטש דער באלעבאָס זיי זאָלן זיין זאט, און מיר האָבן אליין געדארפט זאָרגן וועגן עסן פאר זיך.

יידיש לעבן איז געוואָרן וואָס א מאָל מער הפקר. מען האָט די יידן גענומען צו דער ארבעט פונקט ווי די פערד, נישט רעכענענדיק זיך מיט קיין שום זאך. מען האָט געפלעגט אָפּארבעטן עטלעכע טעג אויף אן אָרט, איז געקומען א דייטש, וועלכער האָט אָן א פארוואָס זיך אויסגעקליבן עטלעכע יידישע שקלאפן און זיי אוועקגעשלעפּט אויף אן אנדער ארבעט אין אן אנדער געגנט.

אזוי איז צו מיר צוגעקומען א גראנאטאָווער פּאָליציאנט /פון דער אָרטיקער פולישער פּאָליציי/ און מיר באפוילן, איך זאָל מיט מיינע צוויי ברידער זיך צושטעלן צו דער ארבעט ביים פּאָליציי־פּאָסטערונעק.

שטייענדיק ביי דער ארבעט,—מען האָט דעמלט געזעגט האָלץ—איז מיטאמאָל פארפאָרן א שליטן מיט עטלעכע ציווילע דייטשן. ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן שפּעטער, זענען עס געווען אָנפירער פון דער „פארניכטונגס־קאָמאנדע". ווען זיי האָבן דערזען אויף אונדזערע פּלייצעס געלע לאטעס, זענען זיי צוגעגאנגען צום פּאָליציאנט און זיך אויסגעפרעגט ווי מיר פירן אויס אונדזער ארבעט. דער פּאָליציאנט האָט אונדז שטארק געלויבט זאָגנדיק אויף אונדז, אז מיר זענען די בעסטע ארבעטער פון דאָרף. די דייטשן האָבן אויפמערקזאם אלץ אויסגעהערט און אריין אויפן פּאָסטערונעק.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט מען מיך ארייגערופן אין פּאָליציי־צירקל. דאָרט זענען געווען פיל מונדירטע ס.ס.־לייט. דער אָנפירער זייערער האָט מיר באפוילן, אז איך זאָל גיין און רופן א הערצו מיין פעטער פישביין. צוליב וואָס זיי דארפן מיין פעטער האָב איך נישט פארשטאנען, נאָר איך בין געוואָרן אומרואיק, ווייל איך האָב שוין געוווסט, וואָס מען קאָן דערווארטן פון די דייטשע תלינים. דער עלטסטער האָט מיר פארזיכערט אז דעם פעטער וועט גאָרנישט

געשען, ער דארף נאָר מיט אים וועגן עפעס אַן ענין רעדן און מיך ארויסגעשטיפט פון צירקל.

ווען איך האָב מיין פעטער איבערגעגעבן, אז ער ווערט גערופן איז פּאָליציי־אמט אריין, האָט ער נישט פארשטאנען וואָס מען וויל פון אים. נאָר גיין מוז מען דאָך, האָט ער געבעטן ביים ווייב עפּעס אָנצוטאָן, ווייל אין דרויסן איז געווען שטארק קאַלט, און איז מיט מיר גלייך אוועק אין פּאָליציי־אמט.

ווען די ס.ס.־לייט האָבן דערזען פישביינען, האָט איינער פון זיי זיך צוגערוקט נעענטער צו אים, און אנטקעגן א מינוט 3 געקוקט אים גלייך און אָנגעשטרענגט אין די אויגן. לסוף האָט דער דייטש מיין פעטער אראָפּגעלאָזט אזא שטאַרקן פּאַטש אז מיין פעטער איז גלייך געפאַלן אויף דער ערד. ווען איך בין צוגעפאַלן צום פעטער און אים געוואָלט אויפהייבן פון דער ערד. האָבן מיך צוויי דייטשן א נעם געטאָן און ארויסגעוואָרפן אויף דער גאַס.

סאיז ארויסגעקומען דער פּאָליציאַנט סאַגא און האָט מיר באַפוילן אין נאָמען פון די דייטשן, איך זאָל גיין אין בעדנארסקיס שענק און ברענגען פון דאָרט צוויי ליטער בראָנפן מיט צובייסן. גייענדיק פון שענק, בין איך אריין צו מיין באַקאַנטן קריסט קאַלינסקי נאָך גלעזלעך. יענער האָט מיר איבערגעגעבן, אז איך האָב זיך נישט נאָך וואָס צו אַליין גיין צוריק, ווייל מיין פעטער פישביין האָבן די דייטשן מיט א פּאָר מינוט פריער דערשאָסן, און אים ארויסגעוואָרפן אויפן קאַסטן־מיסט.

איך בין באַלד אוועק צום פּאָסטערונעק און געזען ליגן מיין פעטער א טויטן.

מיין יונגערע ברודער גדליה איז געשטאַנען און צונויפגעשאַרט דאָס בלוט פון אונדזער דערמאָרדעטן פעטער. דער ברודער האָט מיר דערציילט, אז איידער די דייטשן האָבן דעם פעטער דערשאָסן, האָבן זיי אים מיט מעסערס צעשטאָכן, אז דאָס בלוט האָט פון אים גערונען איבערן גאַנצן הויף.

דאָס בראָנפן וואָס איך האָב געבראַכט האָב איך אריינגעשליידערט אין א קאַנאַל און איך מיט מיין ברודער זענען באַלד אנטלאָפן פון פּאָסטערונעק און דורך פינצטערע געסלעך אוועק אין דער ריכטונג פון דעם דאָרף מאַזשארע.

אונדזער עלטערער ברודער האָט נאָך פון פריער באַוויזן צו אנטלויפן אין וואַלד אריין. אין וואַלד האָבן מיר זיך אַלע דריי געטראָפן. דאָרט האָבן מיר צופעליג געטראָפן א באַקאַנטן פּאָליאַק מיטן נאָמען פּאַץ פראַנטשישעק. ער

## בילגאַרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

פלעגט אונדז ברענגען אין וואלד אריין עסן און וויכטיקע נייעס. פון דעם דאָזיקן פּאַליאַק האָבן מיר זיך אויך דערוווסט די סיבה פאַרוואָס די דייטשן האָבן דערשאָסן אונדזער פעטער. לויט ווי דער פּאַליאַק פּאַץ האָט אונדז איבערגעגעבן, איז דאָס געווען א רעזולטאַט פון א מסירה פון א געוויסן פּוילישן באַנדיט /אַן ארבעטער פון דער גמינע אין דער היט/.

... איינמאָל האָט דער פּאַליאַק (זיין נאָמען געדענק איך נישט) צונויפגעשטעלט א ליסטע פון פּאַליאַקן און יידן, וועלכע האָבן געאַרבעט קעגן דייטש. צווישן אלע האָט ביי אים פיגורירט אויך מיין פעטער פישביין. אלע פּאַליאַקן וועלכע דער אויסוווּרף האָט פאַרמסרט זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דעם זעלבן טאָג וואָס מיין פעטער. אים האָבן די דייטשן פאַרגעוואָרפן, אז ער זאָל האָבן אויפגעהאַנגען א רויטע פאָן, ווען די באָלשעוויקעס זענען אריין אין דאָרף.

אין עטלעכע טעג ארום, האָט אונדז דער פּאַליאַק פּאַץ איבערגעגעבן, אז די ס.ס.-לייט, נאָכן אויספירן איניקע מאָרדן, זענען אוועק פון דאָרף, און אז מיר קאָנען זיך צוריק אומקערן אהיים.

... דעם 5־טן חודש 1942 איז פאַרגעקומען די גענעראַלע אויסזידלונג פון אלע שטעטלעך און דערפער ארום בילגאָריי, ־קיין בילגאָריי. צו אונדז אין וואלד זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן שוידערלעכע רציחות וועלכע די דייטשע רוצחים באַגייען איבער דער יידישער באַפעלקרונג. מען האָט אונדז דערציילט, וויאַזוי עס איז אומגעקומען אין בילגאָריי אונדזער קוזין מרדכי רענער. די דייטשן האָבן אים לעבעדיקערהייט געשטאָכן מיט באַגנעטן, ווייל ער האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט בעת דער אויסזידלונג. מיר האָבן באַשלאָסן נישט צוריקקערן זיך אין שטאָט און נישט לאָזן זיך איבערזידלען.

מיר זענען געווען אין וואלד אליין. אמת, עס האָבן זיך שוין דאַן געפונען אין די וועלדער סאָוויעטישע און פּוילישע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילונגען, נאָר ליידער, מיר האָבן פון זיי נישט געוווּסט. איידער די ליקווידאַציע האָט זיך אָנגעהויבן זענען פאַרפאָרן ס.ס.-לייט צום סאָלטיס און פון אים געפאָדערט, ער זאָל צושטעלן

**ב י ל ג אָ ר י י**



חיה גרינבוים, געפאלן ביים
באָמבארדירן לענינגראד אין די
רייען פון דער רויטער ארמיי.

## בילגאַרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

א געניע רשימה פון די יידישע אײנוווינער. דער סאָלטיס האָט די דייטשן אויפגענומען מיט א גלעזל בראַנפן, זיי איבערגעלאָזט שכורן און אליין געגאַנגען צו זיין שוואָגער פראַנטשישעק און אים דערציילט נאָך וואָס די דייטשן זענען צו אים געקומען. צופעליק האָט דעם געשפּרעך בייגעוווינט מיין קליין 5 יעריק־שוועסטערל, וועלכע האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער פון דערמאָנטן פראַנטשישעק. זי איז באַלד געלאָפן א היים און איבערגעגעבן מיינע עלטערן די ידיעה וועגן אומגליק, וואָס גרייט זיך אויף די יידן.

דעמלט האָט מיין גאַנצע פאַמיליע פאַרלאָזן דאָס דאָרף און זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד.

די דייטשן האָבן זיך גענומען צו דער אויסזידלונג. דאָרט ווו זיי האָבן נישט געטראָפן קיין יידן, האָבן זיי אין ווילדער רציחה צעבראָכן טיר און פענצטער און אָנגעהויבן ראַבירן וואָס עס איז געפאַלן אונטער דער האַנט.

פאַר דער ליקווידאַציע פון די יידן אין בילגאָריי, זענען געווען פאַלן, ווען רוסישע געפאַנגענע, אַנטלאָפענע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פלעגן קומען צו די יידן אין שטוב, שפּעט באַנאַכט און געבעטן הילף. זיי פלעגן העפלעך איבערבעטן וואָס זיי שטערן און געבעטן עפּעס עסן. די יידן פלעגן זיי אין געהיים העלפן מיט עסן, און געשאַפן פאַר זיי ציווילע קליידער, אַנשטאָט זייערע מיליטערישע מונדירן. פון דיזאָזיקע אַנטלאָפענע קריגס־געפאַנגענע האָבן זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די באַרימטע העלדישע פאַרטיזאַנער־גרופן, וועלכע האָבן געקעמפט מיטן דייטש אין בילגאָרייער געגנט.

דאַגעגן די אוקראַאינער פון דאָרף האָבן צו זיך אין שטוב אריין קיין סאָוועטישן מענטש נישט אריינגעלאָזט. און געווען זענען אפילו פאַלן, ווען זיי האָבן אַזא איינעם אפילו דערמאָרדעט אויפן אָרט.

פּיעטער, דער סאָלטיס, האָט זיך דערוווּסט, אַז די יידן האָבן באַציאונגען מיט די רוסן, האָט ער זיי געדראָט, אַז ער וועט וועגן דעם מעלדן דער געסטאַפּאָ. די יידן האָבן מורא געהאַט זיך צו טרעפן מיט די רוסן באַטאָג. זיי פלעגן זיך טרעפן נאָר אין די פינצטערע נעכט.

שפּעטער מיט א צייט האָבן די פאַרטיזאַנער ארויסגעגעבן אויפן סאָלטיס א טויט־אורטייל. ער איז אָבער, פאַרן אויספירן איבער אים דעם אורטייל, געשטאָרבן מיט א נאַטירלעכן טויט.

# בילגאַריי

מיר האָבן דאַן געפּרוּווט אָרגאַניזירן — דערציילט וויִטער שלייכער — קליינע פּאַרטיזאַנער־גרופּן פון 6 מאַן. עס איז אָבער שווער אָנגעקומען דאָס דורכצופירן: מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער און אויך קיין געלט פּאַרוואָס עס צו קויפן, אויך אין עסן איז געווען ביי אונדז א מאנגל. שפּעטער מיט א צייט, האָבן די רוסישע געפאַנגענע זיך פאַרבונדן מיט א סוויך־עקסיסטירנדיק פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד און זיי האָבן אָרגאַניזירט א גרופּע פון 27 מאַן, אין/דעם 8 יידן, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין יענע וועלדער.

---

קיין גרעסערע אָנפאַלן אויף דייטשע פאָסטנס האָבן מיר פון אָנהייב נאָך נישט דורכגעפירט. מיר האָבן אָבער דורכגעפירט א ריי אָנפאַלן אויף פאָלקס־דייטשן, וועלכע האָבן געוווינט אין דאָרף. און אויף אזא אופן באַזאָרגט מיט עסן דעם אָטריאַד.

די ערשטע ביקס האָב איך געפינען צופעליק אונטער א בוים. ביי די רוסישע חברים איז געווען איין רעוואָלווער.

איינמאָל באַנאַכט, זענען 3 רוסישע חברים געגאַנגען אין דאָרף גאָזדאַ נאָך עסן. זיי זענען אריינגעגאַנגען צו דעם פּויער קאַראָל שטשעניסלאַוו און אים געבעטן, ער זאָל געבן זיי עפּעס עסנוואַרג פאַר די פּאַרטיזאַנער. דער פּויער גאָרנישט קלערנדיק, איז ארויסגעלאָפן אויף דער גאַס און אויפגעהויבן א שרעקלעכן אלאַרם. באַלד איז אָנגעלאָפן דער סאָלטיס מיט נאָך פיל פּויערים. באַוואָפנטע מיט העק, ווידלעס און קאָסעס האָבן זיי גענומען נאָכיאָגן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן שוין געזען וואָס עס גרייט זיך אויף זיי.

אומבאַוואָפנטע, מידע און הונגעריקע, זענען די דריי פּאַרטיזאַנער אריינגעפאַלן צו די צעווילדעטע פּויערים אין די הענט... איין פּאַרטיזאַן איז אויפן אָרט צעשניטן געוואָרן מיט די קאָסעס פון די ווילדע כוליגאַנעס. די איבעריקע צוויי פּאַרטיזאַנער האָבן די באַנדיטן צוגעבונדן צו א ברישקע, זיי געפירט צו דער געסטאַפּאָ קיין בילגאָריי.

20 קילאָמעטער האָבן זיך געשלעפּט די גופים פון די פּאַרטיזאַנער. און ווען

## בילגאָרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

די בריטשקע איז פאַרפאָרן אין בילגאָריי אויפן הויף פון דער געסטאַפּאָ. האָבן שוין די צעבלוטיקטע גופים נישט ארויסגעוויזן קיין סמנים פון לעבן.

אין יענער צייט, האָבן מיינע עלטערן, בעת דער ליקווידאַציע אין אוליאַנאָוו, זיך געלאָזט פון דאָרט צוריק א היים קיין היט. ווען זיי זענען אָנגעקומען צו אונדזער הויז, האָבן זיי שוין געטראָפן די טיר פאַרבלאָמבירט. די נאַכט האָבן זיי איבערגענעכטיקט אויף דער גאַס נעבן זייער הויז.

מיר זענען דעמלט געווען אין וואַלד. און כאָטש די מוטער האָט געוווסט אז מיר האָבן אין וואַלד א בונקער, האָט זי אין דער פינצטער נישט געקאָנט זיך לאָזן גיין אהינצו.

דיזעלבע נאַכט בין איך געגאַנגען אין דעם נאָענטן דאָרף מאָזשאַרניע. דורכגייענדיק אונדזער הויז, האָב איך פלוצלונג דערהערט דאָס געוויין פון א קליין קינד. איך בין שנעל צוגעלאָפן און געטראָפן דאָרט זיצן אויף דער שוועל מיינע אייגענע. נאָך די אייגענע נאַכט, האָב איך זיי אַלע מיטגענומען מיט זיך אין וואַלד אריין.

מיינע עלטערן איז אָבער זייער שווער געווען צו זיין אין וואַלד. דער הונגער האָט שטאַרק געמאַטערט און צו עסן איז נישט געווען וואָס. נאָך דריי טעג זיין אין וואַלד, אויסגעהונגערטע, זענען מיינע עלטערן און שוועסטער ארויס פונם וואַלד און זיך געלאָזט צופוס קיין קרעשעוו.

מיר דאַגעגן זענען ווייטער פאַרבליבן אין וואַלד.

עס האָבן אָנגעהויבן צו קומען אין וואַלד אריין גרעסערע גרופּעס רוסישע סאָלדאַטן, אנטלאָפענע פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. מיר האָבן זיי איבערגעגעבן באַריכטן וועגן דעם געגנט, ווו מען קאָן אריינגיין און ווו נישט. מיר האָבן זיך אויך געטיילט מיטן עסן, וואָס באַקאַנטע קריסטן האָבן אונדז געבראַכט אין וואַלד אריין.

קורץ נאָך זייער אָנקומען אין וואַלד, האָבן זיך די רוסן אָרגאַניזירט אין א שטאַרקן פּאַרטיזאַנישן אָפּטייל, וועלכער האָט אָנגעטאָן געברענטע צרות די דייטשן און זייערע מיטהעלפער.

אין דערזעלבער צייט האָבן זיך א סך יידן אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער און ביי פּוילישע פּויערים. אויך מיין פעטער עלבוים האָט זיך אויסבאַהאַלטן, צורעשט ביי א פּויער און דערנאָך געקומען צו אונדז אין וואַלד אריין. דער פעטער האָט

# ב י ל ג אָ ר י י

מיר דערציילט, אז ער, מיט זיין פרוי און קינדער זענען געווען אויסבהאלטן ביי א פויער. דעם פויערס פרוי איז דאן קראנק געוואָרן אויף א פלעק־טיפוס און עס איז נישט געווען קיין געלט צו רופן א דאָקטאר. דער פויער האָט זיך דעמלט געווענדעט צום פעטערס פרוי, אז זי זאָל אים אויסבאָרגן 50 זלאָטעס אויף א דאָקטאָר. די פרוי האָט אים אָפגעזאָגט, פאר די „חוצפה" צו בעטן ביי איר געלט, איז זי, מיטן מאן און קינדער אוועק פון פויערס הויז. זיי זענען געקומען אין וואלד אריין.

זיי האָבן אין וואלד נישט געקאָנט זיין: סאיז געווען זייער קאלט און ביי זיי זענען געווען צוויי קליינע קינדער. זענען זיי אוועק פון וואלד און האָבן אומבאמערקט אויפגעריסן עטלעכע ברעטער פון אונדזער פארחתמט הויז, דאָרט אריין און פאַרזיכטיק צוריק פארשטעלט די עפענונג מיט ברעטער.

איינמאָל איז מיין מאמע פאַרזיכטיק ארויס פון הויז און זיך געלאָזט איבערן דאָרף צונויפצוקלייבן ביי באקאנטע קריסטן עפעס עסן. דאָס איז געווען תחילת אָוונט. עס איז שוין געווען פארטאָג און די פרוי איז נאָך אלץ נישט צוריקגעקומען. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען: „ווו איז די מאמע?". דער פעטער האָט זיי בארואיקט, אז מיט דער מאמען איז גאָרנישט קיין שלעכטס געשען און אז זי וועט באלד קומען.

מיטן טאָג צוגלייך איז די פרוי געקומען, טראָגנדיק אין די הענט דאָס ביסל עסנווארג וואָס זי האָט צונויפגעזאמלט אין דאָרף.

זי האָט גענומען ארייַנקריכן דורכן פענצטער, זייענדיק מער ווי זיכער אז קיינער באמערקט נישט. צום אומגליק אָבער האָט באמערקט דער פויער יאן לעך. ער האָט באלד אויפגעהויבן אן אלארם און דאָס גאנצע דאָרף, בראש מיטן סאָלטיס, זענען זיך צונויפגעלאָפן. די פויערים האָבן אויפגעבראָכן די טירן און זיך אלע פאר אמאל ארייַנגעשאָטן אין שטוב. עס האָבן גענומען פליען פון אלע זייטן קלעפ אויף די קעפ פון דער יידישער פאמיליע. די קליינע קינדער האָבן מיט הארצרייסנדיקע יעלות געבעטן זיך ביים סאָלטיס ער זאָל רחמנות האָבן און נישט פירן אויף דער געסטאפאָ, ווייל דאָרט וועט מען זיי דערשיסן. אָבער אומזיסט זענען געווען אלע געבעטן, דער כוליגאנישער סאָלטיס מיט נאָך פויערים צוהילף האָבן די גאנצע משפחה אוועקגעפירט קיין קרעשעוו אויף דער געסטאפאָ.

מען האָט די גאנצע משפחה ארויסגעפירט אין נאָענטן וואלד און אלעמען

# ב י ל ג אָ ר י י

מיר דערציילט, אז ער, מיט זיין פרוי און קינדער זענען געווען אויסבהאלטן ביי א פויער. דעם פויערס פרוי איז דאן קראנק געוואָרן אויף א פלעק־טיפוס און עס איז נישט געווען קיין געלט צו רופן א דאָקטאָר. דער פויער האָט זיך דעמלט געווענדעט צום פעטערס פרוי, אז זי זאָל אים אויסבאָרגן 50 זלאָטעס אויף א דאָקטאָר. די פרוי האָט אים אָפגעזאָגט, פאר די „חוצפה" צו בעטן ביי איר געלט, איז זי, מיטן מאן און קינדער אוועק פון פויערס הויז. זיי זענען געקומען אין וואלד אריין.

זיי האָבן אין וואלד נישט געקאָנט זיין; סאיז געווען זייער קאלט און ביי זיי זענען געווען צוויי קליינע קינדער. זענען זיי אוועק פון וואלד און האָבן אומבאמערקט אויפגעריסן עטלעכע ברעטער פון אונדזער פארחתמט הויז, דאָרט אריין און פאַרזיכטיק צוריק פארשטעלט די עפענונג מיט ברעטער.

איינמאָל איז מיין מאמע פאַרזיכטיק ארויס פון הויז און זיך געלאָזט איבערן דאָרף צונויפצוקלייבן ביי באקאנטע קריסטן עפעס עסן. דאָס איז געווען תחילת אָווגט. עס איז שוין געווען פארטאָג און די פרוי איז נאָך אלץ נישט צוריקגעקומען. די קינדער האָבן אָנגעהויבן וויינען: „ווו איז די מאמע?". דער פעטער האָט זיי בארואיקט, אז מיט דער מאמען איז גאָרנישט קיין שלעכטס געשען און אז זי וועט באלד קומען.

מיטן טאָג צוגלייך איז די פרוי געקומען, טראַגנדיק אין די הענט דאָס ביסל עסנווארג וואָס זי האָט צונויפגעזאמלט אין דאָרף.

זי האָט געגומען אריינקריכן דורכן פענצטער, זייענדיק מער ווי זיכער אז קיינער באמערקט נישט. צום אומגליק אָבער האָט באמערקט דער פויער יאַן לעך. ער האָט באלד אויפגעהויבן אן אלארם און דאָס גאנצע דאָרף, בראש מיטן סאָלטיס, זענען זיך צונויפגעלאָפן. די פויערים האָבן אויפגעבראָכן די טירן און זיך אלע פאר אמאל אריינגעשאָטן אין שטוב. עס האָבן גענומען פליען פון אלע זייטן קלעפּ אויף די קעפּ פון דער יידישער פאמיליע. די קליינע קינדער האָבן מיט הארצרייסנדיקע יעלות געבעטן זיך ביים סאָלטיס ער זאָל רחמנות האָבן און נישט פירן אויף דער געסטאפּאָ, ווייל דאָרט וועט מען זיי דערשיסן. אָבער אומזיסט זענען געווען אלע געבעטן, דער כוליגאנישער סאָלטיס מיט נאָך פויערים צוהילף האָבן די גאנצע משפחה אוועקגעפירט קיין קרעשעוו אויף דער געסטאפּאָ.

מען האָט די גאנצע משפחה ארויסגעפירט אין נאָענטן וואלד און אלעמען

## בילגאָרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

דאָרט דערשאָסן. די אַרטיקע כוליגאַנישע פּויערים האָט די געסטאַפּאָ געגעבן די סאַטיספאַקציע: מען האָט זיי דערלויבט אויסצופירן דעם טויט־אורטייל איבער דער יידישער פרוי, איר מאַן און זייערע צוויי קליינע קינדער.

פאַר זייער „טרחה" האָבן די קריסטן באַקומען צו אָנדערהאַלבן פונט צוקער יעדער. מיט גרויס חשק האָבן זיי זיך ווייטער גענומען אויסשפּיאָנירן יידן אין יענער געגנט.

איך מיט מיינע צוויי ברידער זענען נאָך אַלץ געווען אין וואַלד. די קעלט און דער הונגער האָט אונדז שטאַרק דערקוטשעט, נאָר דאָך, האָבן מיר באַשלאָסן פון וואַלד נישט אַרויסצוגיין.

איינמאָל באַנאַכט, זיצנדיק אין וואַלד ביי אַ קליין פייערל וועלכן מיר האָבן צעלייגט כדי זיך אָנצוואַרמען, איז צו אונדז צוגעקומען מיין מאַמע און מיין שוועסטער. זיי האָבן אונדז געבעטן, אַז מיר זאָלן שאַפן עפּעס עסן פאַר אונדזער פאָטער, וועלכער געפינט זיך אין קרעשעוו. ווען מיר האָבן שוין געהאַט אָנגעזאַמלט אַ ביסל עסן און געווען גרייט עס איבערצופירן צום פאָטער, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אין קרעשעוו איז פאָרגעקומען אַ גענעראַל־אַקציע. די אַקציע האָט געדויערט עטלעכע טעג און עס זענען אין איר אומגעקומען עטלעכע טויזנט קרעשעווער יידן. אין דערדאָזיקער אַקציע זענען אויך אומגעקומען מיין פאָטער און מיינע צוויי שוועסטער, וועלכע האָבן זיך בשעת דער אַקציע געפינען אין קרעשעוו.

אין יענער צייט זענען אַזעלכע אַקציעס פאָרגעקומען אין כמעט אַלע שטעטלעך פון לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, אין וועלכער עס זענען אומגעקומען צענטליקער טויזנטער יידן.

---

... אונדזער צווייטער קוזין מרדכי—דערציילט שלייכער—מיט זיין פאַמיליע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד נעבן טשאָסמע, נישט ווייט פון בילגאָריי.

די קריסטן וועלכע האָבן געוווינט אין דאָזיקן דאָרף, האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין נאָענטן וואַלד באַהאַלטן זיך אויס יידן. האָבן זיך דאַן אָרגאַניזירט 30 רוצחים

## ב י ל ג אָ ר י י

פון ארומגעגנט, באוואָפנטע מיט ווידלעס און דרענגער און איינגעאָרדנט אַן אבלאווע אויף די יידן אין וואלד.

דערזעענדיק די מחנה פויערים מיט דרענגער אין די הענט, האָט מיין קוזין מרדכי באלד פארשטאנען זייער כוונה. ער האָט, א כאפ געטאָן אין זיינע געזונטע הענט א פלאָקן פון צוויי מעטער די לענג, און אָנגעהויבן מיט אים אין א האלב קויל שלאָגן איבער די קעפ פון די פויערים. זיי האָבן זיך אין גרויס פחד צוריקגעצויגן דערזעענדיק ווי אייניקע אָנפאלער ליגן שוין אויף דער ערד פון דעם יידנס קלעפּ. דערדאָזיקער קאמף האָט געדויערט ביי א 15 מינוט. דער ייד איז מיד געוואָרן און א פארחלשטער איז ער געפאלן אויף דער ערד, ארויסלאָזנדיק פון דער האנט דעם פלאָקן מיט וועלכן ער האָט זיך באשיצט. דעמלט האָבן די אנפאלער אים ארומגערינגלט, זיין מוטער און שוועסטער געבונדן; זיי שוידערלעך צעשלאָגן און אויף א פור אָפּגעפירט אויף דער געסטאפּאָ קיין בילגאָריי.

דער וואָגן איז שטיין געבליבן ביי דער געסטאפּאָ־געביידע. דער היטער איז אריין אין דער געסטאפּאָ מעלדן וועגן דער „מציאה" וואָס ער האָט געפינען אין וואלד, און אויפמאָנען דעם פארדינסט פאר דעם: אנדערהאלבן פונט צוקער פאר א קאָפּ /אזוי איז געווען דער פרייז פאר א יידן/.

אין דעם מאָמענט איז דורכגעפאָרן אַן אויטאָ. די פערד האָבן זיך שטארק צעבריקעט און אָפּגעשלעפּט די פיר א שטיקל וועגס פון דער געסטאפּאָ־געבדייע. ביי דער פור איז געבליבן נאָר דער פורמאַן.

זעענדיק א גינסטיקע געלעגנהייט צו אנטלויפן האָט די מוטער געבעטן דעם זון ער זאָל דאָס אויסנוצן און אנטלויפן: ער איז נאָך יונג און וועט נאָך אפשר קאָנען איבערלעבן די דייטשן. דער זון האָט אָבער נישט געוואָלט איבערלאָזן די מוטער און דער שוועסטער. די מוטער האָט אָבער אים אָן ווערטער אראָפּגעשטויסן מיט די פיס פון וואָגן. אין דעם מאָמענט זענען פון דער געסטאפּאָ ארויס אייניקע ס.ס.־לייט מיטן שומר. דער ייד האָט זיך געגעבן א שטעל אויף, און מיט געבונדענע הענט זיך געלאָזט לויפן צום נאָנטן וואלד.

ער איז געלאָפן ווי א פייל פון בויגן. אריבער די בריק ביי פושטשע סאָלסקע און אריין אין וואלד. ביי א פויאק האָט ער זיך אָפּגעבונדן די הענט און אנטלאָפן צו זיין ברודער אין דאָרף גאָלץ, וווּ יענער האָט זיך פריער אויסבאהאלטן.

אין א פאָר וואָכן ארום איז מיין קוזין געכאפּט געוואָרן דורך די א.ק.־אָווצעס

# בילגאָרייער יידן אין פּארטיזאנישע מחנות

/פּוילישע באנדעס/ און אין דערשאָסן געוואָרן.

די דערמאָנטע אקאָוצעס האָבן זיך רעקרוטירט פון די געוועזענע פּוילישע פאשיסטישע אָרגאניזאציעס פון פאר דער מלחמה, כאָטש זיי זענען געווען לפנים וועגן אין אונטערערד, האָבן זיי פאקטיש מיטגעארבעט מיטן דייטשן אָקופּאנט און האָבן געהאָלפן מאָרדן די יידישע באפעלקרונג.

זייער א סך יידישע לעבנס האָבן דידאָזיקע פּוילישע א.ק. אויף זייער פארברעכערישן געוויסן. א ייד, וועלכן עס איז געלונגען זיך ארויסצורייסן פון די בלוטיקע נעגל פון דער געסטאפּאָ און איז געלאָפן אין וואלד אריין, איז קומענדיק דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן דורך די א.ק. ערשט שפּעטער ווען עס האָט זיך געגרינדעט א.ל. /„ארמיא לודאָווא"-פאָלקס-ארמיי"/ וועלכע איז באשטאנען פון די דעמאָקראטישע עלעמענטן פון פּוילישן פאָלק, האָט זיך דער געראטעוועטער ייד אין וואלד געפילט זיכערער.

די א.ל. האָט צוגענומען אין זייערע פּארטיזאנישע אָפּטיילונגען די געראטעוועטע יידן, וועלכע האָבן צוזאמען מיט זייערע קאמפּס-חברים פון א.ל. געקעמפט קעגן געמיינזאמען שונא-דעם דייטשן אָקופּאנט.

מיר זענען ווייטער געבליבן אין וואלד. מיר האָבן זיך אויסגעגראָבן א באהעלטניש, באלייגט מיט צווייגן און מאָך, אזוי, אז מען האָט אונדז נישט געקאָנט באמערקן. באטאָג פלעגן פאסטעכער גיין פאשען שאָף. זיי פלעגן גיין איבער אונדזערע קעפּ און קיינעם איז נישט איינגעפאלן, אז אין דער ערד, אונטערע זייערע פיס, באהאלטן זיך אויס מענטשן.

אין איינער א ווינטער-נאכט זענען מיר געזעסן ביי א צעלייגט פייערל און געקאָכט עפּעס עסן. האָבן אונדז דאָרט געטראָפן יאגד-גייער און אונדז באפוילן, מיר זאָלן זיך פון דאנען וואָס שנעלער אָפּטראָגן. מיר זענען פון דאָרט טאקע באלד אוועק טיף אין וואלד אריין, פון דער צווייטער זייט פון דאָרף באָזשערנאָ. דאָרט זענען מיר פארבליבן ביז יאנואר 1943.

די גוטע פּויערים פון דערפער ארום וואלד האָבן אונדז געהאָלפן מיט עסן. דער פּוילישער פּויער פאַץ איז געווען זייער גוט צו אונדז. ער האָט אונדז

## בילגאָריי

געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ווען מיר פלעגן זיך נאָר באַווייזן אויף זיין הויף, פלעגט ער אונדז באַלד אַריינפירן אין זיין סטאָדאָלע און דאָרט אַריינברענגען עסן פאַר אונדז אַלעמען. ער פלעגט אונדז אַפילו געבן בראָנפן און פאַפּיראָסן און נישט פאָדערן פאַר דעם ביי אונדז קיין געלט. אויך דער גוטער פויער מאַלעק מאַטשיי פון דאָרף פּענק האָט אונדז געהאָלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. דער ערשטער פויער האָט זיך פשוט מקריב געווען, כדי מיט עפּעס וואָס צו העלפן אַ יידן. נישט איינמאָל האָט ער דערביי געשטעלט זיין אייגן לעבן און דאָס לעבן פון זיין משפחה אין סכנה.

איינמאָל — דערציילט ווייטער שלייכער — האָב איך זיך מיט מיין ברודער אַרויסגעלאָזט פון וואַלד זוכן עסן.

אין וואַלד, אין דער באַהעלטעניש זענען געבליבן: אונדזער יונגסטער ברודער, מיין שוועסטער און מיין מאַמע. מיין ברודער האָט זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צום דאָרף גלאַשטשע און איך האָב זיך געלאָזט אין שכנותדיקן דאָרף, ווו איך פלעג זיך שטענדיק טרעפן מיטן גוטן פויער פּאַץ. איך בין בשלום אָנגעקומען אין דאָרף, געטראָפן דעם פויער, וועלכער האָט מיך מכבד געווען מיט אַ גוטע וויעטשערע. מיר זענען געשטאַנען מיטן פויער און געשמועסט. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט 3 מאָל אויסשיסן. ווען מיר האָבן זיך אַרום־געקוקט, האָבן מיר דערזעען, ווי דער וואַלד, ווו עס איז געווען אונדזער באַהעלטעניש, ווערט שטאַרק באַלויכטן פון פּראָזשעקטאָרן. עס האָט מיך אָנגענומען אַ פחד. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז מיט מיינע אייגענע אין וואַלד געשעט אַן אומגליק.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אויפן וועג אָנגעגאַנגען אַ פויער, וועלכער איז געגאַנגען צופוס קיין בילגאָריי, און האָט דערציילט, אַז די אַקאָווצעס האָבן אין וואַלד געפינען יידן או האָבן זיי דערשאָסן און אוועק.

דאָ האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די דערמאָרדעטע יידן, דאָס איז מיין משפחה, ווייל קיין אַנדערע האָבן זיך אין דעמדאָזיקן וואַלד נישט באַהאַלטן.

איך האָב זיך גלייך געלאָזט לויפן אין דער ריכטונג, פונוואַנען עס זענען צו מיין אויער דערגאַנגען די שאָסן. ווען איך בין צוגעקומען צו דער באַהעלטעניש האָב איך דערזען אַ שוידערלעך בילד: ביי אַ בוים האָט זיך געוואַלגערט דער טויטער קערפּער פון מיין ברודער, נעבן אים זענען געלעגן טויט מיין יונגערע שוועסטער מיט מיין מוטער. זיי ביידע זענען געלעגן שטאַרק אַרומגענומען איינע

## בילגאָרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

די אנדערע. ווייזט אויס אז אזוי זענען זיי, זיך זעגנדיק, געשטאָרבן.

---

איך וויל נישט איבערגעבן מיין צער און פאַרצווייפלונג אין יענעם מאָמענט, ווייל יעדע מענטשלעכע שפּראַך איז אָרעם לגבי דעם וואָס אַ'ך האָב אין יענעם מאָמענט געפילט.

איך האָב זיך געלאָזט זוכן מיין ברודער, וועלכער איז מיט מיר' ארויס איבער די דערפער זוכן עסן. איך האָב ארומגעבלאָנדזשעט אין דאָרף ביז פאַרטאָג און האָב מיין ברודער נישט געפינען.

מיד און צעבראָכן פון איבערגעלעבטן האָב אַ'ך אויפגעהערט זוכן מיין ברודער. איך בין אוועק אין וואלד, צעלייגט א פייערל כדי מיך אביסל צו דערווארעמען. און אזוי געזעסן ביז 3 בייטאָג.

פּלוצלונג הער איך, ווי נישט ווייט פון מיר ברעכן זיך טרוקענע צווייגן. איך האָב אָנגעהויבן פאָרזיכטיק זיך ארומצוקוקן. אין א ווײַלע ארום האָב איך פאר זיך דערזען מיין ברודער, וועלכן איך האָב א גאנצע נאכט געזוכט און נישט געקאָנט געפינען, ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, איז ער פונקט ווי איך געזעסן און געווארעמט זיך ביי א פייערל, ארום 20 מעטער ווייטער פון מיר. מיר האָבן איינער פון אנדערן נישט געוווּסט.

איצט האָט מ'ר מיין ברודער דערציילט דעם פאַרלויף ווי עס איז אום־געקומען אונדזער משפחה אין וואלד דורך די אקאָווצעס. מיין ברודער איז געשטאנען אונטער א בוים און האָט עס אלץ צוגעזען. ער האָט פון אונטערן בוים דערקאָנט די מערדער — דאָס זענען געווען:

פאָנדיס — א באאמטער פון דער גמינע, דער גאיאָווער /וואלד־פארוואלטער/ אָסטראָווסקי יוזעף און דער שוסטער קאלעניסט יוזעף. און נאָך עטלעכע פּאָליאַקן, אלע מיטגלידער פון דער א.ק.

מיר האָבן זיך דערמאָנט, אז דער דערמאָנטער אָסטראָווסקי יוזעף, איינער פון די אנטיילנעמער אין מאָרד איבער אונדזער משפּחה, איז צוריק מיט א פּאָר טעג געקומען צו אונדז אין וואלד און געזאָגט, אז מיר מעגן דאָ בלייבן, און אז די דייטשן וועלן א הערצו נישט קומען. ער האָט זיך ארומגעדרייט ארום אונדזער בונקער און אים גוט באטראכט פון אלע זייטן. מ'ר האָבן דאן נישט

פארשטאנען, אז דאָס שפּיאָנירט ער אונדז אויס, כדי צו קאָנען ארויספירן אויף אונדזערע שפּורן זיין באנדע.

פון אונדזער פאמיליע, וועלכע האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק געציילט 9 פערזאָן זענען מיר געבליבן — איך און מיין ברודער.

---

## ב י ל ג אָ ר י י

צו יענער צייט זענען שוין געווען אין בילגאָרייער געגנט גוט־ארגאניזירטע פארטיזאנישע אָטריאדן פון פאָליאקן, יידן און רוסן. איך האָב גענומען מאכן באמיונגען צו אָרגאניזירן אן אָטריאד. די געגנט איז מיר געווען גוט באקאנט. איך האָב געקאָנט אלע דערפער ארום בילגאָריי און אויך די מענטשן. לסוף איז מיר געלונגען צו אָרגאניזירן אן אָטריאד פון 20 און דערנאָך פון 25 מאן. די ערשטע ביקס וואָס מיר האָבן באקומען אין אונדזער גרופּע, האָט געשטאמט פון די יעגער /אָכאָטניקעס/. שפּעטער מיט א צייט האָבן באקאנטע פאָליאקן, וועלכע זענען געווען מיט אונדזער אָטריאד אין גוטע באציונגען, צוגעשטעלט פאר אונדז א ראוואָלווער; א דייטשן פאראבעל.

מיין ברודער, וועלכער איז געוואָרן זייער קראנק און שוואך, און האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין אין אָטריאד, האָב איך אים אריינגעגעבן צו באקאנטע פאָליאקן, וועלכע האָבן געהאָלפן יידן. זיי האָבן אים זאָרגפעלטיק אויסבאהאלטן.

באלד נאָכן אָרגאניזירן אונדזער אָטריאד האָבן מיר דורכגעפירט אן איבערפאל אויף א דייטשן פּאָסט־וואָגן, וועלכער איז געפאָרן צווישן יונעוו און בילגאָריי, אונטער א קאָנוואָי פון עטלעכע באוואָפנטע דייטשן. מיר האָבן זיך צעלייגט צווישן די בוימער, און ווען דער קאָנוואָי איז דורך, האָבן מיר אויף אים געעפנט א שיסעריי. מיר האָבן דאן אוועקגעלייגט דריי דייטשן און צוגענומען די גאנצע קאסע, וועלכע איז באשטאנען פון 200,000 זלאָטעס. צו אונדז אין די הענט איז אויך אריינגעפאלן עטלעכע ביקסן מיט אמוניציע און צוויי גראנאטן.

פאר דעם געלט האָבן מיר איינגעקויפט געווער, וועלכן עס האָבן אונדז צו־געשטעלט באקאנטע פאָליאקן. יעדער פון אונדזער גרופּע האָט שוין פארמאָגט א ביקס און אמוניציע.

פון דעמלט אָן האָבן מיר אָנגעהויבן רעגולער אָנפאלן אויף דייטשע פּלאצוווקעס.

## בילגאָרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

די דייטשע רוצחים האָבן דערפילט דעם צאָרן פון אונדזער נקמה-נעמענדיקער האַנט.

מיר האָבן פיל געהאַט אויסצושטיין פון די אַקאָווצעס. די פּוילישע פאַשיסטן, וועלכע האָבן נאָך פון פאַר דער מלחמה גערופן צו מאָרדן יידן, האָבן זיך איצט, אין דער טאָמער שרעקלעכסטער צייט פאַר יידן, גענומען אין לעבן דורכפירן זייערע טעאָריעס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויף דער האַנט די דייטשע רוצחים — דעריבער זענען געווען די אַקאָווצעס ביי די דייטשן טאָלערירט, און אפילו פּריווילעגירט.

די אַקאָווצעס האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך בין דער קאָמאַנדיר פון דעם נייעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. זיי האָבן מיך גענומען זוכן. זיי האָבן זיך גענומען נאָכפרעגן אויף מיר ביי פּאַליאַקן, מיט וועלכע איך בין געקומען אין קאָנטאַקט, ביים קויפן געווער און פּראָדוקטן. זיי האָבן די פּויערים צוגעזאָגט פאַר מיין קאָפּ שאָקאָלאַד, צוקער און געלט, אבי מען זאָל זיי אָנווייזן ווו עס געפינט זיך „מאָרדקא שלייכער", דער אָנפירער פון פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך קום אָפט אין דעם דאָרף גאָזדע צום פּויער שאַדע יוזעף. באַנאַכט האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם פּויערס הויז, מיינענדיק, אַז איך געפין זיך אינווייניק. איך בין דעמלט געהאַט נאָר וואָס אַרויס פון שטוב. די אָפּיצירן פון דער א.ק. זענען אַריין אין שטוב און געפאָדערט פון קריסט, ער זאָל זיי זאָגן ווו עס געפונט זיך דער ייד מאָרדקא. דער קריסט האָט געענטפערט, אַז ער הערט דאָס ערשטע מאָל, אַז אין דעם געגנט זאָלן זיך געפינען פּאַרטיזאַנער און נאָך דערצו יידן.

זעענדיק אַז זיי וועלן פון דעם קריסט גאָרנישט אַרויס-באַקומען, האָבן די כוליגאַנעס אים אַזוי שטאַרק צעשלאָגן, אַז דער קריסט איז אַ לאַנגע צייט געלעגן קראַנק. דאָקטוירים האָבן דערנאָך פעסטגעשטעלט, אַז די באַנדיטן האָבן אים אָפּגעהאַקט די לונגען.

... אין דער זעלבער צייט האָט אין אונדזער געגנט געקעמפט דער פּאַרטיזאַנישער אָטריאַד, פון רוסן פּאַליאַקן און יידן, אונטער דער אָנפירונג פון העלדישן סאָוויעטישן פּאָלקאָווניק קאָווּפּאַק. אין דעמדאָזיקן אָטריאַד זענען פיל יידן געוואָרן אויסגעצייכנט פאַר זייער העלדישקייט אין קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט.

דערמוטיקנדיק האָט געווירקט אויף אונדז די ידיעה וועגן העלדישן אויפשטאַנד

## בילגאָרײַ

אין וואַרשעווער געטאָ און די דײַטשע מפּלה בײַ סטאַלינגראַד. מיר האָבן געזען אין דעם א גרויסן צוזאַמענהאַנג און פון דעם געדרונגען, אַז דער סוף פון דער דײַטשער רויבער־ממשלה דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט.

מיר האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער טעטיקייט ווען דער פראָנט האָט זיך א רוק געטאָן נענטער צו אונדז, זענען אַלץ מער געוואַקסן די רייען פון די פּאַרטיזאַנישע אָפּטיילונגען און אַלץ מער האָט זיך פאַרשטאַרקט זייער אַקטיוויטעט.

ס'האָבן זיך געמערט די אָטריאַדן פון אַרמיא לודאָוואַ — א.ל. און „באַטאַליאָני כלאָפּסקיע" /פּויערים־באַטאַליאָנען/. אין די דאָזיקע בריגאַדעס זענען געווען זייער א גרויסע צאָל יידן, וועלכע האָבן העלדיש געשלאָגן ד'י דײַטשן און נקמה גענומען פאַרן פאַרגאָסענעם יידיש בלוט.

ס'איז אויך געווען א אָפּטיילונג אויפן דעם נאָמען פון דער פּוילישער שרײַבערין, שעפערין פון דער ,ערשטער קאָשטשושקאָ־דיוויזיע אין ראַטנפאַרבאַנד — וואַנדא וואַשילעווסקא.

אין יענער צײַט האָבן מיר אויסגעפירט עטלעכע טויט־אורטיילן — דערציילט ווייטער שלײַכער — איוּף פּאָלאַקן, וועלכע האָבן געמאָרדעט יידן: אויפן פּראָקוראַטאָר פּאָנדיס און אויף נאָך עטלעכע גראַנאַטאָווע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געהאַט אויף זייער געוויסן פיל יידישע לעבנס.

מיר האָבן אָבער אויך געליטן גרויסע פאַרלוסטן פון די א.ק.־באַנדעס. זיי פלעגן אונדז כסדר אַטאַקירן. זייערע באַנדעס האָבן געציילט צו 500 מאַן און מערער. זיי זענען געווען זייער גוט באַוואָפנט, מיט מאַשין־געווער, אין דער צײַט, ווען מיר האָבן פאַרמאָגט בלויז ביקסן, און דאָס אויך אין א נישט גענוגנדיקער צאָל. אונדזער אָטריאַד האָט געציילט בלויז עטלעכע און צוואַנציק מאַן.

אין איינער א שלאַכט מיט די דערמאָנטע באַנדעס איז אונדזער אָטריאַד צעקלאַפּט געוואָרן אין זײַן גרונט־טייל. פון אונדז איז געבליבן בלויז 9 מאַן.

אין יאָר 1943 זענען פּאַרטיזאַנער־מחנות געווען אין סאַמע בלי פון זייער אָרגאַניזאַציע. ס'איז שוין געווען נאָך סטאַלינגראַד, וואָס דאָס האָט צוגעגעבן פול מוט צו קעמפן קעגן דײַטשן אָקופּאַנט.

אין יענער צײַט האָבן די דײַטשן זיך גענומען דורכפירן מאַסן־אַבלאַוועס אויף די וועלדער, אין וועלכע עס זענען געווען פול מיט פּאַרטיזאַנישע מחנות.

## בילגאָרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

אין קאַמף מיט די פּאַרטיזאַנער האָבן די דייטשן אַריינגעפירט אַלע מינים געווער, וואָס עס האָט פאַרמאָגט די מעכטיקע דייטשע קריגס־מאַשין: אַרטילעריע, שווערע און לייכטע, טאַנקען און אַפילו עראָפּלאַנען. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די דייטשן וואָלטן געגאַנגען באַקעמפן, נישט קיין שלעכט־באַוואָפנטע אויס־געהונגערטע פּאַרטיזאַנער, אין אַ פיל קלענערע צאָל ווי די אָנגרייפנדיקע דייטשן — נאָר אַ רעגולערע באַוואָפנטע אַרמײ.

...מיר, די נײן מאַן, געבליבענע פון אונדזער אָטריאַד, האָבן זיך אין וואַלד אויף אַ נײַ אָרט איינגעאָרדנט אַ זעמליאַנקע /אַן ערד־שטיבל/ און געוואַרט אויף פּאַסיקע געלעגנהייט.

די דייטשן האָבן דעמלט דורכגעפירט מאַסן־אַבלאַוועס אַרום בילגאָרײ, די פויערים פון דידאָזיקע ערטער פאַרשיקט קיין אָשוויענטשים אַלס שטראָף פאַר העלפן די פּאַרטיזאַנער. ווען די אַבלאַוועס האָבן זיך געענדיקט — דערציילט שלייכער — האָבן מיר זיך ווידער גענומען צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט. מיר האָבן אויפגעריסן דייטשע סקלאַדעס, וועלכע זענען געווען געהיט דורך דער גראַנאַטאָווער פּאָליציי.

עס זענען צו אונדז דערגאַנגען פאַרשידענע ידיעות וועגן אומקום פון די יידן אין פוילן. די אַרומיקע פויערים האָבן אונדז איבערגעגעבן וועגן טויט לאַגער אין אָשוויענטשים און מײַדאַנעק און אַנד. מיר האָבן אין דידאָזיקע ידיעות געגלויבט, כאָטש עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, ווי איבערטריבן, ליידער, צו אונדזער ווייטיק, איז עס געווען אַ שרעקלעכער אמת...

---

...ביים פויער שעץ ווו איך פלעג קומען הערן ראַדיאָ־ידיעות /דער פויער האָט געהאַט אַ ראַדיאָ אין סטאָדאָלע/ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די אַקאָוצעס זענען אויף די שפּורן פון מײַן ברודער, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, ווי דערמאָנט, ביים פויער מאַליק פּיראָג. דער פויער שעץ האָט מיר דערציילט, אַז די אַקאָוצעס: סאָקאָל אַנדזשײ און קלאָס לודוויק און זײַן ברודער אַדאַם קענען אַלע טאָג אַריינפאַלן און דערמאָרדן מײַן ברודער. איך האָב זיך גלייך געלאָזט גיין צו מײַן ברודער, אים איבערגעגעבן וועגן זײַן לאַגע און אים פאַר־

## בילגאָריי

געלייגט, ער זאָל תיכף מיטגיין מיט מיר אין וואלד אריין.

דער ברודער האָט אָבער נישט געוואָלט אפילו הערן דערפון. איך האָב שוין מער קיין כוח נישט — האָט ער געענפערט — זאָל שוין זיין וואָס עס וועט זיין איך ריר זיך נישט פון אָרט!

נישט קאָנענדיק פויעלן ביי מיין ברודער—דערציילט וויטער דער עדות—ער זאָל ענדערן זיין באשלוס, האָב איך זיך מיט אים מיט הארצווייטיק געזעגנט און אוועק אין וואלד.

אויף צומאָרגנס — האָבן מיר דערציילט באקאנטע פויערים — זענען אריינגעפאלן אקאָוצעס צום פויער מאלעק אין שטוב, געטראָפן דאָרט מיין ברודער און אים אויף אן אכזריותדיקן אופן דערמאָרדעט. פארן אויסבאהאלטן ביי זיך א יידן, האָבן די כוליגאנעס דעמאָלירט און צעראבירט דעם פוירעם שטוב און דעם באלעבאָס מאליק שוידערלעך צעשלאָגן.

---

די פארטיזאנער־גרופן, בראש וועלכע עס זענען געשטאנען סאָוויעטישע אָפיצירן, פלעגן מאכן אָפטע איבערפאלן אויף דייטשע פּאָסטנס אין בילגאָריי.

אין איינעם אזא דרייסטן איבערפאל האָט אָנטיילגענומען אויך דער בילגאָרייער ייד אברהמעלע וואקסליכט, וועלכער האָט אייגנהענטיק אונטערגעצונדן די דייטשע סקלאַדעס פון ברעטער אויף די ראפּעס.

ווען דאָס פייער איז אויסגעבראָכן, האָבן די דייטשן געמאכט אן אלארם און דאָס מיליטער און גראנאטאָווע פּאָליציי זענען געשטעלט געוואָרן אויף די פיס. די פארטיזאנער האָבן געעפנט אויף זיי א פייער און אוועקגעלייגט דאָן זייער א סך דייטשן און גראנאטאָווע פּאָליציאנטן. די דייטשן האָבן זיך אין פּאניק צוריקגעצויגן. די פארטיזאנער, נאָכן אויספירן זייער אויפגאבע האָבן צונויפ־גענומען דאָס געווער פון די צעמיימיתטע דייטשן און אָנטאָן און זיך צוריקגעצויגן אין וואלד אריין.

אונדזער קליינע גרופּע—דערציילט דער פארטיזאנער שלייכער—איז דעמלט צוגעטיילט געוואָרן צו א גרעסרע גרופּע פארטיזאנער, מיט מיר אלס קאָמאנדיר. איך האָב פון פארטיזאנישן הויפּט־שטאב באקומען באפעלן פאר מיין גרופּע. ביי

## בילגאַרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

מיר אין אַטריאַד זענען געווען פיל יידן. אַן אויסגעצייכנטער אומדערשראָקענער קעמפער איז געווען א ייד פון קרושניק מיטן נאָמען „העניעק". ער איז געווען א גוטער פוליעמיאָטשיק. ער האָט אָנטיילגענומען אין אלע אונדזערע אַקציעס און שטענדיק ארויס גאַנץ, ווי א זיגער. דער הויפּט־שטאַב האָט אים פיל מאָל אויסגעצייכנט פאַר זיין העלדישקייט.

די דייטשן זענען געווען געצווונגען, צוליב די כסדרדיקע אָנגריפן פון די פּאַרטיזאַנער, אַראָפּנעמען פון רוסישן פראָנט פיר טויזנט סאָלדאַטן און זיי וואַרפן אין קאַמף קעגן אונדזערע מחנות. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם וואַלד פון אַלע זייטן און זיך געגרייט אויף אַן אָנגריף.

די שטורם־בריגאַדעס פון דייטשן מיליטער האָבן אַרומגערינגלט די וועלדער נעבן קרושניק, בילגאָריי, יונעוו, מאַמאָטע און פיל אַנדערע ערטער. עס האָט געדראָט די געפאַר אַרומגערינגלט צו ווערן און אַריינפאַלן צו די דייטשן אין די הענט.

דער קאַפּיטאַן קאָניצקי, האָט צונויפגענומען זיין אָפּטיילונג וועלכע האָט געציילט פיר הונדערט מאַן און האָט געהאַלטן פאַר זיי א פייערדיקע רעדע. ער האָט פאַרגעשטעלט פאַרן אָטריאַד די געפאַר וואָס דראָט און פאַרגעשלאָגן זיין פּלאַן פון קאַמף. אין זיין רעדע האָט דער קאַפּיטאַן קאָניצקי דערמאָנט די העלדישקייט פון דער רויטער אַרמיי און די דייטשע מפּלה ביי סטאַלינגראַד. ער האָט אויך דערציילט וועגן צווייטן פראָנט, וואָס די העלדישע אַמעריקאַנער און ענגלענדער האַלטן ביי עפענען און אויסגעפירט, אַז דער טאָג פון דער פולשטענדיקער דייטשער מפּלה איז שוין נישט ווייט, און אַז דווקא איצט דאַרפן די פּאַרטיזאַנער פאַרטאָפּלען זייער אָנשטרענג אין קאַמף מיטן אָקופּאַנט.

דער 13־יוני איז אונדזער אָטריאַד געוואָרן אַרומגערינגלט אין ראַיאָן פון פּאָנאַר לובעלסקי־בילגאָריי. באַלד אויף צומאָרגנס דעם 14־טן האָבן די דייטשן אָנגעהויבן שטורמען אונדזערע פּאָזיציעס, וועלכע מיר האָבן פאַרנומען נאָך אינדערפרי אויף דעם באַרג־באָרישטשאַווא־גורא אין די ליפּסקער וועלדער נעבן יונעוו.

דער שטורם אויף אונדזערע פאַרנומענע פּאָזיציעס איז געגאַנגען פון אַלע מינים געווער: שווערע אַרטילעריע איינשליסליך. מיר — דערצליט שלייבער — האָט מען איבערגעגעבן אַן אָפּטיילונג פון 30 מאַן אין דעם 20 יידן. פון די יידן

## ב י ל ג אָ ר י י

וועלכע איך געדענק זייערע נעמען זענען געווען: יאַנקל אַפּטייקער מיט זיין שוועסטער רעגינע, /פון יונעוו/ יוסף און נאָך עטלעכע יידן פון זאַמאָשטש. עטלעכע יידן זענען געווען פון בודאַפּעשט: אָפּענהייר און א ייד קאַלמאַן פון קאַרפּאַט־רוסלאַנד.

מיר האָבן פאַרנומען אונדזערע פּאָזיציעס אויפן רעכטן פליגל פון וואַלד די דייטשן האָבן פון אַעראָפּלאַנען אַראָפּגעוואָרפן ראַקעטעס אויפן וואַלד. איז דער וואַלד געוואָרן איין גרויסער פלאַם. ווען דער וואַלד האָט געגומען ברענען האָבן אונדז די דייטשן גענומען אַטאַקירן מיט טאַנקן און א גרויסע צאָל פּיעכאָטע. מיר האָבן צוגעלאָזט צו זיך די דייטשן וואָס נאָנטער, און ווען זיי זענען שוין געווען פון אונדז, נאָנט אַן ערך פון 10 מעטער, האָבן מיר אויף זיי געעפנט א פייער. דער האַגל פון אונדזערע קוילן־וואַרפער און סנאַריאַדן האָט די דייטשן געצוווּנגען צוריקצוציען זיך, איבערלאָזנדיק אין וואַלד א גרויסע צאָל טויטע און געוועהר

דער קאַמף איז אויף א שעה צייט איבערגעריסן געוואָרן. נאָך דעם ווי די דייטשן זענען אביסל געקומען צו זיך האָבן זיי באַנייט זייער אָנגריף אַריבערוואַרפנדיק נאָך מער זעלנער צום קאַמף מיט אונדזער אָטריאַד.

אונדזער אָפּטיילונג האָט אין גאַנג פון קאַמף באַקומען באַפעלן די פון קאַפּיטאַן קאַניצקי.

פּלוצלונג איז פון אונדזער זייט שטיל געוואָרן. איך האָב געוואָרפן א בליק אויף הינטן און באַמערקט, אז קיינער פון אונדזערע פּאַרטיזאַנער איז שוין נישטאָ. ס־האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז נאָך א לאַנגן עקשנותדיקן קאַמף האָבן אַלע אָפּטיילונגען זיך צוריקגעצויגן טיף אין וואַלד. איך בין געבליבן אַליין מיט מיין פּוליעמיאָט אין דער פאַרמאַסקירטער אָקאָפּע.

די דייטשן, זעענדיק אז פון אונדזער זייט שיסט נאָר איין פּולעמואָט האָבן זיך געלאָזט מיט א הורא געשריי אויף מיין אָקאָפּע. איך האָב זיי צו־געלאָזט וואָס נאָנטער צו מיר, און ווען זיי זענען שוין געווען א פיר מעטער פון מיין אָקאָפּע, האָב איך געלאָזט אין גאַנג מיינע צוגעגרייטע גראַנאַטן. א שרעקלעכע מהומה איז געוואָרן צווישן די דייטשן. צענטליקער דייטשע פּגרים האָבן זיך אין קאַלוזשעס בלוט געוואַלגערט אויף דער ערד.

אָפּשלאָגנדיק דעם אָנגריף פון די דייטשן,—דערציילט ווייטער שלייכער— בין איך אַרויס פון מיין אָקאָפּ און אונטער א פייער פון די דייטשע קוילן, זיך

## בילגאַרייער יידן אין פּאַרטיזאַנישע מחנות

געלאָזט צום גאַסטיניעץ מאַמאַטאַוו.

פונדערווייטנס האָב איך באַמערקט אַ פּאַרטיזאַן, אַ פרוי, מיט אַ רוסישן אויטאָמאַט אין דער האַנט. יענע האָט מיר דערקלערט, אַז זי איז אַ פּאַרטיזאַנער פון אַן אָפּטיילונג אויף בודיאָנניס נאָמען. איך האָב זיך געמאָלדן צום קאָמאַנדיר פון דערדאָזיקער אָפּטיילונג און יענער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיין אָטריאַד האָט פאַרנומען אַ נייע פּאָזיציע נישט ווייט פון דאַנען.

איך בין צוגעטיילט געוואָרן אַלס קאָמאַנדיר פון אַן אָפּטיילונג אין אָטריאַד א.נ. פון בודיאָנני. באַנאַכט האָבן זיך אַלע אָפּטיילונגען פאַרמירט אויפסניי. דאָ האָב איך צוריק געטראָפן אונדזער קאַפּיטאַן קאָניצקי. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אָטראַד האָט מיך שוין געהאַלטן פאַר טויט.

נאָך די קאַמפן האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגעשיקט אַ ראַזוויעדקע /אויסשפּיר/ וועלכע האָט איבערגעגעבן, אַז צוויי פּוליעמיאָטטשיקעס זענען אומגעקומען אין קאַמף, און דער דריטער פּולעמיאָטטשיק, מרדכי שלייכער איז גענומען געוואָרן לעבעדיקערהייט אין געפאַנגענשאַפט, קעמפנדיק ביזן לעצטן קויל.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען דער אָטריאַד האָט מיך איצט געזען אַ לעבעדיקן און געזונטן, האָט מען זיך מיט מיר זייער שטאַרק דערפרייט. אין אָוונטביים אַפּעל האָב איך געהערט אויסרופן מיין נאָמען, אַז איך בין געוואָרן באַלוינט מיטן אָרדער „אויטשיזנא" און דערהויבן געוואָרן צום ראַנג פון „סטאַרשינא".

אין דערדאָזיקער גרויסער שלאַכט, וועלכע מיר האָבן דורכגעפירט, האָבן די דייטשן פאַרלאָרן ביי טויזנט סאָלדאַטן און אַ גרויסע צאָל געווער און אַמוניציע.

אין אַ געוויסן טאָג פון יאָר 1944 זענען צו אונדזער אָטריאַד צוגעקומען צוויי ענגלענדער. דאָס זענען געווען זעלנער פון אַן ענגלישן דעסאַנט, וועלכער איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אויף דער פּוילישער טעריטאָריע. אונדזער קאָמאַנדיר האָט זיך באַלד קאָנטאַקטירט מיט מאָסקווע וועגן זיי. נאָך דריי טעג וואַרטן איז פון מאָסקווע געקומען צופליען אַן עראָפּלאַן, צוגענומען די צוויי ענגלענדער און זיי איבערגעפירט קיין ענגלאַנד.

... אונדזער שטאַב האָט זיך, פון די בילגאָרייער קאַנטן איבערגעטראָגן קיין אוקרייאַינע. דאָרט האָבן מיר געהאַט צו טאָן מיט אוקרייאַינישע, וויסגוואַרד־ייאישע באַנדעס. מיר האָבן זיי אָבער געגעבן צופילן אונדזער שטאַרקע האַנט. פון דאָרט זענען מיר אַוועק אויף די קאַרפּאַטן.

# ב י ל ג אָ ר י י

אין יוני 1944 — דערציילט דער עדות שלייכער — האָב איך, בעת אַן איבערפאַל אויף די דייטשן אויף דער גרענעץ פון טשעכן, אַריינגעקריגן אין געפאַנגענשאַפט אַ דייטשן גענעראַל. איבערלאָזנדיק די פּגרים פון די דייטשע זעלנער אויפן פעלד, האָב איך אָפּגעפירט דעם גענעראַל אין אונדזער שטאַב אַריין. אונדזערע חברה האָבן זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער מציאה; אַזאַ חשובן גאַסט האָבן מיר שוין ביי זיך לאַנג נישט געהאַט.

מ׳האָט אים באַלד פאַרבאַנדאַזשירט די וואונד און גענומען אויפן פאַרהער דער אויספרעגער איז געווען דער בודאַפּעשטער ייִד אַפּענהיים.

דאָס געריכט האָט אויפן גענעראַל אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל, דורך אָפּהאַקן מיט אַ האַק דעם קאָפּ. אויסגעפירט דעם אורטייל האָט דער בילגאַרייער פּאַרטיזאַן מרדכי שלייכער.

אין אויגוסט 1944 האָבן זיך די פּאַרטיזאַנער פאַראייניקט מיט די רעגולערע טיילן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע איז געווען שוין נישט ווייט פון דעם געגנט.

פון דעמלט האָבן מיר פאַרגעזעצט דעם קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט שוין נישט ווי פּאַרטיזאַנער, נאָר ווי זעלנער פון דער באַפרייאונגס אַרמיי.

---

אַ סך ייִדן פון בילגאַריי האָבן אָנטיילגענומען אין די קאַמפן, וועלכע עס האָבן געפירט די פּאַרטיזאַנישע מחנות אַרום בילגאַריי. דער עדות לייזער פּרוכלענדער גיט איבער אייניקע נעמען פון די וועלכע ער געדענקט:

1. הערש וואַקס, — געפאַלן אין יובעווער וועלדער אין 1943
2. מלכה הערשנהאָרן (געפינט זיך היינט אין באַליוויע)
3. נתעלע הערשנהאָרן מיט זיין זון יוסף געפאַלן אין דערזעלבער צייט.
4. ליפּה הירשנהרן

נעבן לובאַטשאָוו איז געווען טעטיק אַ פּאַרטיזאַנישע מחנה, וועלכע איז באַשטאַנען פון בלויז ייִדן. בראש פון אָטריאַד איז געשטאַנען אַ ייִד פון טאַרנאָגראַד.

דער בילגאַרייער ייִד איסער קאַנדל האָט זיך אין יאָר 1943, פאַרן אויסבראָך פון געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, זיך געמאָלדן פרייוויליק אין זיין מיליטערישן



בילגאַרייער און טאַרנאָגראַדער יידן וועלכע האָבן אין יאָר 1948
צוזאמענגענומען די ביינער פון די דערמאָרדעטע יידן אין בילגאַריי
און דער געגנט און זיי געברענגט צו קבר־ישראל אויפן בית־החיים.

טייל אין מאָסקווע, ווו ער איז צו יענער צייט געווען, מען זאָל אים ווי א פאראשוטיסט דעלויבן צו לאנדן אויפן שטח פון ווארשעווער געטאָ, כדי דאָרט אנטיילצונעמען אין קאמף מיט די דייטשן.

זיין ביטע איז דערפילט געוואָרן און ער איז מיט א העלדישן טויט אומגעקומען אין העראָאישן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ.

וועגן אים איז אויספירלעך באשריבן אין „חורבות דערציילן" פון ב. מארק.

---

אין דער פארטיזאנטקע זענען אויך געווען יצחק און משה האָכמאן. דער בילגאָרייער ייד יהושע קלאָץ איז אין יאָר 1943 מאָבילייזירט געוואָרן אין דער סאָוויעטישער ארמיי. ער האָט זיך גוט אויסגעצייכנט ווי א שלאכטמאן, וועלכער האָט דורכגעמאכט דעם גאנצן קאמף־אָפשניט פון סטאלינגראד ביז בערלין.

דורכגייענדיק מיט דער ארמיי זיין היים־שטאָט בילגאָריי, האָט ער זיך פאראינטערסירט מיט די אומשטענדן, ביי וועלכע ס'זענען אומגעקומען די מיטגלידער פון זיין משפחה. זייענדיק אין דעם נאָנטן דאָרף נעבן קרעשעוו, האָט ער אָנגעטראָפן אויף גוים ביי וועלכע ער האָט אויסגעפרעגט וויאזוי די יידן זענען אומגעקומען.

ער האָט זיך נישט אויסגעגעבן אלס ייד (ער האָט געהאט אן ארישן אויסזען) און וועגן אומקום פון די יידן, האָט ער גערעדט מיט געמאכטן שאָדנפרייד. א געוויסער יונגער קריסט האָט צוליב דעם באקומען צו אים צוטרוי און מיט קוראזש דערציילט, וויאזוי ער אליין האָט אומגעברענגט זיין, דעם יידנס משפחה...

דער שגץ האָט אים גערן צוגעפירט צו דעם אָרט און אים אָנגעוויזן אויף א אָרט, ווו סליגט באגראָבן דער ייד ראובעלע בישטשער /דאָס איז געווען זיין שוואָר/.

דער שגץ האָט אים גערן צוגעפירט צו דעם אָרט און אים אָנגעוויזן אויף א נישט הויכן בערגל, אונטער וועלכן דער ייד ליגט באגראָבן.

אפשר ווייסטו—זאָגט דער ייד—ווער עס האָט דעם „זשיד" אוועקגעלייגט? איך האָב אים אמאָל געקאָנט... איך בין גרייט דעמדאָזיקן מענטש באפרידיקן מיט א שיינע מתנה...

## בילגאַריי ער יידן אין פארטיזאנישע מחנות

דער יונגער שבץ האָט מיט שטאָלץ זיך פאָרגשטעלט אלס מערדער פון דעם יידן.

— א, דאָס האָסטו עס געטאָן? ביסטו דאָך באמת א כוואט! נא דיר טאקע די מתנה...

א סעריע קוילן דעם מערדער אין ברוסט—אָט דאָס איז געווען די „מתנה“ פון דעם יידישן שלאכטמאן און־נקמה־נעמער פארן פארגאָסענעם בלוט פון זיין שווער ראובעלע בישטשער.

---

פיל בילגאַרייער יידן זענען געשפרונגען פון די וואגאָנען, וועלכע האָבן געפירט קיין בעלזשעץ און זיך באהעפט מיט די פארטיזאנישע אָטריאדן.

בכלל זענען נישט געווען אין בילגאַרייער געגנט קיין פארטיזאנישע אָטריאדן, אין וועלכע עס זאָלן נישט זיין קיין יידן.

א גרויסער טייל פון די בילגאַרייער יידן און אומגעגנט, האָבן ווירדיק נקמה גענומען פארן פארגאָסענעם בלוט פון זייערע ברידער און שוועסטער. ליידער זענען זיי כמעט אלע אין דידאָזיקע קאמפן אומגעקומען.



כדי צו פאַרווישן די סימנים פון זייערע נידערטרעכטיקע מעשים האָבן
די דייטשן פאַברענט די טויטע יידן, וואָס זענען אומגעקומען מיט אַלע
מיתות משונות. אויף דער בילד. א גרופע יידן ביים אַריינוואַרפן אין
קרעמאַטאָריום־אויבנס די טויטע קערפער פון אונדזערע טאַטעס,
מאַמעס און ברידער.

# בילגארייער יידן אין געטא

מיט א געפיל פון פארלייכטערונג און גייסטיקער אנטשפאנונג האָבן מיר פארצייכנט די פארגמענטן פון פארטיזאנער־לעבן פון די יידישע נקמה־נעמער לויט דאָקומענטן, לויט די גבית־עדות פון העלדישן בילגאָרייער יידן מרדכי שלייכער.

ליידער, איז אָבער דערדאָזיקער טייל, דער קעמפנדיקער קעגן דייטשן רוצח מיט געווער אין האַנט געוועזן א קליינער, אין פארגלייך מיט דער גאנצער עדה יידן, וועלכע האָט געלעבט אין געטאָ, אויסגעשטאנען אלע פיינען און ביזיונות און לסוף אומגעבראכט געוואָרן דורך פארשידענע מיתות משונות אין די טויט־פאבריקן פון מיידאנעק, בעלזשעץ און אָשוויענטשים.

קערן מיר זיך אום צו פארצייכענען, דאָס „לעבן" פון אונדזערע בילגאָרייער ברודער און שוועסטער, אין זייער לעבדיקן קבר, וואָס די דייטשע עמלקים האָבן פאר זיי צוגעגרייט — דעם בילגאָרייער געטאָ.

איינגעפירט איז געוואָרן דער בילגאָרייער געטאָ אין יאָר 1942. פריער האָבן די דייטשן פאר דעם צוועק גוט צוגעגרייט דעם באָדן: מען האָט דורכגעפירט און אָרגאניזירט איבערפאלן און עקזעקוציעס אויף יידן, און וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען אויך אָרטיקע פוילישע כוליגאנעס.

די דייטשן האָבן אלץ געטאָן, אז די שנאה צווישן דער יידישער און איבריקער אָרטיקער באפעלקערונג זאָל זיין וואָס א שארפערע און טיפערע.

נאָך דעם ערשט זענען די דייטשן געקומען מיטן באפעל וועגן איינפירן דעם געטאָ פאר יידן.

עס האָט געדארפט הייסן, אז די דייטשן גייען נאָך מיט דעם טאָן א טובה די יידן; זאָלן זיי זיין אָפגעזונדערט, וועט מען זיי לייכטער קאָנען באשיצן פון אָנפאל פון די היימישע כוליגאנעס...

און ווי דערדאָזיקער באפעל פון איינפירן דעם געטאָ וואָלט טאקע געדארפט זיין א טובה פאר יידן, האָבן די דייטשע ראפינירטע מערדער נישט געאיילט זיך, אז דער באפעל זאָל אויסגעפירט ווערן מיט דער פינקט־לעכקייט, וואָס איז זיי נאָר אייגן.



פאַרשפּאַרטע יידן אין געטאָ

# בילגאַריער יידן אין געטאָ

מען האָט קיינעם פון די יידן אין בילגאַריי נישט אונטערגעיאָגט ער זאָל גיין אין געטאָ אריין. די יידן וועלכע האָבן זיך שוין געהאט איבערגעצויגן אין די עטלעכע הייזער וועלכע זענען באשטימט געוואָרן פארן יידישן ווינ־פערטל, האָבן געהאט דאָס רעכט פריי זיך צו באוועגן פון געטאָ אויף דער ארישער זייט און צוריק. די דייטשן האָבן דערלויבט די יידן צו גיין אין די דערפער איינקויפן פארשידענע פראָדוקטן און אויך האנדלען אויף דער ארישער זייט.

דאָס אלץ האָט געדארפט שאפן די אילוזיע ביי די יידן, אז דאָס איינפירן דעם געטאָ איז נאָר פאר די יידנס טובה וועגן, און אז קיין שום סכנה פאר זייער לעבן, שטעלט מיט זיך די איזאָלאציע נישט פאָר.

אמת, עס האָבן זיך געפונען יידן, פאר וועמען דאָס איבערציען זיך אין געטאָ איז געווען אן אנזאָג פון א קומענדיקע צרה. זיי האָבן געפילט בעשײנפערלעך, אז דאָס איזאָלירן זיי פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג וועט זיך קיין גוטס פאר זיי נישט ברענגען. די מערהייט יידן אָבער זענען געוואָרן פארנארט און גוטוויליק אָן שום ווידערשטאנד געגאנגען אין געטאָ אריין.

אזוי ארום האָט די דייטשן קיין שום מי נישט געקאָסט דאָס איינפירן דעם געטאָ אין בילגאַריי.

אין עטלעכע טעג ארום, נאָכדעם ווי ס'איז שוין אריבער דער טערמין פון איבערזידלען די יידן אין געטאָ, האָבן די דייטשן דורכגעפירט א רעגיסטראציע פון די יידן און האָבן זיך איבערגעצייגט, אז פיל יידן האָבן נישט אויסגעפילט דעם באפעל און געבליבן ווינען אויף דער ארישער זייט.

דעמלט האָבן די דייטשן מיט געוואלט אריינגעשלעפט די לעצטע „ווידערשפעניקע” יידן אין געטאָ אריין.

ביז דער לעצטער אקציע איז קיין ארומגעצוימטער געטאָ אין בילגאַריי נישט געווען. ערשט שפעטער האָבן די דייטשן ארומגעצוימט דעם שטח וואָס איז באשטאנען פון פאלגנדיקע פיר יידישע הייזער: לאָזער קאנדלס הויז, יאנטשעלע שוחטס הויז, הערש פאנצערמאנס הויז און נאָך איין הייזל וואָס איז געשטאנען דערנעבן.

איצט האָבן שוין די בילגאַרייער יידן פארלוירן אויך זייער לעצטע אילוזיע, אז דער געטאָ איז א צייטווייליקע דערשיינונג. מען האָט שוין געזען, אז דאָ

## ב י ל ג אָ ר י י

וועלן זיי שוין מוזן לעבן און מסתמא אויך שטארבן.

אָבער נישט געקוקט אויף דער שטארקער וואך אויף די דראָאונגען, האָבן די אָרטיקע איינוווינער זאָך נישט איבערגעריסן דעם קאָנטאקט מיט די אין געטאָ־פארשפארטע יידן.

די קריסטן פלעגן קומען בגנבה צום געטאָ מיט פראָדוקטן וועלכע זיי פלעגן פארקויפן פארן פרייז פון מלבושים: פאר א שטיקל ברויט אָדער א קארטאָפל, פלעגן די יידן אוועקגעבן זילבערנע לייכטערס אָדער קופערנע פאנען, קליידער, שיכווארג, זייגערס, גאָלדערנע מטבעות א.א.וו. מען האָט אוועקגעגעבן פון זיך אלץ, אבי נאָר צו קריגן עפעס עסן, צו דערהאלטן די נשמה.

באלמעלאָכעס האָבן פון געטאָ בגנבה ארויספארקויפט זייערע שטיקלעך ארבעט. די קריסטן פלעגן קומען נאָך דעם אין א פון פריער אָפגערעדטער צייט. מערסטנטייל פלעגן אזעלכע מסחרים פאָרקומען באנאכט.

די דייטשע סאדיסטן האָבן זיך דעם געטאָ אויסגעקליבן פאר א ציל־ברעט פאר זייערע סאדיסטישע תאוות און רצוחישע נייגונגען.

פלוצלונג פלעגט ארייַנפאלן א שכורער דייטש, אָדער עטלעכע אזעלכע אין א שטוב אריין, ארויפשלעפן פון די געלעגערס די שלאָפנדיקע מענטשן, אלץ איינס צי דאָס זענען געווען מענער, פרויען אָדער קינדער, קראנקע און זקינים און נאקעטערהייט זיי באפוילן מאכן גימנאסטיק אויפן שניי, געשלאָגן ביי דעם מיט לעדערנע ראפניקעס, און מיט אמתדיקער דייטשער טעמפקייט אָנגעקוואָלן פון די יאָמערלעכע קולות וואָס די אומגליקליכע קרבנות האָבן פון זיך ארויסגעגעבן.

אזעלכע „ויזיטן" אין געטאָ זענען געווען גאנץ אָפט און נאָך אָפטער האָט מען זיך אויף זיי געקאָנט ריכטן.

האָבן טאקע די אומגליקליכע בילגאָרייער יידן געלעבט אין כסדר־דיקן טויט־שרעק און אָן א האָפנונג געקוקט אין נעפלדיקן מאָרגן אריין.

די דייטשן איז געגאנגען אין דעם, וואָס שטארקער און וואָס שנעלער פארמיאוסן די יידן דאָס לעבן. די מאָרד־פאבריקן אין אָשוויענטשים און מיידאנעק, זענען נאָך נישט געווען אין פולן גאנג, האָבן די דייטשן געוואָלט דערפירן צו דעם, אז די יידן זאָלן מאסנווייז באגיין זעלבסטמאָרד.

צו דעם צוועק האָבן זיי זיך גענומען צו רויבן דעם שלאָף ביי די יידן. נישט געווען קיין איין רואיקע נאכט אין געטאָ. פלוצלונג, ווען די מידע —

# בילגאָריִער יידן אין געטאָ

אויסגעהונגערטע יידן פלעגן אין זייער פּיין איינדרימלען אויף זייערע געלעגערס. פלעגט זיך הערן א ווילדער אויסגעשריי, באגלייט מיט א רציחהדיקן קלאפּן אין טיר און פענצטער: „אויפמאכען יודע!!" און ווען א יידישע פאמיליע פלעגט פאר מורא בלייבן זיצן צונויפגעפרעסט און נישט גיין עפענען די טיר, פלעגט טיר און פענצטער ווערן מיט ביקסן־קאָלבעס אויפגעבראָכן, און די צעיושעטע דייטשע באנדיטן האָבן מיט א סעריע פון אוימאָמאט א סוף געמאכט פון לעבן פון דער אומגליקלעכער משפחה יידן.

פיל יידן זענען פון געטאָ אנטלאָפן און זיך אויסבאהאלטן אין די וועלדער ארום בילגאָריי. נאָר זיין אין וואלד, האָט מען געדארפט זיין גענוג שטארק פיזיש און אויך גייסטיק.

צו דער שרעקלעכער איינזאמקייט וואָס הערשט אין וואלד, איז צוגעקומען דער באשטענדיקער הונגער, קעלט, און דאָס וויכטיקסטע, די שטענדיקע מורא אריינצופאלן אין די הענט פון דער פוילישע א.ק., וועלכע האָבן זיך מיט די יידן גערעכנט פונקט ווי די דייטשן: דערשאָסן אויפן אָרט.

זענען טאקע פיל יידן געקומען צוריק פון די וועלדער אין געטאָ אריין.

---

אין חודש סעפּטעמבער האָט מען אין בילגאָרייער געטאָ געברענגט עטלעכע הונדערט יידן, אויסגעזידלטע פון די ישובים ארום בילגאָריי: גאָריי און פראמפּאָל.

די יידן פון דידאָזיקע ישובים זענען אָנגעקומען אין בילגאָריי אין א שרעקלעכן צושטאנד: אויסגעדארטע, פארשווארצטע, פארמאטערטע און אויסגהונגערטע. פארהושכטע שאטנס פון מענטשן, צוריסענע אין פארבלאָטיקטע כאלאטלעך, האלב בארוויסע ציטערנדיקע פון פיבער. עס זענען געקומען אין געטאָ פארוויינטע, פארצערטע מוטערס פון פראמפּאָל, אין ציטערנדיקע זקנים מיט איינגעשרימפענע פנימער. זייערע האלב נאקעטע קינדער האָבן זיי אין צופליקטע שמאטעס געטוליעט. די בילגאָרייער יידן האָבן געטאָן אלץ, כדי צו העלפן די נייע אָנגעקומענע אין זייער עת צרה און ארייגענומען צו זיך אין די ווינונגען. פארחלשטע זענען די קינדער געלעגן אין די גאסן. די ענגשאפט אין געטאָ איז געווען געוואלטיק גרויס. אין די הייזער איז פשוט נישט געווען ווי זיך א קער צו טאָן.

# בילגאָריי



בילגאָרייער יידן ביי דער דייטשער אָקופּאַציע.

# בילגאַרייער יידן אין געטאָ

צו יענער צייט האָבן די דייטשן פאַרבאָטן די יידן ארויסצוקומען פון געטאָ כדי איינצוקויפן לעבנסמיטל ביי די פויערים. קיין צוטייל פון פּראָדוקטן פון דער מאכט איז אויך נישט געווען. דער געטאָ איז געשטאַנען פאַרן אויסוועג פון וואַרטן אויף א לאַנגזאַמען הונגער טויט.

פלעגן זיך די יידן ארויסגאַנווענען אין די פּיצנטערע נעכט פון געטאָ און זיך לאָזן בעטלען אין די נענטערע דערפער. אזא „אויספלוג" איז געווען פאַרבונדן מיט טויט־שטראָף. דער הונגער האָט אָבער גובר געווען די מורא און איינשטעלנדיק דאָס לעבן איז מען געגאַנגען זוכן א שטיקל ברויט.

ס־פלעגט טאַקע זייער אָפט טרעפן אז א ייד וועמן מען האָט געכאַפּט מיט א בינטל פּראָדוקטן אין וועג, פלעגט פאַרן דאָזיקן „חטא" דערשאָסן ווערן דורך די דייטשע רוצחים.

דער לעבנגעבליבענער עדות לייזער פּרוכלענדער דערציילט וועגן אזא פאַל מיט לייזער בוכבינדערס טאָכטער. איינשטעלנדיק דאָס לעבן, האָט זי זיך געלאָזט אין דאָרף נאָך עפּעס עסן פאַר איר הונגעריק קינד. זי האָט שוין געהאַט עפּעס צונויפגעקליבן און זיך מיטן ביסל עסן געלאָזט צוריק אין געטאָ אריין, האָבן זי אין וועג געטראָפן צוויי דייטשע סאָלדאַטן. זיי האָבן דער יידישער פרוי רעווידירט און געפינען ביי איר דאָס ביסל פּראָדוקטן. מיט חיהשן כעס און ווילדקייט האָבן זיי עס אוועק־געשליידערט ווייט אויפן פעלד.

די אומגליקליכע מוטער האָט זיך געלאָזט לויפן נאָך דעם ביסל פּראָדוקטן. ווען זי איז שוין אָפּגעלאָפן א שטיקל וועגס און דערגרייכט דאָס קוישל עסן, האָבן די מערדער אין איר צוויי מאָל אויסגעשאָסן.

א גוססע האָט זי קראַמפּהאַפט געהאַלטן דאָס פּעקל עסנווארג צווישן אירע שטאַרע פינגער און מיט אירע לעצטע כוחות געשעפּטשעט: דאָס איז נישט פאַר מיר, „נאָר פאַר מיין קינד". די מערדער האָבן אריינגעשאָסן אין איר פיר קוילן און זי איז געבליבן אויפן אָרט טויט, מיטן פּעקל פּראָדוקטן אין די פאַרשטאַרטע הענט.

... פאַר אלע איז קלאָר געווען, אז די דייטשן גרייטן זיך צו דער טאָטאַלער פאַרניכטונג פון בילגאָרייער יידן, פּונקט ווי פאַר די יידן פון גאַנץ פּוילן.

מען האָט אויף גיך, בסוד סודות גענומען בויען בונקערס, כדי זיך בעת דער ליקווידאַציע קאָנען אויסבאַהאַלטן.

# בילגאָריי

צו יענער צייט איז שוין געווען פּאָפּולער די פּאַרטיזאַנער מחנות, וועלכע האָבן אָפּערירט אין לובלינער קאַנט און אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען פיל יידן פון יענער געגנט.

די בונקערס האָט מען געבויט אין די נעכט. דעמלט האָט מען קיין דייטשע פוס נישט געזען אויף קיין רפואה. זיי האָבן באַנאַכט געציטערט זיך צו ווייזן אין גאַס. די פּאַרטיזאַנער פלעגן זיך באַוויזן פלוצלונג אין שטאָט און אוועקלייגן די דייטשן, וועלכע זיי האָבן געטראָפן. ס׳איז צו יענער צייט נישט געווען דער טאָג, די דייטשן זאָלן נישט ברענגען אין שפּיטאָל אריין געהרגעטע און פאַרוווּנדעטע געסטאַפּאָוצעס, צורעכטגעמאַכטע פון די נקמה־נעמענדיקע הענט — פון די פּאַרטיזאַנער.

עס פלעגן דורך די פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן ווערן סקלאַדעס מיט געווער און אָפט פלעגן פאָרקומען איבערפאַלן פון פּאַרטיזאַנער אויף דייטשע פּאָסטנס.

ס׳איז געווען אפילו א פאַל — דערציילט דער עדות פּרוכלענדער לייזער, ווען די פּאַרטיזאַנער זענען אריין אין עטלעכע דערפער, אויסגעהרגעט דאָרט אַלע דייטשן און געהאַלטן די מאַכט אין זייערע הענט עטלעכע טעג.

די געסטאַפּאָוצעס זענען דורך פּאַרטיזאַנישן געריכט פאַרמשפּט געוואָרן צו טויט־שטראָף און די אָרטיקע פּויערים האָבן איבער זיי אויסגעפירט דעם אורטייל.

בכלל האָבן זיך די פּויערים ווארעם באַצויגן צו דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. צוגעהאָלפן מיט שפּייז און קליידער און מאַסנווייז אריינגעטראָטן אין איער רייען.

אין איינעם א דאָרף וועלכע די פּאַרטיזאַנער האָבן צייטווייליק פאַרנומען, האָבן זיי אָנגעטראָפן אַן אויסבאַהאַלטענע ביי א פּויער יידישע פאַמיליע. די גאַנצע יידישע משפּחה איז צוגעטראָטן צום פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד.

ליקווידאַציע פון בילגאָרייער געטאָ.

לויט גבית עדות פון לייזער פּרוכלענדער.

---

... די גאַנצע „יידישע גאַס״ (דער געטאָ) איז ארומגערינגלט מיט זעלנער,

## אריינפיר



בילגאַרייער קינדער פוצן שטיוול פאַר די דייטשע אָפיצירן און סאָלדאַטן.

## ב י ל ג אָ ר י י

באוואָפנט מיט מאַשין־געווער און ס.ס.־לייט אויף אויטאָס. פון גאַנץ פרי העדן זיך ווייטע און נאָענטע אָפּהילכן פון שיסערייען, די יידישע באַפעלקערונג איז טויט־דערשראָקן, מען פאַרשטייט, אז דאָס אלץ באַטייט אומקום.

מיט א רוצחישער ווילדקייט, ווי צערייצטע חיות האָבן זיך די דייטשע תלינים געוואָרפן אויף די שוצלאָזע יידן און זיי ארויפגעריסן פון זייערע באַהעלטענישן. שוידערלעכע סצענעס זענען פאָרגעקומען, וואָס מיט זייער גרויל שטייגן זיי איבער די מענטשלעכע פאַנטאַזיע.

דער קריסטלעכער עד־ראיה קשאַנזשעק דערציילט וועגן יענעם טאָג: „דער קאָפּ נעמט מיר ווי טאָן, ווען איך טו זיך דערמאָנען יענע גרויליקע בילדער. די געשרייען פון די פרויען, און די פּיצלעך אומשולדיקע קינדער האָבן געשפּאַלטן די הימלען. אזא אכזריות האָט נאָך די וועלט נישט געזען זינט זי עקסיסטירט״.

שרעקלעכע סצענעס זענען פאָרגעקומען ביים אוועקרייסן פון די מוטערס זייערע קינדער. ס־איז אָבער נישט געווען דער פאַל, אז א מוטער זאָל גוטווילליק אוועקגעבן איר קינד אָדער רואיק לאָזן עס אוועקנעמען. די מוטערס האָבן געקעמפט מיט די דייטשע בעסטיעס ביז זייער לעצטן אָטעם. אין מערסטן אזעלכע פאַלן, האָבן די דייטשע באַנדיטן די אומגליקלעכע מוטערס דערשאָסן אויפן אָרט.

וואָס מער די דייטשע סאַדיסטן האָבן געמאָרדעט, אלץ מער איז ביי זיי געשטיגן זייער מאָרד־לוסט. נאָך דעם ווי זיי האָבן אויסגעשאָסן די מוטערס פאַר די אויגן פון זייערע קינדער, האָבן זיי זיך גענומען צו די קליינע עופהלעך. פאַר די קליינע קינדער איז אפילו א קויל געווען זיי א שאָד, זיי האָבן, די דייטשע מערדער, פשוט צעשפּאָלטן די קעפּלעך אָן די טראָטוארן און ברוק־שטיינער.

דער גאַנצער ברוק איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט יידיש בלוט. דער צענטער שטאָט, דער ווין־פערטל פון די יידן, האָט באַקומען דעם אויסזען פון א ריזיקן שעכט־הויז. דאָס בלוט איז גערונען שטראָמענווייז, נישט געוואָלט איינזאַפּן זיך אין דער פאַרהאַרטעוועטער ערד.

אזוי האָט אויסגעזען דער אָנהייב פון דער לעצטער אקציע, אין צווייטן נאָוועמבער 1942.

דער אָנפירער פון דער ליקווידאַציע, דער געסטאַפּאָ־עלסטער, דער באַנדיט ניזנער, האָט באַפוילן, עטלעכע יידן, אויך צווישן זיי אונזדער עדות לייזער פרוכלענדער, צונויפצונעמען די טויטע.

# בילגאָרייער יידן אין געטאָ

די דריטע־מאַי־גאַס, — פון דעם אלטן בית־עולם ביז צו לאָזער קאַנדלס הויז, איז געווען באַדעקט מיט הרוגים, דער גאַנצער ברוקירטער וועג איז געווען דורכגעווייקט מיט אומשולדיק יידיש בלוט.

א גרויסע שחיטה האָבן די דייטשן דורכגעפירט ביי דעם פּלומפּ, נעבן בייראַך הירשמאַן. דאָרט זענען די מענטשן אַרומגעלאָפן ווילד פון פאַרצווייפלונג פון אייַן זייט חורבה אויף דער צווייטער. א לידיקער פּלאַץ. די קוילן האָבן זיך געשאָטן פון אלע זייטן.

טויטע און האַלב טויטע האָבן זיך געוואַלגערט אין אלע טויערן, רינשטאָקן און הייזער, אויף די געלעגערס און אויף דער גאַנצער דריטער מאַי־גאַס.

לייזער פּרוכלענדער, וועלכער האָט אַנטיילגענומען אין אָפּראַמען די טויטע, דערציילט, אז ער מיט נאָך עטלעכע יידן, צווישן וועלכע עס זענען געווען: פישל און נחמן רענער, האָבן בשום אופן נישט געקאָנט זיך אן עצה געבן מיט אַזויפיל טויטע.

פון ליפע וואַגשולס הויז האָבן זיי אַרויסגענומען טרעגערישע וועגעלעך און אויף זיי צוזאַמענגעלייגט די טויטע. פון די געפאַלענע ביים פּלומפּ, נעבן בייראַך הירשמאַן געדענקט דער עדות: פריידע פריידע, דער אלטער גייסט, לייביש ברעזל און יעקב לייכטער. די לעצטע צווי זענען געלעגן אין רינשטאָק נעבן לייביש טייטלבוימס פּלאַץ.

א פּאָר טריט ווייטער איז געלעגן הערש גאַנץ. זיין פרוי האָט נישט לאַנג פאַר דער אַקציע געבוירן א קינד. די באַנדיטן האָבן דאָס קינד דערשאָסן פאַר די אויגן פון דער מוטער און דערנאָך די מוטער אוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

די דייטשן זענען אַרייַנגעפאַלן צום זעכציק־יעריקן שניידער יאָסל פרילינג און אים באַפוילן, ער זאָל זיך וואָס שנעלער אָנטאָן. דער אלטער מאַן האָט נישט באַוויזן אַזוי שנעל זיך אָנטאָן. א מערדערישע קויל האָט געמאַכט א סוף צו זיין לעבן אויף זיין אייגן געלעגער.

פון הויז צו הויז זענען דייטשן געגאַנגען און געשאָסן יעדן, וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפן. זיי זענען אַרייַנגעפאַלן צו מרים־מינדל בריקס. זי האָט געוווינט מיט איר טאָכטער אסתר מאַטל און מיט רייזעלע צוקערמאַן (חיים יוינעס שנור) און אירע קינדער. די דייטשן האָבן זיי אלע דערשאָסן אויפן אָרט.

די דייטשן איז נאָכגעגאַנגען דער אָרטיקער פּאָגראָמשטשיק און באַנדיט קולאַשאַ

בילגאָריי



חיים שטריקנדרייער און לייביש קלאָץ בעת דער דייטשער אָקופּאַציע. 1942.

# בילגאַרייער יידן אין געטאָ

און ווי א שאקאל צעראבירט די יידישע וווינונגען. ער איז ארומגעלאָפן ווי א שד, פון איין יידישער שטוב אין דער אנדערער, זוכנדיק די לעגענדארע יידישע בריליאנטן...

די איבערגעבליבענע יידן האָבן געפרווט רעדן צו אים מיט שטראָפרייד: ווארט־אויס א ביסל, גזלן, דאָס בלוט איז נאָך נישט פארטריקנט געוואָרן, וועסט נאָך האָבן צייט צו ראבירן. ער האָט חוצפהדיק געלאכט אין די אויגן אריין און זיך נאָך געריצט אויפן יידישן בראָך.

דערדאָזיקער כוליגאן אין אויסוורף האָט אויף זיין געוויסן פיל יידישע לעבנס, אייגנהענטיק דערמאָרדעטע און אויך ארויסגעלופערטע אין די הענט פון די דייטשן, יענע, וואָס האָבן זיך אויסבאהאלטן.

ער האָט אָבער באקומען זיין פסק־דין: אין יאָר 1948 איז ער געמשפט געוואָרן פון דער פוילישער רעגירונג און אים, אין דער שטאָט זאמאָשטש פארמשפט צום טויט.

דער שרייבער פון די שורות האָט בייגעווינט אין זאמאָשטש אין 1948 ווען מ׳האָט דעם פסק־דין אויסגעפירט.

---

... אין גאָש געסל, — גיט ווייטער איבער לייזער פרוכלענדער — האָבן זיך געוואלגערט הרוגים. פיל טויטע האָבן זיך געוואלגערט אין די וועלדער און אויף די וועגן וואָס פירן קיין בילגאָריי.

די יידן: לייזער פרוכלענדער, ביינישׂ אדלער, שלמה זילבערליכט, האָבן צונויפגעקליבן צוואנציק הרוגים, זיי אוועקגעפירט אויף דוד גרעבערס פלאץ נעבן דער פלומפ, דאָרט אויסגעגראָבן א גרוב אין זיי געבראכט צו קבר־ישראל.

משה גאָלדברענער, ווען די דייטשן האָבן דורכגעפירט די אקציע, איז געלעגן אין בעט קראנק, אָנגעטאָן אין טלית און תפילין און געווארט אויפן טויט. ווען די הענקער האָבן אים באפוילן, ער זאָל אויפשטיין און גיין מיט זיי, האָט ער זיך אָפגעזאָגט צו פאָלגן. ער איז אויף זיין אייגן בעט דערשאָסן געוואָרן. (א גרויסע

# בילגאָריי



דער מארק און דער מאגיסטראט אין בילגאָריי נאָך דער שריפה.

## בילגאַרייער יידן אין געטאָ

זכיה אין יענע צייטן...)

דאָס ווייב פון יצחק ראָזענבוים האָבן די דייטשן צוגעבונדן צו א וואָגן און אזוי איר ארומגעשלעפט איבער די ברוק־שטיינער פון דער שטאָט, זי האָט אין גרויסע יסורים אויסגעהויכט איר נשמה.

הענע איליש, בייניש אדלער׳ס פרוי, האָט געניית קליידער פאר דייטשע פרויען. זי האָט געהאט א קליין קינד. די דייטשן האָבן איר באפוילן זי זאָל לאָזן דאָס קינד אין דער היים און אליין זאָל זי גיין מיט זיי. זי האָט דאָס קינד נישט געוואָלט איבערלאָזן און עס מיטגענומען. ארויסגייענדיק פון שטוב האָבן די דייטשן דערשאָסן דאָס קינד מיט דער מוטער אינאיינעם.

די דייטשן האָבן אנטדעקט א בונקער. ווו עס זענען געווען באהאלטן צוויי. אנד.: דער בילגאַרייער ייד, דער בעל־דרשן אנשל שאָר. די דייטשן האָבן דעם ייד ארויסגעפירט אין גאַס־געסל און דערשאָסן. פארן טויט האָבן די דייטשן אים געהייסן זאָגן וואָס ער טראַכט. ער האָט זיי געזאָגט: איר האָט שוין די קריג פארשפילט פון דעם מאָמענט אָן, ווען איר האָט זיך גענומען אומברענגען דאָס יידנטום. דער טאָג פון נקמה איז שוין נישט ווייט! איר וועט האָבן אייער פינצטערן סוף!

מיט א ווילדער רציחה האָבן די דייטשן ארייגעיאָגט אין דעם יידן א גרעסערע צאָל קוילן און ער איז געפאלן מיטן לעצטן וואָרט אין מויל: נקמה!

דאָס איז געווען א ייד א גברי. ער האָט געוויגן העכער הונדערט קילאָ. ווען מען איז צוגעפאָרן מיטן וועגעלע אים צונעמען האָט מען געזען, ווי דער מת איז אינגאנצן פארשווימען אין בלוט. — „ער האָט זיך געטובלט אין זיין אייגן בלוט", — גיט איבער דער עדות פרוכלענדער.

---

עס שטייט פאר די אויגן דער „שטעטלשער נביא" חיים ברידער, דער „פריזירער", אין די סאנאציע צייטן, ווען די יידישע געשעפטן פלעגן ווערן פיקעטירט דורך די פאשיסטיש־ענדעקישע „נארא" לייט און די סאנאטאָרישע

## בילגאָריי

רעגירונג האָט געפריידיקט „ראציאָנעלן אנטיסעמיטיזם" און „אָוושעם" — פאָליטיק, פון וועלכע די יידישע באפעלקערונג האָט געהאט אויסצושטיין געברענטע צרות. פלעגט דעמלט דער „נביא" „חיים ברודער" זאָגן: „דאָס איז נאָך גאָרנישט אנטקעגן דעם, וואָס עס וועט נאָך קומען. עס וועט נאָך קומען א צייט, ווען טויטע קערפּערס פון דערמאָרדעטע יידן, וועלן זיך אין מיטן העלן טאָג וואלגערן אין די גאסן. הונגער און נויט און רציחה וועט הערשן אומעטום".

מען האָט דעם דאָזיקן „נביא" אויסגעלאַכט מיט זיינע שווארצע נביאות. ליידער איז אלץ מקוים געוואָרן, נישט נאָר האָט חיים ברודער איבערגעטריבן אין זיינע שווארצע פאָררויסזאָגונגען, נאָר ער האָט פאָרויסגעזען בלויז א קליינעם טייל פון דעם, וואָס עס איז אין דער ווירקלעכקייט געשען...

דער פרעזעס פון יודענראט הערש זילבערבערג האָט געוווינט אין וואגשולס הויז. דורכן פענצטער האָט ער באמערקט, ווי צווישן די הרוגים, וועלכע מען האָט געבראכט צום באגראבן, רירט זיך א מענטש. ער איז שנעל אראָפּגעלאָפן און דערקענט אין פארוואונדעטן דעם רייכן ייד יעקב לייכטער. ער איז געווען בלויז פארוואונדעט אין קארק. / די דייטשן האָבן די יידן געשאָסן נאָר אין קארק/. דער פארוואונדעטער ייד האָט זיך געבעטן: האָט רחמנות" באגראָבט מיך נישט מיט די טויטע, איך לעב נאָך, איך בין בלויז פארוואונדעט.

די דייטשן זענען געווען אָפּערוקט פון גרוב אן ערך 50־מעטער. זיי האָבן די גאנצע סצענע מיטן יידן נישט באמערקט. נאָר דאָס האָט באמערקט א פּאָליאַק פון בילגאָריי מיטן נאָמען פליס, דער וועכטער פון דייטשן קרימינאל אין בילגאָריי. ער האָט באלד צעוויסן געגעבן די דייטשן, אז עס געפינט זיך צווישן די טויטע נאָך א לעבעדיקער. די דייטשן זענען באלד צוגעלאָפן און מיט א רעוואָלווער־שאָס געמאכט א סוף צום לעבן פונם גוסס יעקב לייכטער.

דער מסור פליס האָט אויף זיין אומריינעם געוויסן נישט בלויז דאָס לעבן פון יעקב לייכטער. ער האָט אָנטייל גענומען אין אלע אקציעס קעגן די יידן פון בילגאָריי און פון די נאָנטע דערפער ארום.

# בילגאַריי



מרים וואקסליכט און רבקה וויינבערג
אין באהעלטעניש ביי דעם קריסט
מיקולסקי. קליינע וואָלע 1942.

## בילגאַריי

אויפן צווייטן טאָג, נאָך דער אקציע, איז פאָרגעקומען די „אויסזידלונג" פון איבריקע יידן. וועלכע די דייטשן האָבן צונויפגעטריבן אויפן אָרט, ווו די קאזארמע שאפע איז א מאָל געווען. מ'האָט די יידן געטריבן אויף זייער לעצטן וועג בילגאָריי — זוויערזשיניעץ און פון דאָרט אין די קאלכ־אויוונס מיידאנעק און בעלזשעץ.

ווען עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן, האָבן די דייטשן באפוילן אויפצושטיין. געזעסן איז מען א גאנצע נאכט. ס'איז געווען א געפערלעכע ענגשאפט פון אזוי פיל מענטשן, וואָס מ'האָט דאָרט ארייגעשטופט, אז מ'האט נישט געהאט ווו אוועקצולייגן דעם קאָפּ. מען האָט זיך אויסגעשטעלט אין רייען. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער טרויריקער מארש, דער שרעקלעכער טראגישער מארש פון דער לעצטער עדה בילגאָרייער יידן אויף זייער לעצטן וועג.

ווי א אומענדליך־גרויסע לויה האָט זיך געצויגן דער שוידערלכער מארש פון די פארבליבענע פון דער אקציע בילגאָרייער יידן. געיאָגט האָט מען זיי אונטער א שטארקער וואך פון ס.ס.־לייט, באגלייט מיט קללות, קלעפּ פון שטעקנס און קאָלבעס פון די ביקסן. די דייטשן האָבן גוט אכטונג געגעבן, אז קיינער זאָל נישט אנטלויפן. גיין האָט מען געמוזט שנעל, ממש לויפן, א האָגל מיט קלעפּ אויף רעכטס און אויף לינקס.

בעת דער אויסזידלונג האָט זיך איינגעגעבן דעם פאליאק מיקולסקי, וועלכער ווערט אין אונדזער באשרייבונג דערמאָנט ווי איינער פון די חסידי־אומות־העולם, אפצוראטעווען א יידיש קינד, דאָס אייניקל פון משה (יוקל) גאלדבערג. ווען דאָס פירל, אויף וועלכן דאס קינד איז געפאָרן, איז דורכגעפאָרן אין דער ריכטונג צו דער ברייטער באן־ליניע קיין זשווערזשיניעץ, האָט מיקולסקי אומבאמערקט ארויסגעגנבט דאָס קינד. ער האָט דאָס קינד אויסבאהלטן ביז דער באפרייאונג. דאָס קינד לעבט און געפינט זיך היינט אין אמעריקע.

אָנגעקומען קיין זוויערזשיניץ, האָבן אויף די יידן געווארט וואגאָנען ווו מען האָט זיי פארלאָדן. אויב ס'איז עמיצער אויפן וועג קיין זוויערזשיניץ אפגעשטאנען, האָט א דייטשע קויל א סוף געמאכט צו זיין לעבן. אזוי איז אומגעקומען די פרוי שאָשע שלעכטערמאן. ווען מ'האָט געפירט די געפייניקטע און אויסגעמוטשעטע בילגאָרייער יידן צו דער באן סטאציע קיין זוויערזשינעץ האָט א ס.ס.־מאן אויפן וועג אויסגעריסן דאָס קינד פון דער פרוי שאָשע

## בולגאַריי



די פאמיליע ראָזנבוים ביי דעם קריסט מיקולסקי:
בנציון ראָזנבוים, פערעלע ראָזנבויו און
חיים ראָזנבוים.

שלעכטערמאַן.

פון שוואכקייט האָט די פרוי שלעכטערמאַן נישט געקאָט גיין און געפאלן חלושות. דער דייטש וואָס האָט ביי איר דאָס קינד אויסגעריסן, האָט אין איר, און אין דעם שוין טויטן קינד, אריינגעיאָגט א סעריע קוילן פון א אוטאָמאט.

אין די ראָוועס, ביים ראנד פון שאָסיי, זענען געלעגן פארפייניקטע בילגאָרייער יידן און מוראדיק געשריגן און גערופן נאָך הילף. די יללות האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געשטעפ פון מאשין־געווער.

די גאנצע עדה יידן האט מען פאריאגט צו דער באן סטאציע, וואו ס׳איז שוין געווען צוגעגרייט וואגאנען, אויסגעשמירטע מיט קאלך. ביי יעדן וואגאן זענען געשטאנען עטלעכע ס.ס.־לייט מיט שטעקנס און געשלאגן מיט ווילדע רציחה די אריינגייער אין די וואגאנען.

ביים אריינגאנג האט מען געדארפט ארויפגיין אויף טרעפלעך. ווער עס איז געווען פעאיק און האָט זיך שנעל אריינבאקומען אין וואגאָן, דער האָט אויסגעמיטן דאָס ווערן צעשלאָגן. ס׳איז געווען א שטופעריי ביים אריינגאנג. יעדער האָט געוואלט זיין וואָס פריער אינעווייניק. די דייטשן האָבן אויסגעניצט די געלעגנהייט און געשלאָגן מכות־רצח. זיי האָבן געשלאָגן איבער די קעפ פון זקנים און קינדער. נישט געקוקט ווער ס׳איז אונטערגעקומען. די יללות און קולות פון די פארוואונדעטע זענען געגאנגען עד לב השמים. אין יעדן וואגאָן האָט מען אריינגעשטופט קנאפע 110־נפשות. דאָס אלץ איז געמאכט געוואָרן אויפן דייטשן שטייגער: אין שנעלן טעמפאָ. מ־האָט אויפגעלאדן די יידן במשך א האלבע שעה צייט, און פארבלאָמבירט די וואגאָנען.

דער גאנצער צוג איז געווען באוואכט מיט ס.ס.־לייט. אנטלויפן איז געווען אומעגלעך. ביי יעדן וואגאָן אויפן דאך האט מען אוועקגעשטעלט ס.ס.־מאַן מיט מאשין געווער.

עס איז געווען ווי געזאָגט, אומבאשרייבלעכע ענגשאפט אין די וואגאָנען. נישט קיין טראָפן וואסער, נישט קיין עסן האָט מען אין די וואגאָנען געלאָזט אריינעמען. מענטשן זענען צעשמאָלצן געוואָרן פון דער היץ. ס־האָבן זיך געהערט געוויינען פון קינדער און פון די פארוואונדעטע. דער קאלך אין די וואגאָנען האָט געברענט זייערע ווונדן. אן אומדערטרעגלעכע פייניקונג, אן אמתער גהינום! בעת דער צוג איז געווען אין פולן גאנג, האָבן טייל מענטשן אָנגעהויבן זוכן

# ב י ל ג אָ ר י י



אויף די חורבות פון דער שטאָט האָבן די דייטשן
אויפגעבויט א נייע געביידע. פון דעמדאָזיקן הויז
זענען ארויס אלע גזרות לגבי דער יידישער
באפעלקערונג און בילגאַריי און געגנט.

## ב י ל ג אָ ר י י

מכשירים כדי אויפרייסן ברעטער און פרווון אנטלויפן. דער ווילן צו לעבן איז געווען זייער גרויס, אבער די מורא פארן שפרינגען פון וואגאנען איז געווען נישט קלענער.

ווען ס־איז עמיצן געלונגען אדורכברעכן די ברעטער און שפרינגען פון דער לופנדיקער באן, איז ער, אָדער ארונטערגעפאלן אונטער די רעדער פון וואגאָנען און צעריבן געוואָרן, אָדער שטארק פארוואונדעט געוואָרן און געבליבן ליגן אין א טייך בלוט מיט צעבראָכענע אברים...

פיל מענטשן זענען געשפרונגען פון די וואגאָנען אָבער די „גליקלעכע" זענען געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט, אָדער ארייגעפאלן אין די הענט פון דער פוילישער אונטערוועלט, צו סתם פּאָליאקן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון דייטש. אָט־די אויסוורפן האָבן צוגענומען די ווערט־זאכן פון די טויטע און פארוואונדעטע, צום לעצט האָבן זיי איבערגעענטפערט אין די הענט פון געסטאפאָ.

א שטיק צייט נאָך דער ליקווידאציע פון בילגאָרייער געטאָ, האָבן זיך אין בילגאָריי געפינען יידן, באהאלטענע אין ספּציעל פון פריער צוגעגרייטע, בונקערס נאָכדעם ווי בילגאָריי איז שוין געווען פולשטענדיק „יודענריין" האָבן די דייטשן זיך גענומען ליקווידירן די באהאלטענע אין די בונקערס.

מיט דער הילף פון אָרטיקע שפּיאָנען כוליגאנעס, האָבן די דייטשן אנטדעקט און ליקווידירט איין בונקער נאָכן אנדערן. שפּיאָנען האָבן אין בילגאָריי נישט געפעלט, בפרט נאָך, אז פאר יעדן לעבעדיק־געפונענעם יידן, האָט דער שפּיאָן באקומען א קילאָ צוקער...

---

אין אזא אויסשפּיר־אקציע האָבן די דייטשן אָנגעטראָפן אויף א גוט־פארמאסקירט בונקער ביי אליעזר שניידער אין הויז. אין דעמדאָזיקן בונקער זענען געווען אויסבאהאלטן ביי א 60־יידן.

## בילגאָרייער יידן אין געטאָ

ביי לאָזער שניידער איז געווען א פינצטערער קעלער. קיין טרעפ אראָפצוגייין אין דעם קעלער איז נישט געווען.

מענדל האָרוויץ, וועלכער האָט זיך געפינען צווישן די גרופע באהאלטענע יידן, האָט פארשטעלט דעם אריינגאנג פון דעם קעלער מיט אלטע ברעטער און שטיינער. ער טאקע האָט אריינגענומען א הין די גרופע יידן. אין דעם קעלער איז אויך געווען מענדלס זון וואָס איז דעמלט אלט געווען 12 יאָר. דאָס יינגל איז געווען דער „לויפר" און דער באזאָרגער פאר די יידן אין קעלער. ער איז ווייניק ווען געזעסן אין קעלער, תמיד געווען גרייט ערלעדיקן נויטיקע זאכן. יעדער נאכט א זייגער 12 פלעגט ער קומען אין קעלער און אריינברענגען דריי זעק מיט ברויט.

איינמאָל באנאכט, האָט מענדל האָרוויצס יינגל אוועקגערוקט די ברעטער כדי ארויסגיסן די עמערס מיט שמוץ, אין דעם מאָמענט זענען דורכגעגאנגען צוויי דייטשע ס.ס.־לייט. זיי האָבן דעמלט פונקט פאטרולירט די גאס אין דערזען עימיצן פאָרן זיך ביי דעם הויז, דאָס יינגל איז צוריק אריין אין קעלער און פארמאכט דעם אריינגאנג. די דייטשן האָבן מיט חשד געקוקט אויף דעם אָרט און שפעטער געפאָדערט פון צוויי קריסטן וועלכע האָבן געוווינט אין אליעזר שניידערס הויז, זיי זאָלן די שטיינער און ברעטער אוועקנעמען.

פאר זייערע אויגן האָט זיך אנטפלעקט א פינצטערער גרוב פון וועלכן עס האָט זיך דערהערט א יאָמערליכער שמע־ישראל...

האנט גראנאטן האָבן דערשטיקט זייערע שמע־ישראל געשרייען. אפילו די, וואָס האָבן זיך ארויסבאקומען פון קעלער, זענען ווייט נישט דערלאָפן...

געווען זענען דאָרט: מענדל האָרוויץ מיט זיין פרוי, זיין טאָכטער און אייניקל, שמואל פוקסמאן (אים האָט מען געפינען אויפן בוידעם ביי זיך אין דער היים) זיין פרוי און קינדער, אסתר זוסמאן מיט פינף קינדער, ביילע גיטל מיט אלע קינדער, לאָזער שניידער'ס קינדער און אייניקלעך, שלום ראָפּערס פרוי (אים שלום ראָפּערס, האָבן די דייטשן ביי דער אקציע ארויסגעפירט קיין בעלזשיץ,) שמחה מערצער מיט זיין פרוי, טאָכטער און נאָך אנדערע.

די טאָכטער פון לעצטן האָבן די געסטאפּאָ־לייט ארויסגעפירט נאקעט אויפן הויף, באפוילן איר מאכן גימנאסטישע איבונגן, באדעקנדיק דערביי איר לייב



פיל בילגאָרייער קינדער האָט מען „אויסגעזידלט" קיין בעלזשעץ פון דער באַן סטאַציע, זווערזשיניעץ. אויף דער בילד: א גרופע קינדער ביים אויפלודן אין די קאלאך־וואַגאָנען אויף זייער לעצטן וועג.

# בילגאַרייער יידן אין געטאָ

מיט קלעפּ פון לעדערנע ראַפּניקעס.

דאָס בלוט איז פון דעם מיידל גערונען, זי האָט שוין נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. די באַנדיטן האָבן נישט אויפגעהערט צו שלאָגן, ביז זי איז געפאַלן חלושות אויף דער ערד. ערשט איצט האָט א דייטש אריינגעשאָסן אין איר עטלעכע קוילן.

אין א צווייטן בונקער איז געווען אויסבאַהאַלטן שלום ראַפּאַפּאָרט מיט זיין פרוי און קינדער. מ׳האָט זיי אלע ארויסגעפירט אויפן הויף און דערשאָסן.

---

איטשע בעכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין טשוויקלעס וואַלד, ס׳איז שוין געווען עטלעכע וואָכן נאָך דער ליקווידאַציע. געטריבן פון הונגער, איז איטשע געלער ארויס פון וואַלד זוכן עפּעס עסן. ער איז אָנגעקומען אין שטאָט אריין אין א געוועלב און עפּעס געקויפט. ארויסגייענדיק פון געוועלב, האָבן געסטאַפּאָווצעס אים דערקענט אלס ייד און האָבן אים געפרווט פאַרהאַלטן. דער ייד איז אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון געוועזענעם יידישן ראַיאָן און זיך אויסבאַהאַלטן אין הויף פון לאָזער שניידער.

די דייטשן האָבן ארומגערינגלט דאָס הויז און דורכגענישטערט יעדעס ווינקל, ס־איז באַלד געוואָרן אַן אַלאַרם (א קלייניקייט: א ייד אין שטאָט) ס־זענען באַלד אָנגעקומען דייטשן אויף מאָטאָציקלעטן און האָבן איטשע בעכער ארויסגעשלעפּט פון זיין באַהעלטעניש, מ־האָט אים מערדערליך צעשלאָגן, אויסגעטאָן נאַקעט און דערשאָסן.

---

אין דער לעצטער אַקציע פון בילגאָרייער געטאָ זענען אין בילגאָריי אומגעקומען פיר הונדערט יידן. מ־האָט זיי אלע אוועקגעפירט אויפן בית־עולם, אויסגעגראָבן 4־גריבער און זיי דאָרט באַגראָבן, הונדערט מאַן אין א קבר.

דער ייד בלומענווייס איז געווען א שמאטעס הענדלער. ווי אזעלכער, איז ער שטענדיק ארומגעגאנגען איבער די דערפער צונויפקלייבן די שמאטעס.

ער האָט געהאט צווישן די פויערים א סך באקאנטע. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאציע פון בילגאָרייער געטאָ, איז דער ייד אוועק אויפן דאָרף און דאָרט זיך אויסבאהאלטן. עטלעכע וואָכן נאָך דער ליקווידאציע האָבן אים פויערים געבראכט צו שלעפן פון דאָרף וואָליניעץ, מיט א שטריק אויפן האלדז. ער איז באלד אויף דער גאס דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

---

ווען דער געטאָ איז שוין געווען פולשטענדיק ליקווידירט, האָבן די דייטשן, איבערגעלאָזן ביי א דרייסיק יידן — באלמלאָכעס. דידאָזיקע יידן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט א מין קליינער געטאָ. דערדאָזיקער קליינער געטאָ האָט זיך געפינען אין ליפאָ וואגשולס הויז. די דייטשן האָבן דעם געטאָ דערוויל צורו־געלאָזט און מ־איז מער ווייניקער געווען באזאָרגט מיט עסן אויך.

האָבן איניקע יידן, וועלכע זענען געווען אויסבאהאלטן אין די בונקער און אין וואלד אָדער הינטער דער שטאָט, געפרווט, צוליב דעם הונגער און קעלט. זיך אריינגנבנען אין קליינעם געטאָ אריין. מערסטנטייל אָבער האָבן זיך אזעלכע שריט געענדיקט מיט טויט.

דאָס מיידל שרה פארשטענדיק האָט זיך געוואָלט אריינבאקומען אין געטאָ. צוקומענדיק צום אָרט, האָט זי אָנגעטראָפן אויף א דייטשן פאטראָל. זי האָט באלד גענומען אנטלויפן. די דייטשן האָבן זי נאָכגעיאָגט און געכאפט. אויס מורא אז די דייטשן זאָלן איר נישט דערשיסן, האָט זי זיך פארטיידיקט, אז זי געהערט צום געטאָ. דעמלט האָבן די דייטשן ארויסגערופן דעם פרעזעס פון געטאָ הערש זילבערבערג און אים געפרעגט, צי דידאָזיקע יידישע פרוי געפינט זיך אויף דער ליסטע פון די געטאָ־איינוווינער, פון די פרויען פון די ארבעטנדיקע (א העלפט פון קלייענם געטאָ זענען געווען פרויען פון די ארבעטנדיקע). דער פרעזעס הערש זילבערבערג האָט געענטפערט אז נ י י ן, זי געפינט זיך ניט אויף דער ל י ס ט ע . . .

די דייטשן האָבן שרה פארשטענדיק אויפן אָרט צוגעשטעלט צו דער וואנט

# ב י ל ג אָ ר י י



צוויי בילגאָרייער יידן אין א ווינטער טאָג אין הויף פון

בילגאָרייער קרימינאַל.

# בילגאַריי

און דערשאָסן.

... אין הויז פון קליינעם געטאָ, איז געווען א קליין פינצטער קעמערל הינטער די טרעפּ. דאָרט האָבן זיך אויסבאהאלטן עטלעכע יידן (דער פריזירער דוד טוך און נאָך צוויי יידן פון בילגאַריי). דאָס קעמערל איז געווען גוט פארמאכט אזוי אז מען האָט עס נישט געקאָנט דערקאָנען.

אין א געוויסן טאָג, איז אין דעם הויז אריין דער געסטאַפּאָוויעץ, דער באוווסטער תליין פון די בילגאַרייער יידן, ניזנער. ער איז געגאנגען דורך דער הינטער־טיר, אזוי אז מען האָט אים נישט באמערקט. ער האָט דערהערט א פארדעכטיקן גערויש פון דער זייט, ווו עס איז געווען דאָס קעמערל.

ער האָט באלד באפוילן מען זאָל פון אינווייניק עפענען די טיר. ווען קיינער האָט זיך פון דאָרט נישט אָפּגערופן, האָט ער דורך דער פארמאכטער טיר געעפנט א פייער פון זיין רעוואָלווער, דערמאָרדניק די יידן אינווייניק אין קעמערל.

דער עדות לייזער פּרוכלענדער און נחמן רענער זענען אריין אין קעמערל און ארויסגעשלעפט פון דאָרט די טויטע גופים פון די דריי בילגאַרייער יידן. דער פריזירער דוד טוך האָט נאָך באוויזן סמנים פון לעבן. דער תליין ניזנער האָט באפוילן צו זוכן אין די קעשענעס פון די דערמאָרדעטע. מ־האָט די טויטע קערפּערס אָפּגעלייגט אין א זייט און זיי איינציקוויז באזוכט. ווען לייזער פּרוכלענדער איז געשטאנען אָנגעבויגן איבערן גוססן דוד טוך, האָט דער געסטאפּאָוויעץ אריינגעשאָסן אין לעצטן דריי קוילן און גלייך אים פארענדיקט זיין לעבן.

אין עטלעכע וואָכן ארום, איז אויפן הויף פון ליפּע וואגשול דערשאָסן געוואָרן דער פּרעזעס פון יודענראט הערש זילבערבערג מיט זיין פאמיליע.

די בילגאַרייער יידישע פרוי עלקע הודעס, איז געווען אין טארנאָגראָד ביז דער ליקווידאציע פון דער דאָרטיקער יידישער באפעלקערונג. נאָך דער ליקווידאציע איז זי געקומען קיין בילגאַריי. אויך דאָ אָבער האָט זי נישט אויסגעמיטן דער טויט. זי איז דאָ גלייך מיט נאָך אנדערע יידן אומגעקומען.

איטשע מאיר איליש האָט זיך בעת דער ליקווידאציע אויסבאהאלטן אין הויז פון דעם קריסט מאלאווסקי. ער איז געלעגן אויפן בוידעם עטלעכע וואָכן, א געשוואָלענער פון קעלט און הונגער. נאָך דער ליקווידאציע איז ער, א האלב טויטער אָנגעקומען אין קליינם געטאָ, זיך אויסבאהאלטן אין א קליינעם קאסטן,

## בילגאָריי



**פיל בילגאָרייער קינדער האָט מען פארשיקט אין די טויט לאגערן:** מאידאנעק און בעלזשעץ. אויף דער בילד: א יידיש קינד מיט א נומער אויף דעם הענטעלע.

איז ער אָפּגעזיסן פיל טעג. ער איז אין א פּאָר טעג שפּעטער געשטאָרבן זיצנדיק אין קאסטן.

עס זענען געווען אויך מענטשן, וואָס האָבן נישט געוואָלט וואַרטן אויפן טויט און האָבן אליין א סוף געמאַכט צו זייערע מאַטערנישן דורך אַראָפּשלינגען ציאַנקאַלי פּאַטאַס אָדער אַנדערע גיפטן. לאַזער קאַנדל האָט זיך געסמט ביי זיך אין הויז און איז אָפּגעלעגן דאָרט צוויי טעג. די איבערגעבליבענע פון דער אַקציע, בילגאָרייער יידן, האָבן אים געוואָלט ברענגען צו קבורה, אָבער נאָך די צוויי טעג איז לאַזער קאַנדל אויפגעשטאַנען „תחית המתים" און זיך בשום אופן נישט געלאָזט באַגראָבן . . .

די דייטשן האָבן זיך דערוווסט פון דעם, האָבן זיי אים אַרויסגעפירט אויף זיין הויף און דערשאָסן. דער באַנדיט מאַייעווסקי האָט נאָכן צורויבן ביי דוד שלאָפּראָק דאָס גאַנצע פאַרמעגן, אים מיט זיין משפחה דערשאָסן ביי יחזקאל קאַנדל אויפן הויף.

נאָטע קראָנענבערג האָט מען געפינען באַהאַלטן ביי זיך אין דער היים. מ'האָט אים געפירט אין בילגאָרייער קרימינאַל. ער איז געווען א צעבראָכענער און שוואַכער מענטש, האָט ער נישט געקאָנט נאָכגיין דעם געזונטן ס.ס.־מאַן. דער דייטש האָט אים אַריינגעפירט אויף יחזקאל קאַנדלס הויף און דערשאָסן.

זיין זון אביגדור האָט מען געפינען אין קליינעם געטאָ. א דייטש האָט זיך פון דעם דערוווסט און אים פון דאָרט אַרויסגענומען צו פירן אין קרימינאַל (דעמלט האָט מען אַלע געכאַפּטע יידן געפירט אין קרימינאַל). אויפן וועג האָט דער דייטש ביי אים באַמערקט א גאָלדענעם זייגער, ער האָט אים אין קרימינאַל שוין נישט געפירט. ער האָט אים אַריינגעטריבן אין קלימקעוויטשעס הויף, און אים דערשאָסן און צוגערויבט דעם זייגער.

בעת דער אַקציע אין בילגאָריי איז דערשאָסן געוואָרן א ווינער יידישער דאָקטאָר. ער האָט געגעבן הילף די קראַנקע אין געטאָ.

